STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09247

POYLE-TSIEN ALMANAKH

Poale Zion (Poland)

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פּועלי-ציון אַלמאַנאַך

צום 25-יאָריקן יובל פון דער פּועלי-ציון-באַוועגונג)

פאַרלאַג „נייע קולטור" ווארשע

1931

Copyright by Coop. „Nowa Kultura“ Warsaw 1931

Printed in Poland

POALEJ - CIJON ALMANACH
Z okazji 25-cio letniego jubileuszu ruchu poalej-sjonistycznego

Wydawn. „NOWA KULTURA“
Warszawa Nowolipki 36 / 10

Druk. „REKORD“ Dzika 18

אונזער גרוס!

אין חודש מערץ איז געוואָרן 25 יאָר זינט דעם ערשטן גרינדונגס־
צוזאַמענפאָר פון פועלי־ציון אין אַמאָליקן רוסלאַנד. פאַקטיש איז עס אַ
דאַטע פאַר דער פועלי־ציון־באַוועגונג אין דער גאָרער וועלט. אַ צייט
לאַנג פאַר דעם דאָזיקן צוזאַמענפאָר אין פאָלטאַווע זענען אין רוסלאַנד
גופא און אויך אין אַנדערע לענדער (עסטרייך, אַמעריקע, ענגלאַנד) אַנט־
שטאַנען אַרבעטער־גרופן מיטן נאָמען פועלי־ציון. זיי אַלע זענען צווישן זיך
נישט געווען פאַרבונדן און נישט געהאַט אַפילו קיין אידעישן קאָנטאַקט.
עס האָט גענומען עטלעכע יאָר ביז עס האָט זיך אויסקריסטאַליזירט אין די
רייען פון די פאַרשידענע פועלי־ציון גרופן גופא דער אידעישער פרצוף
פון דער נייער באַוועגונג, וועמען עס איז שפעטער באַשערט געווען צו
שפילן אַ פירנדיקע ראָל אין דער פּאָליטישע דערציונג פון יידישן אַרבע־
טער־קלאַס, און אין דער אָרגאַניזירונג פון די יידישע אַרבעטער־מחנות אין
גאָר דער וועלט צום פּראָלעטאַרישן קאַמף פאַר זייער פולער נאַציאָנאַלער און
סאָציאַלער באַפרייונג.

אין דער אידעישער קריסטאַליזירונג און פּראָלעטאַרישער זעלבסטבאַ־
שטימונג פון דער פועלי־ציון־באַוועגונג האָט די רוסישע פאַרטיי פאַרנומען
דעם אָנגעזעענסטן אָרט. גלייך פון איר אַנטשטיין האָט זי פאַרטראָטן אַ
שטרענג מאַרקסיסטישע שטעלונג צו אַלע פּראָבלעמען פון אַלגעמיינעם און
יידישן אַרבעטער־קאַמף און אין משך פון קנאַפע צוויי צענדליק יאָר איז
איר אויסגעקומען צו פירן דעם קאַמף פאַר אַן אויסגעהאַלטענער מאַרקסיס־
טישער קלאַסן־ליניע אין דער פועלי־ציון־באַוועגונג גופא. דער דאָזיקער אי־
נערלעכער קאַמף האָט זיך געפירט אין די רייען פון דעם אַלוועלטלעכן פו־
על־ציון־פאַרבאַנד, וועלכער איז אָרגאַניזירט געוואָרן אין יאָר 1907. מיטן

אָנקום פון דער וועלט־מלחמה און שטורמישן אויפברויז פון רעוואָלוציאָנערן אַרבעטער־קאַמף האָבן די פריער אינערלעכע חלוקי־דעות אָנגענומען אַזעלכע שאַרפע פאָרמען, אז זיי האָבן געמוזט אויפרייסן די כלומרשטע איינהייט פון וועלט־פאַרבאַנד. ס׳איז געקומען צו דער שפאַלטונג אויף דער פינפטער וועלט־קאָנפערענץ אין ווין, ווען די רעכטע רעפאָרמיסטישע גרופן האָבן פאַרלאָזט דעם פאַרבאַנד.

אויב ביז צו דער דאָזיקער שפאַלטונג האָט בלויז א טייל, ווען אויך דער גרעסטער, אָנערקענט די אידעישע העגעמאָניע און אָנפירערשאַפט פון דער רוסלענדישער פועלי־ציון־פאַרטיי, עפנט די ווינער קאָנפערענץ פון 1920 א ניי בלעטל אין דער געשיכטע פון דער פועלי־ציון־באַוועגונג. דער גאַנצער פאַרבאַנד, די גאַנצע וועלט־באַוועגונג שטעלט זיך פעסט און איינזיק אויפן באָדן פון מאַרקסיזם און די אויסגעהאַלטענע קלאַסן־ליניע פון די פועלי־ציון אין רוסלאַנד ווערט די איינהייטלעכע ליניע אין דער אַרבעט און אין קאַמף פון דער גאַנצער פועלי־ציון ־ וועלט־באַוועגונג.

פייערן איצט פועלי־ציון אין גאָר דער וועלט די גרינדונגס־דאַטע פון די רוסישע פועלי־ציון, ווייל דאָס איז דער געבורטס־טאָג פון דער אַלוועלטלעכער מאַרקסיסטישער פועלי־ציון־באַוועגונג. נישטאָ קיין פועלי־ציוניזם מחוץ די רייען פון די באָראָכאָוויסטישע פועלי־ציון, עס קאָן נישט געמאָלט זיין קיין פועלי־ציוניסטישע באַוועגונג, אויב זי אָנערקענט נישט די גרונט־יסודות, וועלכע זענען פאָרמולירט געוואָרן מיט 25 יאָר צוריק אויפן פאַלטאַווער צוזאַמענפאָר, און וועלכע זענען שפעטער אין פייער פון קאַמף אויסגעפאָכטן געוואָרן דורכן גאַנצן יידישן אַרבעטער־קלאַס אויף די שלאַכט־פעלדער פון דער אומעטומיקער יידישער ווירקלעכקייט.

ווערט דער יובליי פון דער מוטער־פאַרטיי געפייערט דורך די פועלי־ציון אין אַלע לענדער פון יידישן אַרבעטער־קאַמף. אין פוילן איז אויסגעוואַקסן א פראָלעטאַרישע מאַסן־באַוועגונג, וועלכע פירט עקשנותדיק און באַגייסטערט דעם קאַמף אויף אַלע געביטן פון אַרבעטער־לעבן. אין די פאַרייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע און אין קאַנאַדע האָבן די מאַרקסיסטישע פועלי־ציון געראַטעוועט די גרויסע ירושה פון באָראָכאָוו און האַלטן הויך די פאָן פון קלאַסן־קאַמף קעגן רעכטן רעפאָרמיזם און כלל־ישראל־ציוניזם, ווי קעגן דער דעמאָראַליזירנדיקער אַסימילאַציע־אַרבעט פון די קאָמוניסטן צווישן די יידישע אַרבעטער. אין ווייטן אַרגענטינע זענען די פועלי־ציון ווייטער אויף דער וואַך פון יידישע אַרבעטער־אינטערעסן, אין אורוגוויי און אין בראַזיל הילכן די לאָזונגען פון פועלי־ציון אַלץ העכער און מונטערער. אין פראַנקרייך און בעלגיע בילדן זיך אויס פעסטונגען פון באָראָכאָוויסטישן פועלי־ציוניזם. אין דייטשלאַנד דרינגט

אַריין דער פּועלי־ציוניזם אין די רייען פון אָרטיקע געבוירענע יידישע אַרבעטער און יוגנט. אין יונגן יישוב אין קובא ווערט געהערט דאָס פּועלי־ציון וואָרט. אין רומעניע ראַנגלט זיך דער יידישער אַרבעטער צום פּועלי־ציוניזם, וועלכער ווערט גערודפט דורך דער מאַכט. אין פאַשיסטישן ליטע, אין די ערגסטע און שרעקלעכסטע באַדינגונגען לעבט און ווירקט די פּועלי־ציון־פּאַרטיי און אין פּאַלעסטינע איז די פּועלי־ציון פּאַרטיי די איינציקע, וועלכע ווייזט דעם יידישן אַרבעטער דעם קלאַסן־וועג צו זיין ציל.

אין ראַטן פאַרבאַנד האָט מען נאָך צען יאָר פרייער עקזיסטענץ אונטער דער הערשאַפט פון אַרבעטער־מאַכט פאַרטריבן אונטער דער ערד די פּאַרטיי פּועלי־ציון. אָבער אירע לאָזונגען זענען נישט דערשטיקט און נישט פאַרטריבן אונטער דער ערד. זיי שפּאַרן אַרויס מיט אַ סטיכישער אומבאַזיגבאַרער מאַכט פון אַלע ווינקעלעך פון יידישן לעבן, בפרט דאָרט, ווו עס וואַכן אויף די אויפבוי־כּוחות פון דער רעוואָלוציע.

ווערט דער יובילאַר — די פּועלי־ציון מוטער־פּאַרטיי אויפגענומען אין איר אומלעגאַליטעט דעם גרוס פון אירע לאָזונגען, וועלכע ווערן אַלץ מער לעגאַליזירט דורכן לעבן, און פון פּאַר וועלכע עס קעמפן איצט טויזנטער און טויזנטער יידישע אַרבעטער אונטער די פאָנען פון דער פּאַרטיי, „יוגנט“ און „יונגבאָר“. שיקן מיר דורכן אַלמאַנאַך דעם קאַמפּס־גרוס פון דער פּועלי־ציון־פּאַרטיי אין פּוילן צו די פּועלי־ציון־מחנות אין גאַר דער וועלט בראש מיט אונזער אַוואַנגאַרד־מחנה אויף די פאָדערשטע און פאַראַנטוואָרטלעכע פּאָזיציעס אין פּאַלעסטינע.

העכער די פאָנען פון פּועלי־ציון. שטאַרקער די לאָזונגען פון יידישן אַרבעטער־קאַמף, פעסטער און מוטיקער אויפן וועג פון סאָציאַליסטישן נצחון!

זרבבל

דער היסטארישער אויפטו פון פּועלי-ציון

I.

דער ערשטער אויפטו פון פּועלי־ציוניזם איז זיין פּעטאָדאַ־לאָגיע. פּועלי־ציון האָבן אויסגעלערנט די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג צו טראַכטן וועגן פּראָבלעמען. נישט נעמען פאַקטן, ווי זיי שטייען, נאָר אין זייער גאַנג, דערגרונטעוען זיך זייערע סיבות, אויסגעפינען זייער אַפּשטאַמונג און, לויט דעם, פעסטשטעלן זייער ווייטערדיקן לויף.

אויב אין דער אַלגעמיינער אַרבעטער־גאַס האָט זיך שוין געהאַט איינגעבירגערט דער מאַרקסיזם, און ווער ס'האָט געוואָלט נעמען שטעלונג צו געזעלשאַפטלעכע פראַגן, האָט זיך געמוזט ווענדן צו זייער עקאָנאָמישן אורשפרונג, איז אָבער דאָס יידישע פאָרשונגס־פעלד געווען אינגאַנצן פאַרוואָרלאָזט און פאַרמיסטיקט. די ערשטע פאַרטיי פון דער יידישער אַרבעטערשאַפט, דער „בונד" האָט זיך נישט געגעבן די טרחה אריינצוביליקן טיפער אין די דערשיינונגען פון יידישן לעבן און פאַרשטיין, פון וואַנען זיי נעמען זיך. ער האָט זיך באַנוצט מיט אַ שוין פאַרטיקן שאַבלאָן, מיטן טראַפאַרעט פון גאַנגבאַרער סאָציאַליסטישער אַגיטאַציע קעגן עקספּלואַטאַציע, קעגן פינצטערניש, קעגן פאַרשקלאַפונג. ער האָט אַפילו נישט געפרווט צופּאַסן דעם שאַבלאָן צום יידישן לעבן, צו זיין ספּעציפישן כאַראַקטער און אייגנאַרטיקן פּרצוף. אין דעם באַשטייט דאָך דאָס שאַבלאָנאַרטיקע,

האָט עס וויל נישט וויסן פון אייגנאַרטיקייטן און אַלע יוונים האָבן ביי אים איין פּנים.

דער „בונד“ האָט נישט געזען דאָס ספּעציפישע אין יידישן אַרבעטער־לעבן אַחוץ אין זיין באַזונדערער שפּראַך, אין דעם „זשאַרגאָן“, וועלכער איז אָבער נישט מער, ווי אַ טעכניש מיטל ביים פאַרשפּרייטן די אַלגעמיינע סאָציאַליסטישע לערע. דער טעכנישער מאָמענט איז, פאַרשטייט זיך, נישט דער דעצידירנדיקער, און דער „בונד“ האָט דעריבער נישט געזען קיין שום אייגנאַרטיקע פּראָבלעמען אין יידישן לעבן, וואָס דער פּראָלעטאַריאַט זאָל זיי האָבן צו לעזן.

פּועלי־ציון האָבן איינגעפירט דעם מאַרקסיסטישן מעטאָד אין דער פאָרשונג פון יידישן לעבן. זיי זענען געווען די ערשטע, וואָס האָבן אָנגעהויבן פאָרשן די יידישע סביבה לויט אַ באַשטימטן, מאַרקסיסטישן אופן. דאָס איז געווען אַ נייער צוגאַנג צו פאַקטן און דערשיינונגען, און צו יענער צייט האָט דאָס באַדייט ממש אַ רעוואָלוציע אין דעם וועלט־באַנעם נישט נאָר פון די יידישע מאַסן, נאָר אויך פון דער יידישער אינטעליגענץ, וועלכע האָט זיך געפונען אונטער דער מעכטיקער השפּעה פון אחד העם און זיין „גייסט“־פילאָזאָפיע.

די „יידישקייט“ האָט זיך עפּעס נישט אַריינגעפּאַסט אינם אָנגענומענעם מאַטעריאַליסטישן געשיכטע־באַנעם. ביי דער שוועל פון יידישן געטאָ האָט מען זיך אויסגעטאָן פון מאָדערנע אייראָפּעיִשע באַגריפן און צוריק אָנגעטאָן די צעלעכערטע פאַנטאָפל פון אַלטפרענקישע, רעליגיעזע אַבסאָלוטן. „יידישקייט“ איז אַן אייביקע סובסטאַנץ, „נצח ישראל לא ישקר“. דער איינציקער מיטל, ווי צו באַקעמפן אָט די „יידישקייט“, איז געווען: אויסצודרייען זיך צו איר מיטן רוקן, אַנטלויפן פון איר, איבעררייסן מיט איר יעדע מגע ומשא. ס'איז געווען פעסט דאָס געפיל, אַז קיום בלייבט ווייטער עקזיסטירן די יידישע סביבה, מוז זי בלייבן אַלס אינטעגראַלער טייל פון דער דרייאייניקייט: גאָט, יידיש פאָלק און תורה — ס'איז איינס, אַ גאַנצע, אומצעטיילבאַרע איינהייט. ווער ס'נעמט אָן איין טייל, מוז לאָגישערהייט אָנערקענען אויך די אַנדערע טיילן, דאָס גאַנצע.

סאָציאַליזם איז געווען אויף יענער זייט פון יידישן פאָלק, מחוץ פון יידישער געשיכטע. ס'איז געווען די באַגינען־צייט, ווען סאָציאַליזם האָט באַהערשט די מוחות און הערצער, ווי אַ ווייטער חלום, ווי אַ צוקונפטסטרוים, וועלכער וועט פאַרווירקלעכט ווערן פאַר קינדס קינדער און וועט שאַפן איין פאָלק פון דער גאַנצער מענטשהייט. געבוירן אין שויס פון אויפגייענדיקן קאַפּיטאַליזם, גענערט פון אויפפלאַקערנדיקן קאַמף צווישן אַרבעט און קאַפּיטאַל, די צוויי מעכטיקע אַנטיפּאָדן פון דער קאַפּיטאַלי־

סטישער עפּאָכע, האָט דער יונגער סאָציאַליזם נישט געוואָלט וויסן און הערן פון נאַציאָנאַלע מאָמענטן; ער האָט איגנאָרירט די סאָציאַלע קאָנפליקטן צווישן שוין־עקזיסטירנדיקע פעלקער, אין וועלכע ס'וועכן אַריינגעצויגן אומגערן אויך די אַרבעטער־מאַסן, ווייל זיי קאָנען נישט באַשטימען זייער אייגנטלעכן קלאַסן־אינטערעס אין דעם נאַציאָנאַלן לעבן און לויט דעם פעסטשטעלן זייער באַציונג צו די סאָציאַלע קאַמפן פון זייער „נאַציאָנאַלער" בורזשואַזיע.

.II

דאָס איז דער צווייטער אויפטו פונם פּועלי־ציוניזם — זיין מאַרקסיסטישע אויפפאַסונג פונם נאַציאָנאַלן פּראָבלעם. מאַרקס האָט נישט באַוויזן קלאָר צו פאָרמולירן דעם מאַרקסיסטישן צוגאַנג צו די דערשיינונגען פון נאַציאָנאַלן כאַראַקטער. די ערשטע צייט איז דעריבער דער סאָציאַליזם אויפגעפאַסט געוואָרן, ווי אַ קאָסמאָפּאָליטישע וועלט־אָנשויונג, וועלכע נעגירט און לייקנט די באַדייטונג פון דער נאַציע און פון דער נאַציאָנאַלער סביבה פאַרן קלאַסן־קאַמף פון פּראָלעטאַריאַט. דאָ האָט געווירקט דער פאַקט, וואָס די סאָציאַליסטישע באַוועגונג האָט די ערשטע צייט געהאַט צו טאָן מיט דעם פּראָלעטאַריאַט פון מערהייטס־נאַציעס, מיט דעם אַרבעטער־קלאַס פון טעריטאָריאַלע פעלקער. דער קאַמף פאַרן סאָציאַליזם איז אין לעצטן סך־הכל דער קאַמף פאַר מאַכט, וועלכע דער אַרבעטער־קלאַס קאָן געווינען, ווען ער וועט געווינען די מאַכט־פּאָזיציעס אין דער מלוכה. פאַרן פּראָלעטאַריער פון דער מלוכהשער מערהייטס־נאַציע זענען די באַגריפן נאַציע און מלוכה צונויפגעפאַלן, געווען איינס און דאָסזעלבע. האָט אים דער סאָציאַליזם גערופן צו קעמפן קעגן דער עקזיסטירנדיקער מלוכה־אָרדנונג, — האָט עס געמיינט אַ קאַמף קעגן זיין בורזשואַזיע, קעגן די הערשנדיקע קלאַסן פון זיין פאָלק. ער האָט מיט זיי נישט געזוכט זיך צו פאַרשטענדיקן צוליבן אינערלעכן קאַמף. דאָ זענען זיי געשטאַנען אין פולער באַוואָפנונג איינער קעגן צווייטן: קלאַס קעגן קלאַס. איז נישט געווען קיין אָרט און קיין פאַרשטענדעניש פאַרן נאַציאָנאַלן מאָמענט אינם קלאַסן־קאַמף, ריכטיקער: פאַרן פּראָלעטאַרישן אינטערעס אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע.

אָט דעם בלויז אין דער סאָציאַליסטישער לערע האָבן אינגיכן דערפילט די פּראָלעטאַריער פון די מינדערהייטס־פעלקער. דאָס פאָלק איז געדריקט געוואָרן פון די הערשנדע מערהייטס־פעלקער, און פון דעם נאַציאָנאַלן דרוק האָבן געליטן אַלע קלאַסן פון דער אונטערדריקטער נאַציע; אויך דער אַרבעטער־קלאַס. צוליבן געמיינזאַמען נאַציאָנאַלן דרוק

האָט זיך איין קלאַס געטוליעט צום צווייטן און ס'האָט זיך אויסגעבילדעט אַ געמיינזאַמער נאַציאָנאַלער פראָנט, כדי אָפּוועהרן די געמיינזאַמע נאַציאָנאַלע סכנה. האָט זיך געשאַפן אינם באַוווסטזיין פון דעם אַרבעטער אַ קאָנפליקט צווישן זיין נאַציאָנאַלן אינטערעס, וועלכער האָט אים דיקטירט נאַציאָנאַלע אַחדות מיט זיין בורזשואַזיע, און דעם קלאַסן-אינטערעס, וועלכער האָט פון אים געפאָדערט צו שפּאַלטן די נאַציע און פירן אַ קלאַסן־קאַמף מיט דער־זעלבער בורזשואַזיע.

די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע האָט אַוועקגעקוקט פון אָט דעם פּראָבלעם און אַ צייט לאַנג נישט געגעבן קיין שום ענטפער דעם אַרבעטער, וואָס ער זאָל טאָן בנוגע זיינע נאַציאָנאַלע אינטערעסן. על פּי רוב איז עס אָבער פאַרשטאַנען געוואָרן אַזוי, אַז דער אַרבעטער דאַרף אין זיך דערשטיקן דאָס נאַציאָנאַלע געפיל, ווייל ס'איז נישט מער, ווי אַ רודימענט, אַן איבער־בלייבעניש פון דער אלטער פאַרגאַנגענער געשיכטלעכער תקופה, ווען די נאַציע האָט נאָך אַלס גאַנצע איינהייט באַאיינפלוסט דאָס לעבן און די פסיכיק פון יעדן מיטגליד אירן. איצט איז עס נישט עפּעס אַנדערש, ווי אַ מיטל ביי דער בורזשואַזיע צו פאַרטונקלען דאָס קלאַסן־באַוווסטזיין פון פּראָלעטאַריאַט און פאַנגען אים אין די נעצן פון נאַציאָנאַליסטישן שגעון, פון שאָוויניזם. דער סאָציאַליזם האָט נישט צו טאָן מיטן נאַציאָנאַליזם. זיי זענען זיך דם־שונאים און דערקלערן איינער דעם צווייטן אַ קאַמף אויף לעבן און טויט.

כל זמן די נאַציאָנאַלע סכנה פון דרויסן איז נישט געווען גענוג שאַרף און צייטיק, האָט די אויבערהאַנט געהאַט דאָס סאָציאַליסטישע באַוווסטזיין, וועלכעס האָט זיך געשפּייזט פון טאָג־טעגלעכע צוזאַמענשטויסן אויפן אינערלעכן פראָנט פון סאָציאַלע פאַרהעלטנישן, און דער קאָסמאָפּאָליטיזם האָט געבליט און געפירט די גרענדע אין דער סאָציאַלי־סטישער באַוועגונג.

דער בראָך איז געקומען שפּעטער, ווען ס'איז אויסגעבראָכן די וועלט־מלחמה און דאָס „פאָטערלאַנד" איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן אין געפאַר. מיליאָנען פּראָלעטאַריער, וועלכע זענען דערצויגן געוואָרן אין דער לערע, אַז זיי האָבן נישט קיין שום פאָטערלאַנד, האָבן פּלוצים דערפילט אַ מעכ־טיקן שטויס אין האַרצן און נישט געקענט ביישטיין דעם אור־אינסטינקט, וואָס האָט זיי דיקטירט צו פאַרטיידיקן זייער נאַקעט לעבן, זייער פיזישע עקזיסטענץ, און זיי האָבן זיך נישט געלערנט, ווי צו טאָן דאָס אָן דעם נאַציאָנאַלן פראָנט מיט דער אייגענער בורזשואַזיע.

די איגנאָרירונג פון דער נאַציאָנאַלער פראַגע איז אָן ספק געווען איינע פון די וויכטיקסטע הויפּט־סיבות, פאַרוואָס דער אינטערנאַציאָנאַל האָט

געליטן אַזאַ שענדלעכע מפּלה אין יאָר 1914 און מיליאָנען סאָציאַליסטן זענען אַרויס מיט געווער אין האַנט איינער קעגן דעם צווייטן צו פאַרטיידיקן יעדערער זיין, פלוצים פון פינצטערניש אויפגעטויכטן, פאָטערלאַנד.

אָבער שוין אין 1903—1904 האָבן פּועלי־ציון דורך באָראָכאָוון אַוועקגעשטעלט אין דער גאַנצער דרינגלעכקייט און אין פולן פאַרנעם די נאַציאָנאַלע פראַגע פאַר דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. דער נאַציאָנאַליזם איז נישט קיין אויסטראַכטעניש פון דער בורזשואַזיע, נאָר אַ פּראָדוקט פון רעאַלע לעבנס־באַדינגונגען. פּונקט ווי די קאָנפליקטן צווישן דעם וווּקס פון די פּראָדוקטיווע כּוחות און דעם צושטאַנד פון די פּראָדוקציע־באַציִונגען בילדן דעם תּוך פונעם סאָציאַלן פּראָבלעם און דעם סטימול צום קלאַסן־קאַמף, בילדן־אויס די קאָנפליקטן צווישן דעם וווּקס פון די זעלבע פּראָדוקטיווע כּוחות און דעם סכום פּראָדוקציע־באַדינגונגען דעם תּוך פון נאַציאָנאַלן פּראָבלעם און דעם טרייב־מאָטיוו צום נאַציאָנאַלן קאַמף. טריי דעם מאַרקסיסטישן מעטאָד, ווי צו אַנאַליזירן געזעלשאַפטלעכע דערשיינונגען, דעקן־אויף די פּועלי־ציון דעם מאַטעריעלן אינהאַלט פון נאַציאָנאַלן פּראָבלעם און אין שייכות דערמיט דעם באַזונדערן קלאַסן־אינטערעס פון יעדן טייל פון פאָלק צו דעם אויסערלעך איינהייטלעכן בשותּפותדיקן נאַציאָנאַלן גורל. דער נאַציאָנאַלער קאַמף ווערט געפירט פאַר מאַטעריעלע ווערטן, פאַרן גאַנצן סכום פּראָדוקציע־באַדינגונגען, וועלכע ווערן צונויפגענומען און איינגעשלאָסן אין דעם הויפּט־רעזערוואַר פונעם נאַציאָנאַלן פאַרמעגן — אין דער טעריטאָריע. איז טאַקי די שאַרף פונעם נאַציאָנאַלן קאַמף געווענדעט צו דעם טעריטאָריאַלן באַזיץ פון דער נאַציע. אָבער נישט נאָר צו איר. היות ווי די קלאַסן אין דער נאַציע געפינען זיך אין אַן אַנדערער, צווישן זיך קעגנזעצלעכער, שייכות צו דער טעריטאָריע און צו אַלע אַנדערע מאַטעריעלע קנינים פון פאָלק, וואַקסן אויס ביי יעדן קלאַס אַנדערע נאַציאָנאַלע אינטערעסן.

די נאַציאָנאַלע אינטערעסן פון פּראָלעטאַריאַט זענען די אינטערעסן פון זיין אַרבעטס־פּלאַץ און זיין קאַמפּס־באַזע, פּונקט ווי די נאַציאָנאַלע אינטערעסן פון די אַגראַריער און גרויס־בורזשואַזיע זענען די אינטערעסן פון ערד־אייגנטום, פון רענטע, פּאָליטישער מאַכט, און פון דער מיטעלער בורזשואַזיע — די אינטערעסן פון געברויכס־מאַרק און ד. גל.

דער נאַציאָנאַליזם פון פּראָלעטאַריאַט איז נישט אין סתירה צו זיינע קלאַסן־אינטערעסן, נאָר ער ציט זיין יניקה פון זיי און ווערט דורך זיי געקרעפּטיקט. אומנאָרמאַלע פּראָדוקציע־באַדינגונגען פון דער נאַציע פאַרשמעלערן דעם אַרבעטס־פּלאַץ פון אירע אַרבעטער־מאַסן, שאַפן

האַרמאָניע און אחדות־געפילן ביי אַלע אירע מיטגלידער, טעמפּן אָפּ די קלאַסן־קעגנזאַצן און רופן זיך אָפּ שעדלעך אויף דער אַנטוויקלונג פון קלאַסן־קאַמף.

ממילא ווייזט זיך אַרויס אין דעם קאַמף פאַר נאַציאָנאַלער פרייהייט די קלאַסן-סטרוקטור פון דער נאַציע, ווייל יעדער קלאַס שטעלט זיך אַנדערע צילן, לויט זיין קלאַסן-לאַגע און קלאַסן-אינטערעס. איז שוין דערפון קלאָר, אַז אויך דער וועג צו דער נאַציאָנאַלער פרייהייט איז ביי יעדן קלאַס אַן אַנדערער, זיינער, אַן אייגענער קלאַסן-וועג.

די פּועלי-ציון האָבן די ערשטע אין דער אַלגעמיינער סאָציאַליסטישער באַוועגונג געשטעלט מאַרקסיסטיש דאָס נאַציאָנאַלע פּראָבלעם און געגעבן אויף אים אַ מאַרקסיסטישן ענטפער.

III.

די איינציקע ריכטיקע מאַרקסיסטישע אויפפאַסונג פון דער נאַציאָנאַלער פראַגע בכלל האָבן פּועלי-ציון אָנגעווענדעט אויך בנוגע דער יידן פראַגע — אין דעם באַשטייט זייער דריטער אויפטו.

נישטאָ קיין יידן-פראַגע סתם, וועלכע איז איינגעוויקלט אין שמות פון מיסטיק, און פון וועלכער מען קאָן פטור-ווערן דורך געלונגענע סאָציאַליסטישע שפּרוכן. ס'איז נישט די פראַגע פון סתם פּלאָגן און פּורעניותן, וועלכע שיטן זיך אָן אויפהער אויף יידישע קעפּ פון דעם אַנטיסעמיטישן ערבֿ פון הערשנדיקן רעזשים. די אייגנאַרטיקע יידישע לאַגע איז אַ פּראָדוקט פון געשיכטלעכער אַנטוויקלונג, און איר כאַראַקטעריסטישער שטריך איז די ספּעציפיש עקאָנאָמישע סטרוקטור, דער אומגעזונטער פּראָפעסיאָנעלער צוזאַמענשטעל פון דער יידישער מאַסע: די אָפּגעריסנקייט פון דער אורפּראָדוקציע, פון דער גרויס-אינדוסטריע, דער צו־גרויסער פּראָצענט פון האַנדלס-עלעמענט און די ממש פאַרפלייצנדיקע כוואַליע פון אומפּראָדוקטיווע, פּאַראַזיטישע שיכטן אין דעם יידישן פאָלק—דאָס אַלץ איז טאַקי אַ רעזולטאַט פון ביזאַהעריקער אַנטוויקלונג אַלס עקסטעריטאָריאַלע מינדערהייט; אין דער זעלבער צייט איז עס אויך גורם צו אַלע ווייטערדיקע אומנאָרמאַלע דערשיינונגען אין דעם לעבן פון די יידישע מאַסן, צו אָפּטער אַרבעטסלאָזיקייט, צו עמיגראַציע א. ד. גל.

פּועלי-ציון האָבן מאַרקסיסטיש אויפגענומען דאָס יידישע פּראָבלעם, ווי אַ סאָציאַל-עקאָנאָמיש פּראָבלעם און האָבן זיך גלייך פון אָנהויב געשטעלט פעסט אויפן באָדן פון דערווירקלעכקייט. אַוודאי עקזיסטירט אַ יידיש פאָלק און דער יידישער אַרבעטער קאָן זיך נישט אַרויסדרייען

פון די נאציאנאלע פראבלעמען פון גאנצן פאלק. ער פאסט זיי אויף נאר אויף זיין אייגענעם קלאסן-שטייגער. זיין אויסגאנגס-פונקט איז נישט דער אינטערעס פונם כלומרשט גאנצן פאלק, נאר דער אייגענער קלאסן-אינטערעס פונם יידישן פראלעטאריאט. און ווייל דער נאציאנאלער דרוק לייגט זיך מיט זיין הויפט-לאסט אויף די פלייצעס פון די ארבעטער, ווערט דער ארבעטער-קלאס דער טרייסטער קעמפער אויך פאר דער נאציאנאלער פרייהייט. ביים ארבעטער איז עס אבער נישט קיין באזונדערער נאציאנאלער קאמף, נאר די ראם און פארם פון זיין אלגעמיינעם קלאסן-קאמף.

וויבאלד מיר האבן בנוגע דער יידן-פראגע צו טון מיט דערשיינונגען פון עקאנאמישן כאראקטער, איז קלאר, אז די פאליטישע גרעניצן פון די עקזיסטירנדיקע מלוכות שפילן דא נישט קיין אנטשיידנדיקע ראל. די יידישע מאסן זענען צעזייט און צעשפרייט איבער שבע ימים און דורך די עמיגראציעס-טראמען ווערן זיי אריבערגעווארפן אין די הונדערטער טויזנטער אין נייע לענדער, ווו עס בילדן זיך אויס נייע יידישע ישובים. דיזעלבע סיבות פירן אומעטום אין דיזעלבע באדינגונגען, צו דיזעלבע רעזולטאטן, און די יידן-פראגע ווערט צעזייט און צעשפרייט איבער דער גאנצער וועלט, אויף ווי ווייט די יידישע מאסן באמיען זיך אומעטום אויסצופילן די פארן און שפאלטן אין דעם אנארכישן קאפיטאליסטישן סיסטעם.

די יידן-פראגע באקומט וואס ווייטער אלץ מער און דייטלעכער דעם כאראקטער פון אן אלוועלטלעכן פראבלעם. די פעסטשטעלונג פון דער אלוועלטלעכקייט פון דער יידנפראגע איז דער פערטער אויפטו פון דעם פועלי-ציוניזם.

IV.

אויף דעם באדן פון דער אומעטומיקער ענלעכקייט און איינארטיקייט פון דער יידישער עקאנאמישער סטרוקטור וואקסן אויס ענלעכע און איינארטיקע נויטן און באדערפענישן ביי די יידישע ארבעטער און ס'ווערן רייף די באדינגונגען פאר דער אנטשטייונג פון אן אלוועלטלעכער יידישער ארבעטער-באוועגונג.

דער יידישער ארבעטער איז היינט אין איין לאנד, און מארגן איז ער געצוונגען אריבערצוּוואנדערן אין א צווייטן לאנד. אבער אויך דארט איז ער נישט אינגאנצן פארזיכערט מיט זיין ארבעטס-פלאץ און אומעטום פאלגט אים נאך די איינארטיקייט פון יידישן ווירטשאפטלעכן לעבן. מוז די ארגאניזאציע פון יידישן ארבעטער געבויט ווערן ווי אן אלוועלטלעכע אינטערטעריטאריאלע באוועגונג, וועלכע באגלייט דעם יידישן ארבעטער

זיין גאַנצן לעבנסוועג אין פירט אָן דעם קאַמף פאַר ווייגע נויטן אומעטום, ווו ער שלאָגט-אויף זיינע געצעלטן, ווו ער פעסטיקט זיך איין אויף אַן אַר-בעטס-פּלאַץ.

דער יידישער פּראָלעטאַריאַט שעפּט אָבער די באַגייסטערונג פאַר זיין קאַמף, ווי דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער-קלאַס, נישט פון זיין איצטיקער נויט און קוועלנדיקן פּיין. דערמיט וואָלט ער העכסטנס געקאָנט שפּייזן זיין געפיל פון צאָרן און פאַרביטערונג קעגן די הערשער פון דער קאַפּיטאַליסטי-שער וועלט. דאָס איז צו קנאַפּ און ווינציק, כדי צו באַפליגלען זיין גייסט און דערהויבן אים צום מסירת-נפשדיקן קאַמף פאַר דעם סאָציאַליסטישן אידעאַל.

דעם פּאַטאָס פאַרן קאַמף געווינט דער אַרבעטער-קלאַס פון דעם דער-קענען די טענדענצן פון סטיכישע פּראָצעסן פון ווירטשאַפטלעכער איבעראָנ-דערשונג, וועלכע ווייזן זיך שוואַכע און בלאַסע נאָך אין דער קאַפּיטאַלי-סטישער אָרדנונג, וועלכע מוזן זיך אָבער אומפאַרמיידלעך אַנטוויקלען מיט אַן אייזערנער נויטווענדיקייט אַלץ מער ביז צום אומברענגען די היינטיקע וועלט און אויפבוי פון דער נייער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט.

אַזוי האָבן אויך די פּועלי-ציון געבויט די קאַמפּס-פּראָגראַם פון יידישן פּראָלעטאַריאַט אויפן פּראָגנאָז פון די סטיכישע איבעראַנדערשונגס-פּראָ-צעסן אין יידישן לעבן, וועלכע מוזן מיט אייזערנער נויטווענדיקייט נאָרמאַ-ליזירן די עקאָנאָמישע סטרוקטור פון יידישן פאָלק און שאַפן די געזונטע סטראַטעגישע באַזע פאַרן קלאַסן-קאַמף פון יידישן פּראָלעטאַריאַט.

דער עיקר פאַרדינסט פון דעם מאַרקסיזם באַשטייט אין דעם, וואָס ער האָט דורך זיין פּראָגנאָז אויפגעהויבן דעם פּאַרהאַנג, מיט וועלכן ס'איז פאַר-שלייערט די צוקונפט און געוויזן דעם פּראָלעטאַריאַט דעם זיכערן וועג צו זיין באַפרייונג. קעמפן פאַר די טאָג-נויטן פון איינצלנע אַרבעטער קאָן מען אויך אָן דעם סאָציאַליסטישן אידעאַל; אָבער כדי צו קעמפן פאַרן גורל פון גאַנצן אַרבעטער-קלאַס אַלס קאָלעקטיוו, מוז מען דורכויס פאַרמאָגן די איבערצייגונג אין דער זיכערקייט און אומפאַרמיידלעכ-קייט פון דער פאַרווירקלעכונג פון סאָציאַליזם. די טאָג-נויט איז דער טרייב-מאָטיוו פון קאַמף; די סאָציאַליסטישע פּערספּעקטיוו פאַרשאַפט די זיכערקייט אינם נצחון.

פּועלי-ציון האָבן אויפגעוויקלט פאַר די יידישע אַרבעטער-מאַסן די פּערספּעקטיוו פון זייער נצחון אין קאַמף פאַר זייער סאָציאַלער און נאַציאָנאַלער באַפרייונג און דערמיט האָבן זיי געגעבן דעם יידישן אַרבעטער-קלאַס אַ אידעע, אַ קאָלעקטיווע נשמה, אַ דאַנק וועלכער די מיליאָנען יידישע פּראָלעטאַריער זענען צעמענטירט געוואָרן ווי איין אַלוועלטלע-כער קאַמפּס-קאָלעקטיוו מיט איינהייטלעכע אויפגאַבן.

די אָנווייזונג אויף דער פּערספּעקטיוו פונם נצחון פון יידישן אַרבעטער-קלאַס איז דער פינפטער אויפטו פונם פּועלי-ציוניזם.

די אידעע פון דער יידישער אַרבעטערשאַפט אַלס קאָלעקטיוו האָבן פּועלי-ציון נישט אויסגעטראַכט. נאָר דערקענט און אויפגענומען אין די סטיכישע פּראָצעסן פון ווירטשאַפטלעכער איבעראַנדערשונג. דאָס זענען די פּראָצעסן, וועלכע פירן צו סאָציאַלער אומשיכטונג און פּראָדוקטיוויזירונג פון די יידישע מאַסן, צו זייער אַגראַריזירונג און אינדוסטריאַליזירונג אין די פאַרשידנסטע לענדער פון זייער ביזאַיצטיקער קאָנצענטרירונג און אין די ניי-אַנטשטייענדיקע קאָמפּאַקטע יידישע ישובים. מיט זייער פּאָזיטיווער באַציִונג צו די קאַמפּס-אויסזיכטן אין די לענדער פון יידישן מאַסן-ישוב, האָבן פּועלי-ציון זיך שאַרף אָפּגעגרענעצט פון די אַנדערע סאָציאַליסטיש-טעריטאָריאַליסטישע גרופּן, וועלכע האָבן זייער טעריטאָריאַליזם געבויט אויסשליסלעך אויף דער נעגירונג פון „גלות". פּועלי-ציון זענען אַרויס מיט דער גאַנצער קראַפט קעגן אַלע מינים טעאָריעס, וועלכע האָבן געלייקנט יעדע אויפלעב-מעגלעכקייט פאַר די יידישע מאַסן אין די אַזוי גערופענע גלות-לענדער און געלייגט די האָפנונג נאָר אויף דער נייער טעריטאָריע, אויפן יידישן פרייַלאַנד. פאַרקערט, פּועלי-ציון האָבן איינגעזעען די אויפבוי-טענדענצן פון יידישן מאַסן-לעבן אין „גלות" און אויפגעבויט אַ ברייטע פּראָגראַם פון סאָציאַל-עקאָנאָמישע פאָדערונגען, פאַר וועלכע דער יידישער פּראָלעטאַריאַט דאַרף קעמפן, און וועלכע ער וועט פאַרווירקלעכן דאָ אויף די ערטער, וווּ ער געפינט זיך שוין.

פּועלי-ציון האָבן זיך נישט געוואָלט באַגנוגענען מיטן לאָזונג פון נאַציאָנאַלער קולטור-אויטאָנאָמיע; אַלס מאַרקסיסטן האָבן זיי באַטראַכט די דערשיינונגען פון גייסטיקער קולטור, פון פּסיכישן כאַראַקטער, ווי פּראָדוקטן פון ווירטשאַפטלעכער אַנטוויקלונג. זיי האָבן געוווּסט דעם ווערט און באַדייטונג פון שפּראַך פאַרן קאַמף פון אַרבעטער-קלאַס. אָבער פּונקט אַזוי האָבן זיי זיך אָפּגעגעבן אַ דין וחשבון, אַז די באַזונדערע יידישע שפּראַך איז אָפּהענגיק פון דעם, אויף וויפל די יידישע מאַסן וועלן אויפהיטן זיך אויף ווייטער אַ בערך זעלבשטענדיקן ווירטשאַפטלעכן לעבן, אויף וויפל זיי וועלן זיך געפינען אין קאָמפּאַקטע צענטרען. די פאָדערונגען פון רעכט און פרייהייט פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער יידישער שפּראַך זענען פון פּועלי-ציון דעריבער אַרויסגעשטעלט געוואָרן נישט, ווי איינציקע און אַפילו נישט ווי דאָמינירנדיקע, נאָר ווי אָרגאַנישע אברים פון דער גאַנצער פּלאַטפאָרם פון נאַציאָנאַל-פּאָליטישער אויטאָנאָמיע פאַר די יידישע מאַסן. די דאָזיקע פּלאַטפאָרם האָט אין זיך כולל געווען אין פולן אומפאַנג אַלע נויטן און באַדערפענישן פון די יידישע מאַסן, וועלכע שטאַמען פון דער ספּעציפישער סאָציאַל-עקאָנאָמישער סטרוקטור פון יידישן לעבן.

V.

אין זייער מאַרקסיסטישן אַנאַליז פון דער דינאַמיק פון דער יידישער אומעטומיקער ווירקלעכקייט האָבן פועלי־ציון דערקענט די טענדענצן פון יענעם סטיכישן פּראָצעס, וועלכער פירט צו דער יידישער מאַסן־איינוואַנדערונג אין פּאַלעסטינע, צו זייער איינוואָרצלונג דאָרט אין אַלע גרונט־צווייגן פון דער פּראָדוקציע און קאָנצענטרירטער קאָמפּאַקטער קאָלאָניזאַציע, וועלכע באַקומט דעם העכסטן אויסדרוק אין דער טעריטאָריאַליזירונג פון דעם יידישן לעבן.

נישט ווייל ארץ־ישראל איז געווען דאָס לאַנד פון נאַציאָנאַלן יידישן עבר, און אויך נישט ווייל פּאַלעסטינע איז די בעסטע טעריטאָריע פון אַלע טעריטאָריעס, וווהין יידן פאָרן, האָבן פועלי־ציון פיקסירט די אויפמערקזאַמקייט פון יידישן פּראָלעטאַריאַט אויפן דאָזיקן לאַנד; זיי האָבן אויפגענומען דעם לאָזונג פון טעריטאָריאַלן יידישן אַרבעטער־צענטער אין פּאַלעסטינע דערפאַר, ווייל זיי האָבן געזען פּאַלעסטינע אינם פּראָגנאָז פון דער יידישער ווירטשאַפטלעכער דינאַמיק און זי איז געווען איינגעוועבט אין דער פּערספּעקטיוו פון יידישער סאָציאַלער אומשיכטונג אַלס דער איינציקער פּונקט, ווו ס'קומט פאָר די טעריטאָריאַליזירונג.

שטייענדיק אויפן באָדן פון סטיכישן פּראָצעס האָבן פועלי־ציון לייכט פאַרענטפערט די פראַגע, וועלכע האָט אַ געוויסע צייט געעגבערט די מחות פון ציוניסטן און טעריטאָריאַליסטן, וועגן „דאָ" און „דאָרט". ווער איז בילכער — די אַרבעט אין גלות, צי די אַרבעט אויף דער טעריטאָריע? אָדער ווי די דאַמאָלסטיקע „סיימיסטן" האָבן זי געשטעלט: וועלכע אַרבעט דאַרף פריער, צוערשט געטאָן ווערן — די אַרבעט דאָ, צי די אַרבעט אינם פרייַלאַנד? ביי זיי איז אויסגעקומען, אַז כדי צו פאַרווירקלעכן דעם טעריטאָריאַליזם, מוז מען צוערשט אָנזאַמלען דאָ די נויטיקע כחות, פּאָליטישע און פינאַנציעלע, און דערנאָך זיך אַ נעם טאָן צו דער אויפבוי־אַרבעט אויף דער טעריטאָריע.

דערויף האָבן פועלי־ציון געענטפערט, ווי מאַרקסיסטן: ביידע בילכער, ביידע אַרבעטן ווערן געפירט גלייכצייטיק, ווייל דאָס זענען נישט קיין צוויי באַזונדערע, פּאַראַלעלע פּראָצעסן, נאָר צוויי זייטן פון דערזעלבער מטבע, צוויי אויסדרוקן פונם זעלבן איינהייטלעכן אומשיכטונגס־פּראָצעס, וועלכער אַנטוויקלט זיך גלייכצייטיק אי דאָרט, אי דאָ. פאַרן גאַנצן יידישן אַרבעטער־קלאַס האָט אַ ווערט יעדע דערגרייכונג סיי דאָ, סיי דאָרטן ווייל דאָס העלפט דעם קאַמף פון דעם יידישן פּראָלעטאַרישן קאָלעקטיוו אומעטום.



ב. באָראָכאָוו אין יאָר 1906

נישט פּאַלעסטינע קעגן אַנדערע לענדער, נישט ארץ-ישראל אַנשטאָט דעם גלות, אָדער אָפּגעזונדערט און איזאָלירט פון דעם, וואָס עס קומט פאָר מיט די מיליאָנען יידישע האָרעפּאַשניקעס אין דער גאָרער וועלט. די טעריטאָריאַליזירונג פון יידישן לעבן אין פּאַלעסטינע, ווי אַן אָרגאַנישער רינג פון דעם אומעטומיקן סאָציאַלן אומשיכטונגס-און פּראָדוקטיוויזירונגס-פּראָצעס אינם יידישן לעבן — אַזוי האָבן פּועלי-ציון גלייך פון דער ערשטער מינוט אויפגעפאַסט דאָס פּאַלעסטינע-פּראָבלעם פון יידישן פּראָלעטאַריאַט.

איז דער טעריטאָריאַלער יידישער אַרבעטער-צענטער אין פּאַלעסטינע נישט די זאַך בלויז פון דעם באַשטימטן טייל יידישע פּראָלעטאַריער, וועלכע געפינען זיך צו אַ באַשטימטער צייט, אַ דאַנק באַשטימטע אומשטאַנדן, אין יענעם לאַנד. האָבן דאָך פּועלי-ציון אויפגענומען דעם פּאַלעסטינע-פּונקט אינם קאַמפּס-פּראָגראַם פונם יידישן פּראָלעטאַריאַט נאָך דאַן, ווען פּאַלעסטינע האָט געציילט קוים עטלעכע הונדערט יידישע פּראָלעטאַריער. פּאַלעסטינע איז די זאַך פון אַלוועלטלעכן יידישן אַרבעטער-קלאַס — דאָס האָבן פּראָקלאַמירט פּועלי-ציון נאָך מיט 25 יאָר צוריק, און דאָס איז זייער זעקסטער אויפטו.

דער יידישער אַרבעטער-קלאַס קאָן בנוגע פּאַלעסטינע האָבן נאָר אַ קלאַסן-אינטערעס און זיין וועג צו דער באַפרידיקונג פון דאָזיקן אינטערעס קאָן זיין, ווי בנוגע אַלע אַנדערע קלאַסן-אינטערעסן זיינע, נאָר און אויסשליסלעך דער וועג פון קלאַסן-קאַמף.

געוויס זענען אין דעם טעריטאָריאַלן יידישן צענטער אין פּאַלעסטינע פאַראינטערעסירט אויך אַנדערע קלאַסן פונם יידישן פאָלק. פּונקט אַזוי קאָנען פאָרמעל זיך צונויפטרעפן די אינטערעסן פון פאַרשידענע טיילן פון יידישן פאָלק אין זייערע איצטיקע וווין-ערטער ביי פאַרשידענע פעלן. אָבער אין תוך זענען עס תמיד פאַרשידענע, קעגנזעצלעכע אינטערעסן, און דער פּראָלעטאַריאַט מוז קאָנען אויסגעפינען דעם קלאַסן-קערן אין יעדן כלומרשט אַלגעמיינעם נאַציאָנאַלן ענין. אויף דעם דאָזיקן קלאַסן-אינטערעס מוז דער יידישער אַרבעטער זיין וואַכזאַם גראָד בנוגע פּאַלעסטינע, וועלכע איז מסוגל מיט דעם שטאַרקן וויין פון נאַציאָנאַלער ראָמאַנטיק צו פאַרשיכורן די שוואַכע מחות ספּעציעל פון יענע מאַסן, וועלכע ווערן פּראָלעטאַריזירט ערשט אין פּאַלעסטינע גופא און גרייטן זיך באַוווסטזיניק צו אומברענגען זייער לעבן אופן מזבח פון נאַציאָנאַלער גאולה...

די אַנטשידענע פּראָלעטאַרישע קלאַסן-איינשטעלונג אין פּאַלעסטינע און בנוגע אַלץ, וואָס האָט אַ שייכות צו דעם

אויפבוי פון יידישן יישוב דאָרט, ווי אין דער אויפפאַסונג פון דער ראָל פון יידישן אַרבעטער־קלאַס אינם פּאַלעסטיניזם — דאָס איז דער זיבעטער אויפטו פון פועלי־ציון.

VI.

פון דעם אַלעם איז אַרויסגעדרונגען מיט אַ צווינגנדיקער קראַפט די פאָרמולירונג פון די אויפגאַבן פון דער פּאַרטיי פון יידישן אַרבעטער־קלאַס, ווי פּאָליטישע קאַמפּס־אויפגאַבן, כל זמן די אַרבעטער־שאַפט איז נישט ביי דער מאַכט. צוזאַמען דערמיט איז בולט געקומען צום ליכט, אַז די פועלי־ציון אָריענטירן זיך אין זייער קאַמף נישט אויף די כחות פון דער אַלטער קאַפּיטאַליסטישער וועלט. נאָר אינגאַנצן אויף די נייע כוחות פון דער אויפגייענדיקער סאָציאַליסטישער וועלט.

אין דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג איז די אָרגאַניזירונג פון דער פּראָדוקציע און די רעגולירונג פון דער ווירטשאַפט אינגאַנצן אין די הענט פון דער בורזשואַזיע. די אַרבעטערשאַפט באַנוגנט זיך מיט דעם קאַמף פאַר באַפרייען די פּראָדוקטיווע כוחות פון די פענטעס, וועלכע דער קאַפּיטאַליסטישער ווירטשאַפטס־סדר לייגט אויף זיי אַרויף, דורך וואָס ער האַמעוועט און פאַרהאַלט די אַנטוויקלונג פון דער געזעלשאַפט בכלל. ערשט ווען דער אַרבעטער וועט קומען צו דער פּאָליטישער מאַכט, וועט ער קריגן די מעגלעכקייט צו רעגולירן אויך די ווירטשאַפטלעכע פּראָצעסן.

נאַטירלעך איז אויך היינט צו טאָג דער אַרבעטער פאַראינטערעסירט אין דער עקזיסטענץ און אין דער אויסברייטערונג פון דער ווירטשאַפט, הגם זי איז אַ קאַפּיטאַליסטישע, איז אויסגערעכנט אויף זיין עקספּלואַטאַציע און אויף צו ברענגען פּראָפיטן דער בורזשואַזיע. ער איז אין איר פאַראינטערעסירט צוליבן אַרבעטס־פּלאַץ, ווי אויך כדי צו האָבן די סטראַטעגישע באַזע פאַר זיין דערפּאָלגרייכן קאַמף. די אַנטוויקלונג און אויפשטייג פון דער קאַפּיטאַליסטישער ווירטשאַפט זענען דער יסוד פאַרן אויפשטייג פונם פּראָלעטאַריאַט. פון דעם דרינגט אָבער לחלוטין נישט, אַז דער אַרבעטער איז מסוגל אַלס קאָלעקטיוו צו אָרגאַניזירן אַט די ווירטשאַפט, כל זמן ביי איר רודער געפינט זיך די בורזשואַזיע, וועלכע האָט די מאַכט די גאַנצע אַנטוויקלונג פון דער ווירטשאַפט צו בויען אויפן חשבון פון דעם אַרבעטער.

דעמזעלבן פּרינציפּ, וועלכער גילט אין אַלע לענדער פון קאַפּיטאַליזם, אין ביי וועלכן עס האַלטן זיך אומעטום די אַרבעטער, האָבן פועלי־ציון אויפגעשטעלט אויך בנוגע דער ראָל פון יידישן פּראָלעטאַריאַט אינם פּאַ־

לעסטינע-אויפבוי. אוודאי זענען די יידישע אַרבעטער פאַראינטערעסירט אין דעם דאָזיקן אויפבוי. יעדע נייע קאָלאָניע און יעדע נייע פאַבריק שאַפן נייע אַרבעטס-מעגלעכקייטן פאַר די יידישע אַרבעטער־איינוואַנדערער און פאַרגרעסערן די אויסזיכטן פון דער רעאַליזירונג פונם טעריטאָריאַלן אַרבעטסצענטר. פונדעסטוועגן מיינט דאָס נישט, אַז גראָד אין פּאַלעסטינע דאַרפן די יידישע אַרבעטער איבערנעמען די ראָל פון דער בורזשואַזיע אויפצובויען די קאַפּיטאַליסטישע ווירטשאַפט. פאַר דאָס לעצטע וועט שוין זאָרגן די בורזשואַזיע אַליין. די יידישע אַרבעטערשאַפט דאַרף נאָר אַכטונג געבן, אַז אין דעם פּראָצעס פון אויפבוי זאָלן די יידישע אַרבעטער וואָס וויכטיקער באַרויבט ווערן פון זייערע רעכט און אויסגענוצט ווערן אין נאָמען פון דער נאַציאָנאַלער באַפרייונג פאַר די דירעקטע קלאַסן-אינטערעסן פון דער יידישער בורזשואַזיע.

דערצו איז נויטיק אַ זעלבשטענדיקע פּראָלעטאַרישע קלאַסן-אַרבעט אין און פאַר פּאַלעסטינע. אָרגאַניזירן די יידישע אַרבעטער אין דער גאָרער וועלט אויפן יסוד פון זייער פּאַלעסטינע-אינטערעס; אָרגאַניזירן זייער פּאָליטישע און פינאַנציעלע הילף פאַר דער אַרבעטערשאַפט אין פּאַלעסטינע; שאַפן אין פּאַלעסטינע גופא די פּאָליטישע, פּראָפעסיאָנעלע און קולטורעלע אָרגאַניזאַציעס פון דער אַרבעטערשאַפט אויפן יסוד פון קלאַסן-קאַמף און פירן זיי אין גייסט און אין וועג פון אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליזם.

דורכן טעריטאָריאַליזירונגס-פּראָצעס אין פּאַלעסטינע ווערן פאַרפולקומט די קאַמפס-אויפגאַבן פון אַלוועלטלעכן יידישן אַרבעטער-קלאַס. נישט נאָר ענלעכע אינטערעסן אין פאַרשידענע לענדער, נאָר אויך אַ געמיינזאַמע בשותפותדיקע קאַמפס-אויפגאַבע אין איין לאַנד, אין פּאַלעסטינע בילדן אויס צוזאַמען די קאַמפס פלאַטפאָרם פון דער איינהייטלעכער אינטערטעריטאָריאַלער יידישער אַרבעטער-באַוועגונג.

אַט דער אַלוועלטלעכער כאַראַקטער פון דעם יידישן אַרבעטער-פּראָבלעם, און דער אַלוועלטלעכער שטח פון די קאַמפס-אויפגאַבן פון יידישן פּראָלעטאַריאַט שאַפן דעם נאַטירלעכן באָדן פאַר דער פּאָליטישער אָריענטאַציע פון יידישן אַרבעטער-קלאַס. וואָלטן עס געווען בלויז פאַראיינצלטע פּאָליטישע פּראָבלעמען, וועלכע זענען אָפּהענגיק פון אַ באַשטימטן לאָקאַלן רעזשים, וואָלט מען זיך געקאָנט פאַרלעגן אויפן קאַמף אין געגעבענעם לאַנד און פאַרבינדן אַלע האָפנונגען מיטן אויסגאַנג פון אָט דעם לאָקאַלן קאַמף.

צוליב דעם אינטערטעריטאָריאַלן סאָציאַל-עקאָנאָמישן כאַראַקטער פון יידישן פּראָבלעם האָט געמוזט געבוירן ווערן נאַטירלעכערהייט די אויסגעהאַלטענע מאַרקסיסטישע אָריענטאַציע אויף די אינטערנאַציאָנאַלע רעוואָ-

לוציאָנערע כחות און אויף זייער אומעטומיקן קאַמף און נצחון.

ס'איז דאָך נישט די פראַגע פון בלויז דערשלאָגן זיך רעכט פאַר די יידישע מאַסן, נאָר דער עיקר טאַקע, ווי אַזוי צו שאַפן מעגלעכקייטן פאַר זייער סאָציאַלער אומשיכטונג, פאַר זייער פּראָדוקטיוויזירונג. דאָ פאָדערט זיך פלאַנמעסיקע אַריינמישונג אין דעם פּראָצעס פון ווירטשאַפטלעכער אַנטוויקלונג, דאָ איז נויטיק די באַוווסטזיניקע רעגולירונג פון די פּראָצעסן, וועלכע ווירקן אין דער יידישער סביבה און אויך אינם אַרום.

קען דאָס געשען נאָר דאָרט, ווו דער אַרבעטער וועט איבערנעמען די מאַכט און אָנהויבן בויען דעם סאָציאַליזם. דער פּועלי-ציוניזם מוז, לויט זיין עצם מהות, אויפגענומען ווערן דורך די כחות פון דער נייער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט, ווי נאָר זיי וועלן זיך אָנטרעפן פנים אל פנים מיט די פּראָצעסן פון יידישן לעבן. האָבן טאַקע פּועלי-ציון די ערשטע אַוועקגעשטעלט דאָס יידישע פּראָבלעם פאַרן פאָרום פון אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן פּראָלעטאַריאַט נישט ווי אַ ספּעציפישע „יידישע“ פּראַגע, נאָר ווי אַן אָרגאַניש פּראָבלעם פון דער רעוואָלוציע אין דער יידישער סביבה. נישטאָ קיין אַנדער וועג צו דער רעוואָלוציע פאַר די יידישע אַרבעטער-מאַסן, ווי נאָר דער וועג, וועלכער איז געצייכנט דורך פּועלי-ציון — אַגראַריזירונג און אינדוסטריאַליזירונג אומעטום און טעריטאָריאַליזירונג אין פּאַלעסטינע.

די דאָזיקע פעסטשטעלונג איז דער אַכטער און כוללדיקער אויפטו פונם פּועלי-ציוניזם.

VII.

מיר האָבן דאָ אָנגעצייכנט די וויכטיקסטע אויפטוען פון פּועלי-ציון ביים פעסטשטעלן דעם כאַראַקטער פון דעם יידישן פּראָבלעם און ביים פאָרמולירן די קאַמפס-אויפגאַבן פון יידישן פּראָלעטאַריאַט ציגל צו דעם דאָזיקן טעאָרעטישן בנין האָבן צוגעטראָגן אויך אַנדערע טיילן פון יידישן אַרבעטער-קלאַס; אָבער יענע פּאַרטייען, ווי ס. ס. און סיימיטן, זענען שוין לאַנג פאַרשוואונדן פון דער פּראָלעטאַרישער קאַמף-אַרענע. פּועלי-ציון האָבן זיך באַטייליקט אין אויפשטעלן די גאַנצע געביידע, פון פונדאַמענט און ביז צום דאַך; ס'איז די איינציקע באַוועגונג, וואָס האָט אַרויסגעהאָנגען איבערן אויפגעשטעלטן בנין איר רויטע פאָן, וועלכע פלאַטערט איבער די קעפּ פון יידישן פּראָלעטאַריאַט גאַנצע פינף און צוואַנציק יאָר.

מיט פינף און צוואנציק יאר צוריק זענען די פועלי-ציון ארויס זיין דער ארבעטער-גאס מיט די אויסגערעכנטע פרינציפן און לאזונגען, און זיי האט באגעגנט חוזק און ביטול מצדן גרעסטן טייל יידישע פראלעטאריער, פרעמדקייט און קעגנערשאפט מצד דעם גאנצן סאציאליסטישן אינטערנאציאנאל, קיינער האט נישט געוואלט פארנעמען די פועלי-ציוניסטישע „חקירות“, און זעלטן ווער האט זיך געוואלט אפגעבן מיט זייערע חלומות און פאנטאזיעס. פאר די ברייטע מאסן פון דער ארבעטערשאפט איז די פועלי-ציוניסטישע פראגראם געווען א צו אבסטראקטע, הארבע תורה, וועלכע שוועבט אין די הויכע עולמות, און זיי האבן שווער באנומען, וועגן וואס עס גייט.

עס איז לייכט געווען צו זיין א סאציאליסט סתם, עס איז לייכט געווען אויך צו זיין א בונדיסט. ביי יענע איז אלץ געווען אזוי צוגענגלעך, און דער פרימיטיווער שכל האט זיך געקאנט זייער לייכט פונאנדערקלייבן אין דער איינפאכער קאנסטרוקציע פון די פראגן, וועלכע זענען געווען אויבן-אויף און איבער וועלכע מען האט נישט געברויכט אנצושטרענגען דעם מוח.

פועלי-ציוניזם האט געשטעלט פראבלעמען, געווענדעט די אויפמערקזאמקייט אויף דער פארוויקלטקייט, אויף דער קאמפליצירטקייט פון די אין פלוג איינפאכע דערשיינונגען, נישט געלאזט זיך באגנוגענען מיט דער סטאטיק, מיט דעם, וואס ליגט אויף דער האנט, נאר געצויגן אין דער טיף, געצוווּנגען זיך דערגרונטעווען צום יסוד, צום ווארצל פון די פראבלעמען, געלערנט צו דערקענען די אנטוויקלונג פון דער דערשיינונג, די דינאמיק פונם פראצעס. האבן פועלי-ציון נישט נאר געשטעלט דעם דיאגנאז פונם יידישן פראבלעם, נאר אויף דעם יסוד פון זייער מארקסיסטישן פראגנאז האבן זיי אויך אנגעוויזן דעם רעוואלוציאנערן וועג צו דער לעזונג פונם פראבלעם.

לכתחילה איז אויסגעקומען, אז זיי שלעפן זייערע טעאריעס פון ארבל, ווייל זיי האבן כסדר זיך פאררופן אויף טענדענצן פון פראצעסן, און נישט יעדער איינער, און אוודאי נישט די מאסן זענען געווען מסוגל איינצוזען די טענדענצן אין זייער עמבריאנעלן צושטאנד, ווען זיי זענען נאך געווען שוואכע און בלאסע, קוים, קוים צו דערקענען. האט מען דען געקאנט נעמען ערנסט די פועלי-ציוניסטישע באהויפטונג, אז דורך דעם פאלן פון צאריזם און דער ענדערונג פונם פאליטישן רעזשים ווערט נאך כלל נישט געלעזט די יידן-פראגע, נאר זי מוז ווערן שארפער און דרינגלעכער גראד אין דער פרייער אטמאספער פון א דעמאקראטישער וועלט?!

ס'איז געווען די צייט, ווען צום ברעג פון געזעלשאפטלעכן לעבן האבן געיאגט די הויכע כוואליעס פון רעוואלוציע און די פאטאס-פולע קעמפנדיקע מחנות האבן געבענקט נאך דער באלדיקער פולער גאולה, וועלכע וועט מיט

אמאָל, ווי דורך אַ ריר מיטן צויבער - שטעקל, פאַרענטפערן אַלע קשיות און
אראָפּווישן פון סדר-היום אַלע אָנגעווייטיקטע פראַגן און פּראָבלעמען. האָט
מען זיך אַליין און אַנדערע אויפגעשרויפט ביז צו דעם העכסטן זיד-פּונקט
פון דער רעוואָלוציאָנערער ענערגיע און אַ מאַך געטון מיט דער האַנט אויף
אַלע ספקות און „קלאָץ-קשיות", וועלכע זענען כלומרשט אויסן נאָר אָפּצוי-
ציען דעם אינטערעס און די אויפמערקזאַמקייט פונם דירעקטן רעוואָלוציאָ-
נערן קאַמף.

ווער האָט צו יענער צייט געקאָנט זיך רעכענען מיטן פּאַלעסטינע-
פּונקט אינם פּועלי-ציון-פּראָגראַם, וויבאַלד פּאַלעסטינע איז געווען וויסט
און פּוסט, נישט פאַרטקערט און נישט פאַרזייט?! בלויז נאַציאָנאַלע מקובלים
האָבן צוזאַמען מיט די שאַקאַלן אין די פּאַלעסטינע - וויסטענישן געקלאָגט
איבערן חורבן פון לאַנד און אַפּעלירט צום נ אַ צ י אָ נ אַ ל ן ג ע וו י ס ן, גיין
זיך מקריב זיין פאַר דער אויפלעבונג פון גאַנצן פאָלק, צו וואָס עס פאָדערט
זיך אוועקוואַרפן אויף אַ צייט לאַנג אַלע אינערלעכע סאָציאַלע רייבונגען
און קלאַסן-מחלוקתן, וועלכע האָבן נאָך זייער באַרעכטיקונג אין גלות, זע-
נען אָבער עלול גלייך אין וואָרצל אונטערצוגראָבן דעם בנין פון דער נאַ-
ציאָנאַלער היים אין ארץ-ישראל.

האָט מען דען געקאָנט זיך באַציען ערנסט צו דער פּועלי-ציוניסטישער
באַהויפּטונג וועגן סטיכישער יידישער מאַסן-אימיגראַציע אין פּאַלעסטינע, אַ
פּשיטא וועגן פאַרשאַרפטן קלאַסן-קאַמף אינם לאַנד פון כותל-מערבי און מוטער
רחלס קבר, וויבאַלד וועגן ארץ-ישראל האָבן געקלונגען בלויז די אַלטע צדקה-
פּושקע פון ר' מאיר בעל הנס און די מאָדערנע פּושקע פון נאַציאָנאַל-פאָנד, ווי-
באַלד יעדער ייד, וואָס איז געפאָרן קיין ארץ-ישראל, האָט זיך באַטראַכט און
אויך אַנדערע האָבן אים באַטראַכט פאַר אַ נאַציאָנאַלן בעל-צדקה, וועלכער טוט
אַ טובה דעם יידישן פאָלק דערמיט, וואָס ער גייט פאַרשוואַרצט ווערן אונטער
דער ברענענדיקער זון פון וויסטן לאַנד?!

פּועלי-ציון זענען ווי פּיאָנערן אַרויס אין אָפענעם ים פון שטורמישן
יידישן לעבן און מיט אויפגעשטעלטע זעגלען זיך געלאָזט שווימען ק ע ג ן
ש ט ר אָ ם. אַנדערע פּאַרטייען האָבן זיך געהאַלטן נאָנט צום ברעג און שטאָל-
צירט מיט זייער פּראַקטישן חוש, מיט זייער געפיל פאַר ווירקלעכקייט.

די ווייטערדיקע אַנטוויקלונג האָט אָבער באַוויזן, ווער ס'איז געווען
פּראַקטיש אויסגערעכנט, און ווער האָט באמת געהאַט אַ חוש פאַר דער ווירק-
לעכקייט. פאַר דער ווירקלעכקייט, נישט ווי זי איז פאַרגליווערט און קאָנ-
סערווירט, נאָר ווי זי בייט זיך און ענדערט זיך אַ דאַנק די שטראָמען ענער-
גיע, וועלכע ברויזן אין איר אַן אויפהער, און וועלכע מוזן כסדר שאַפן גע-

חעריקע ראַמען און וועגן פאַר דער אַנטוויקלונג און פונאַנדערבליִונג פון די אַלץ־נייע רייף־ווערנדיקע פּראָדוקטיװע געזעלשאַפטלעכע כּוחות.

VIII.

איצט, נאָך אַ פערטל יאָרהונדערט געשיכטע, אין משך פון וועלכע עס זענען ממש אויפגעטרייסלט געוואָרן די פונדאַמענטן פון דער ביז־אַהעריקער מענשלעכער עקזיסטענץ און ס'האָבן אויפגעהעלט נייע הימלען איבערן קאַמף פון דער קעמפנדיקער אַרבעטער־געזעלשאַפט — איצט קאָנען פועלי־ציון זיך שטעלן צום געריכט פון דער גאַנצער אַרבעטער־עפנטלעכקייט, מען זאָל זיי משפטן דערפאַר, וואָס זיי האָבן געוואַגט אַוועקצוגיין פון דער טראַדיציע, פון שאַבלאָן און אויפנעמען דעם קאַמף אין נאָמען פון דעם, וואָס דאַרף ערשט געבוירן ווערן. איצט קאָן מען זיך איבערצייגן, ווער עס האָט, ווי אַ געטרייער שקלאַף צו דער שוין עקזיסטירנדיקער פּראַקטישקייט, זיך געקלאַמערט מיט ציין און נעגל פאַר די סלופּעס פון דער אַלטער וועלט, און ווער איז געווען טריי דער יוירנדיקערווירקלעכקייט, געפילט איר פולסירנדיק בלוט און מיט איר זיך באַהאָפטן צו באַנייען זי און באַנייען זיך אין רעוואָלוציאָנערן אויפבּרויז.

אין ים פון מענטשלעכע ליידנשאַפטן און ליידן האָט אויפגעפלאַקערט מלחמה און ס'איז אויפגעגאַנגען רעוואָלוציע. אין לאַנד פון גרעסטן יידישן געטאָ־יישוב איז די אַרבעטערשאַפט געקומען צו דער מאַכט אין קאַמף קעגן בלוטיקן אַבסאָלוטיזם. פועלי־ציון זענען געווען די איינציקע פּאַרטיי פון יידישן אַרבעטער־קלאַס, וועלכע האָט נישט בלויז געקעמפט קעגן צאַריזם, נאָר די ערשטע אויסגעשטרעקט איר ברוסט קעגן די פּיילן, וואָס האָבן געצילט צו טרעפן אין האַרץ פון דער אַרבעטער־מאַכט. בונד און ס. ס. און סיימיסטן האָבן נישט אויסגעהאַלטן דעם אויפבּרויז פון די רעוואָלוציע־כּוחות און זענען אומגעקומען צוזאַמען מיט די כּוחות פון דער אַלטער וועלט פועלי־ציון האָבן איצט גרייטע געוווּנען נייע לעבנס־ענערגיע, ווייל עס זענען געשאַפן געוואָרן באַדינגונגען פאַר דער פאַרווירקלעכונג פון זייערע לאָזונגען בנוגע דעם יידישן אַרבעטער־לעבן.

אויך צום פּאַלעסטינע־ברעג האָבן גענומען שלאָגן עמיגראַציע־שטראָמען פון יידישע אַרבעטס־מענטשן, און מיט דעם אויפשטייג פון אַ ברייט־פאַרצווייגטן ווירטשאַפטס־לעבן אין לאַנד האָבן גענומען זיך צייכנען אַלץ שאַרפער די קאָנטורן פון די סאָציאַלע פאַרהעלטנישן, וועלכע בילדן אויס פון דעם איינהייטלעכן, כּלומרשט געאייניקט צו גאולה שטרעבנדיקן, כּלל־ישראל באַזונדערע קלאַסן מיט קעגנזעצלעכע אינטערעסן און ס'רייסן אָן וואָס ווי־

טער אַלץ מער די קלאַסן-קאָנפליקטן אויפן אויפגעפרישטן באָדן פון נאַציאָנאַלן לאַנד. דערזעלבער אַקער, וואָס האָט אויפגעאַקערט דעם נאַטור-באָדן פון אַלטן היים-לאַנד, האָט אויך פאַר איין וועג אויפגעאַקערט דעם סאָציאַלן באָדן פון דעם נייעם היים-לאַנד, און דער קלאַסן-קאַמף פון יידישן פּראָלעטאַריאַט איז געוואָרן דאָס געבאָט פון דעם זיך אויפבויענדיקן פּאַלעסטינע.

אין דער אַרבעטער-מלוכה, ווו דער פּראָלעטאַריאַט איז צוגעטרעטן צו בויען סאָציאַליזם, האָט ער געמוזט אין קאַמף קעגן פּועלי-ציון אַלס פּאַרטיי, אויפנעמען גאַנצע טיילן פון פּועלי-ציוניסטישן פּראָגראַם. די יידסעקציע, וועלכע האָט געהאַט צו איר רשות דעם גאַנצן מלוכה-אַפּאַראַט און דעם אומבויגזאַמען ווילן פון דער סאָציאַליסטישער מאַכט צו געבן אַן ענטפער אויף דיווירקלעכע נייטן פון די יידישע מאַסן, האָט געמוזט, אויף צו להכעיס איר גאַנצער אייגענער אַסימילאַטאָרישער איינשטעלונג, נאָכשלעפּן זיך נאָך די יידישע מאַסן און לעגאַליזירן דאָס, וואָס יענע האָבן אָנגעהויבן דורכצופירן אין לעבן אויף אייגענער אַחריות.

דאָס זענען סאַר דער צייט רייף געוואָרן די טענדענצן, וועלכע פּועלי-ציון האָבן אויפגענומען אין זייער עמבריאָנאַלן צושטאַנד, און איצט זענען עס געוואָרן פּולבלוטיקע, ממשותדיקע פּראָצעסן פון דער קאָנקרעטער רעאַלער ווירקלעכקייט, מיט וועלכע יעדער איינער האָט זיך געמוזט רעכענען פּראַקטיש, אויב אַפילו ער האָט זיך נאָך געבראָקלט און געבליבן איינגעשפּאַרט ביי זיין טעאָרעטישער קענגערשאַפט.

אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן אויסצוגעשטאַלטן די נייע רעוואָלוציאָנערע פּראַקטיק, די דינאַמיש-אויפגענומענע נייע ווירקלעכקייט, און די פּועלי-ציון-לאָזונגען זענען, צוליב זייער קאָנקרעטקייט און פּולבלוטיקייט, געוואָרן צוגעגנגלעך און פאַרשטענדלעך אויך פאַר די ברייטע מאַסן.

דאָס פּראָבלעם פון דער יידישער אַרבעטערשאַפט אַלס אַן אַלוועלטלעך פּראָבלעם, ווי אַ פּראָבלעם פאַרן אינטערנאַציאָנאַלן פּראָלעטאַריאַט, איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן אויפן סדר-היום פון קעמפנדיקן אַרבעטער-קלאַס און וועט שוין נישט פאַרשווינדן ביז עס וועט נישט קריגן זיין איינציק מעגלעכע רעוואָלוציאָנערע לעזונג, ווי זי איז פאָרמולירט דורך פּועלי-ציון.

פּאַלעסטינע האָט אויפגעהערט צו זיין דער ענין פון חלוקה-יידן, פון קאָנגרעס-ציוניסטן און פון עליה-חלוצים, נאָר זי ווערט אַלץ מער די זאַך פון אַלוועלטלעכן יידישן פּראָלעטאַריאַט.

די לעצטע פאַר יאָר מיט די בלוטיקע געשעענישן אין פּאַלעסטינע האָבן געצווונגען אַפילו די פּאָליטיש-אָפּגעשטאַנסטע עלעמענטן אין דער

ייִדישער אַרבעטערשאַפט איינצוזען די ריכטיקייט און אומבאַדינגטקייט פון דער פועלי-ציוניסטישער אָריענטאַציע בנוגע פּאַלעסטינע אויף די אינטערנאַציאָנאַלע רעוואָלוציע-כחות. דאָס פּראָבלעם פון שאַפן אַ אינטערנאַציאָנאַלן ייִדיש-אַראַבישן פּראָלעטאַרישן פראָנט אין פּאַלעסטינע איז איצט די דאָמינירנדיקע פראַגע פון דער פּאַלעסטינע-פּאָליטיק, און פון איר לעזונג זענען אָפּהענגיק די אויסזיכטן פונם פּאַלעסטינע-קאַמף פון ייִדישן פּראָלעטאַריאַט.

פונקט אַזוי האָט געפּלאַצט די פאַרפירערישע אילוזיע, אַז דער ייִדישער אַרבעטער קאָן זיין ק ל אַ ס ן-פּאַלעסטיניזם איינשפּאַנען אין רייטוואָגן פון דער אַ ל ט ע ר וועלט, ווען אַפילו בראש פון איר בריטישן אימפּעריאַליזם שטייען סאָציאַליסטן פון צווייטן אינטערנאַציאָנאַל.

פונקט ווי די אומשילטונגס-פּראָצעסן פון ייִדישן לעבן אומעטום ווערן אויפגעבונדן און באַקומען זייער פולן שוונג אין לאַנד פון אַרבעטער-מאַכט, — פונקט אַזוי וועט אויך דער טעריטאָריאַליזירונגס-פּראָצעס פון ייִדישן לעבן אין פּאַלעסטינע באַקומען זיין שוונג און פאַרווירקלעכט ווערן אין גאַנצן אומפאַנג אין אַ פרייען אומאָפּהענגיקן פּאַלעסטינע פון אַרבעטער און פויערים.

IX.

איצט ווייזט זיך ערשט אַרויס, אַז פועלי-ציון האָבן געהאַט אַ קלאָרן ציל, און רודערנדיק קעגן שטראָם, האָבן זיי אָבער געפירט די שיף פון ייִדישן אַרבעטער-קלאַס אין אַ באַשטימטער ריכטונג, נישט פאַרלאָזנדיק זיך אויף דעם באַראָט פון בלינדן, ווילקירלעכן צופאַל.

היינט זעען שוין אויך אַנדערע, אַז מ'מוז גיין קעגן שטראָם און אַז בנוגע דעם ייִדישן אַרבעטער פּראָבלעם מוז מען אָנווענדן ספּעציעלע מיטלען און גיין מיט נישט אויסגעטרעטענע וועגן.

רייסן זיי שטיקער פון פועלי-ציוניזם, נעמען איבער גאַנצע טיילן פון פועלי-ציוניסטישן פּראָגראַם און ווילן אַזוי אַרום פאַרפעסטיקן זייערע פּאָזיציעס אין ייִדישן אַרבעטער-לעבן.

*

*   *

מוזן מיר קומען אין יובל-יאָר פון דער פועלי-ציון-באַוועגונג מיט אונזער תביעה צו די ייִדישע אַרבעטער-מאַסן: רייסט נישט קיין שטיקער פון אונזער פּראָגראַם, פליקט נישט קיין אברים פון דעם לעבעדיקן אָרגאַניזם. דער כּוח פון פועלי-ציוניזם איז אינם גאַנצן ס י ס ט ע ם, אין זיין סינטע-

טישקייט, אין זיין אידעאָלאָגישער און פּראַקטישער דיסציפּ-
לין. צוברעקלט נישט און צושטויבט נישט די אידעע פון יידישן אַרבע-
טער-קלאַס. ווייל זי איז איינע און אַ איינהייטלעכע פאַרן יידישן און אינ-
טערנאַציאָנאַלן פּראָלעטאַריאַט אין דער גאָרער וועלט.

נעמט-אויף דעם פּועלי-ציוניזם אין זיין גאַנצקייט, אין זיין פולער
אַנטפלעקונג, ווייל דאָס איז די מעכטיקע אַנטפלעקונג פון די אויפשטייג-
כחות פון יידישן פּראָלעטאַריאַט. וויקלט-אויף די גאַנצע פאָן, ווייל דאָס
איז די איינציקע פאָן פון רעוואָלוציע אין יידישן לעבן, כאַפּט-אונטער אַלע
זיין רעוואָלוציאָנערן הימן, ווייל דאָס איז דער איינציקער רעוואָלוציאָנערער
הימן פון באַפרייונג און באַנייונג פון יידישן אַרבעטער-פאָלק.

שמשון

פון פיאנערן צו מאסן

(1906 — 1931)

אין דער מיידל-שול אויף קאבעליאקער גאס אין פאלטאווע איז היינטיקן אויפדערנאכט אן אומגעוויינטלעכע באלעבאטקייט. א סאך לאמפן ברענען. ס׳איז ליכטיק און פייערלעך. ס׳קומען כסדר געסט, וועלכע ווערן הארציק אויפגענומען און באגריסט פון דער פארוואלטערין, ח׳טע וויערא. אלע זענען זייער אויפגעלייגט. ס׳זענען געסט פון דער פרעמד, ס׳רוב זענען אפילו פרעמד איינער דעם צווייטן און ערשט איצט שליסן זיי באקאנטשאפט. דאך הערשט א טיפע פאראינטערעסירטקייט ביי יעדן איינעם מיט אלע, און ביי אלע מיט יעדן איינעם. מען ווערט שנעל באפריינדעט און מ׳פרעגט זיך אויס איינער ביים צווייטן אויספירלעך און גענוי וועגן דעם, וואס עס טוט זיך אין יענעמס ווייטן פונקט, פון וואנען דער באטרעפנדער קומט.

פאראן א היבש ביסל געסט, וועלכע קאנען זיך יא פון פריער. אלע קוקן זיך אום און פרעגן זיך נאך אויף איינעם, וואס יעדע רגע באגריסט ער זיך מיט אן אנדערן. ס׳איז א ברייט-פלייציקער, פעסטגעבויטער מיטלוווקסיקער בחור מיט עטוואס געקרייזלטע טונקעלע האר מיט א שארפן דורכדרינגנדיקן בליק פון קורצזיכטיקע אויגן. אויפן געזיכט שיינט ביי אים א גוטמוטיקער, צארטער שמייכל, ווי אן אויסערלעכער אויסדרוק פון שטארקער אינערלעכער פרייד.

ער מעג זיך פרייען. דאס איז דער עולם געקומען אויף זיין, באראַכאוס, רוף. פון פארשידענע שטעט און שטעטלעך פון גאנץ רוסלאנד זענען

זיך צונויפגעפאָרן די געסט: אַרבעטער, סטודענטן און עקסטערנעס. זיי זענען דעלעגאַטן פון גרופן, גאַנצע אָרגאַניזאַציעס און אפילו געגנטן, ווו יידישע אַרבעטער האָבן אויסגעדריקט זייער ווילן צו לייגן דעם גרונטשטיין פאַר זייער קאַמפּס-פּאַרטיי.

שוין עטלעכע יאָר, ווי ס'זענען אַנטשטאַנען אין פאַרשידענע שטעט און שטעטלעך גרופן פועלי-ציון, אָפּגעריסענע איינע פון דער צווייטער. האָבן זיי אַפילו נישט באַוויזן ביז אויף דעם טאָג זיך צונויפצורעדן וועגן איין פּראָגראַם, וועגן איין געמיינזאַמער אָרגאַניזאַציע.

אַ סך פראַגן האָבן זיך געשטעלט. נישט אויף אַלץ האָבן די גרופן געגעבן אַן ענטפער, און נישט אַלע האָבן זיי געגעבן דעמזעלבן ענטפער, אָבער שוין אין שטעלן די פראַגן איז געווען אַ נייעס. דער „בונד" האָט גאָרנישט געשטעלט קיין פראַגע. פאַר אים האָבן נישט עקזיסטירט קיין פּראָבלעמען. אויף וויפל אים האָט עפּעס געקוועלט, האָט ער געהאַט איין פּאַרטיקן תירוץ — עס וועט פאַלן די רוסישע זעלבסטהערשאַפט, וועט ממילא אַלץ ווערן גוט.

פּונקט אַזוי האָבן אויך די ציוניסטן נישט געוואָלט וויסן פון קיין באַזונדערע אַרבעטער-פּראַגן. ס'איז אַ פּראָבלעם פאַרן גאַנצן פאָלק. מיר מוזן צוערשט אַלע צוזאַמען באַפרייען דאָס גאַנצע יידישע פאָלק. דערנאָך ערשט וועט מען קענען שענקען אויפמערקזאַמקייט דעם אָדער יענעם קלאַס זיינעם.

די פועלי-ציון-גרופן האָבן זיך אָבער צונויפגעטראָפן מיטן לעבן און אויפגענומען אַלץ נייע און נייע פּראָבלעמען, וועלכע האָבן געמאָנט דרינגלעך און באַפעלעריש אַ פאַרענטפערונג.

די צייט איז געוואָרן אַלץ מער אויפגערעגט געזעלשאַפטלעך. אין די ווענט פון דער זעלבסטהערשאַפט האָבן זיך באַוויזן אַלץ מער און אַלץ גרעסערע שפּאַלטן. דער רוסיש-יאַפּאַנישער קריג האָט צוטרייסלט די גאַנצע ווירטשאַפט און אַנטפּלעקט די צופוילטקייט פון צאַריזם. די פון לאַנג-אָנגעזאַמלטע רעוואָלוציאָנערע ענערגיע האָט זיך אָנגעהויבן אַדורכרייסן דורך די ביוראָקראַטיש-פּאָליציייאישע ראַגאַטקעס און געפונען אַן אויסוועג אין די ריזיקע אַרבעטער-שטרייקן און סטודענטישע אומרוען. אַלץ אָפטער זענען געוואָרן די דירעקטע צוזאַמענשטויסן פון די פאָלקס-מאַסן און פאַרשטייער פון דער גוטסדיקער אָרדנונג. פון 9-טן יאַנואַר ביז דעם 17-טן אָקטאָבער האָט זיך אַנטוויקלט אַ שפּאַנענדער קאַפּיטל פון קלאַסן-צוזאַמענשטויסן, באַגלייט דורך בלוט און פייער, און זיך פאַרענדיקט צוערשט מיטן אָקטאָבער-מאַניפעסט וועגן אַ געוויילטער פאָלקס-פאַרטרעטונג און גלייך דערנאָך מיט אַ כוואַליע פון יידישע פּאָגראָמען.

ס'איז אין דעם געווען דער אויסדרוק פון דער שוואַכקייט פון דער

זעלבסטהערשאפט, וואס האט געמוזט געבן הנחות דעם אויפשטענדיקן רע־וואלוציאנערן פאלק; פון דער אנדערער זייט — א טייוולשער פרווו אפצווועגדן די סאציאלע אומצופרידנקייט אין דער זייט פון יידישע פאגראמען.

די יונגע, נישט־צעמענטירטע און נישט צענטראליזירטע פועלי־ציון־גרופן זענען ארייגעצויגן געווארן אין די דירעקטע פאליטישע קאמפן מיטן צארישן רעזשים און דורך זייערע פיל־צאליקע זעלבסט־שוץ אטריאדן — אין די שלאכטן מיט די פון פאליציי אנגערייצטע און ארגאניזירטע פאגראם־באנדעס.

אין ציוניסטישן לאגער איז פארגעקומען א שפאלטונג ארום דער או־גאנדע־פראגע און מ'האט געמוזט פאר זיך אליין קלאר מאכן די מארקסיס־טישע אויפפאסונג פון טעריטאריאליזם און די באציונג צום פאלעסטינע־פונקט.

ס'איז רייף געווארן די באדערפעניש אין א צוזאמענפאר, וואס זאל צונויפנעמען די צושפרייטע פונקען פון פועלי־ציוניסטישער מינדלעכער טע־אריע און אויפשטעלן איין פראגראם פאר אלע. גלייכצייטיק צעמענטירן די אויף אייגענעם באראט און אחריות־פארלאזענע גרופעס אין איין פ א ר ט י י מיט א קאלעקטיווער ארגאניזאציאנעלער דיסציפלין און פאראנטווארטלעכקייט.

אין בײדע הינזיכטן האבן זיך די בליקן פון אלעמען געצויגן צום „פאלטאווער גאון", צום יונגן פילאזאף און עקאנאמיסט, ב ע ר ב א ר א כ א וו ער האט שוין ארויסגעוויזן זיין כח אין דער פועלי־ציוניסטישער תורה שבעל־פה, בעת די נסיעות איבער די שטעט, און ערשט נישט לאנג, אויפן ערשטן פאלטאווער ראיאנס־צוזאמענפאר, האט ער אנטפלעקט זיין כח אויך אין שאפן די תורה שבכתב, און ער האט עס געגעבן די לוחות־הברית פון פועלי־ציו־ניזם אין דער בארימט־געווארענער רעזאלוציע וועגן די קלאסן־מאמענטן אין דער נאציאנאלער פראגע.

אלס פאקטישער פירער פון דעם ארגאניזיר־ביורא האט באראכאוו רעאליזירט דעם פלאן וועגן צונויפרופן דעם ערשטן גרינדונגס־צוזאמענפאר פון דער פארטיי פועלי־ציון.

הײנט איז די דערעפענונג פון צוזאמענפאר. דער אנהויב איז באשטימט אין דער מיידל־שול, ווו ח'טע וויערא איז פארוואלטערין. עס איז פורים. קאן מען אפציען די אויפמערקזאמקייט פון דער פאליציי און מען קאן כאטש דעם אריינפיר אין דער ארבעט מאכן אין א גרוימער, ווארימער און ליכטי־קער אטמאספער.

פונדעסטוועגן זענען די פאסטנס צעשטעלט ווייט אין די ארומיקע גאסן, וועלכע פירן צו דער שול, און מען איז בודק דורך פאראלן יעדן איינעם, וואס דערנענטערט זיך צו דעם ארט, ווו ס'טרעטן צו צו זייער ארבעט די פיאנערן פון דער פועלי־ציון באוועגונג.

אויף מארגן האט זיך שוין דער צוזאמענפאר אריבערגעטראגן אויף די

ווייטע קאָביעשצאַנעס, אין אַן אָפּגעלעגענעם געסל צו אַ בעקער. דאָרטן איז שוין געווען ענג און דושנע. מען איז געזעסן אויף זעקלעך מעל, אַלייַן געווען אויסגעשמירט אין ווייסן, דאָרט געהאַט די זיצונגען. דאָרט גענעסן און דאָרטן גענעכטיקט. אַ גאַנצע וואָך, טאָג און נאַכט, האָט זיך געצויגן דער צוזאַמענפֿאָר. און מיט יעדן טאָג איז געוואַקסן די שטימונג, וואָס ווייטער, אַלץ מער איז קלאָר געוואָרן די וויכטיקייט פֿון דער אַרבעט נישט נאָר פֿאַרן מאָמענט.

ווייניקע האָבן געפֿילט בחוש און באַנומען מיטן גאַנצן באַוווסטזיין, אַז דאָ ווערט אָפּגעטון אַ היסטאָרישע אַרבעט פֿון גרויסער באַדייטונג פֿאַרן גאַנצן יידישן אַרבעטער־קלאַס. פֿון אָנגעהויפֿענע אין אומאָרדנונג געדאַנקען און מיינונגען האָט זיך אָנגעהויבן קאָנסטרוירן אַן אויסגעהאַלטענע, גאַנצע געביידע, ווו איין ציגל איז אַריינגעוואַקסן אין צווייטן און יעדער טריט איז אָרגאַניש באַהאָפֿטן מיטן גאַנצן.

מיט וואָס פֿאַר אַן איינשטימיקייט איז אויפֿגענומען געוואָרן די מאַרקסיסטישע אויפֿפֿאַסונג פֿון דער נאַציאָנאַלער פֿראַגע, ווי באַראָכאָוו האָט זי פֿאָרמולירט, און ווי לאָגיש איז פֿון איר אַרויסגעדרונגען די כאַראַקטעריסטיק פֿון דער אייגנאַרטיקער יידן־פֿראַגע, אַלס אַן אַלוועלטלעך סאָציאַל־עקאָנאָמיש פּראָבלעם!

די פֿראַגע, וועלכע האָט אַזוי געפּייניקט יעדן פּועלי־ציון־טעאָרעטיקער וועגן דעם, ווי מען פֿאַרבינדט דעם „דאָ און דאָרט״, איז נאַטירלעכערהייט פֿאַרבלייכט געוואָרן און זיך אַראָפּגעגליטשט פֿון סדר־היום, ווייבאַלד ס׳איז אַרויסגעבראַכט געוואָרן די צונויפֿקייטלונג פֿון אַלע דערשיינונגען אין יידישן לעבן, אין וועלכע עס אַנטפּלעקט זיך דער אומשיכטונגס־ און פּראָדוקטיוויזירונגס־פּ ר אָ צ ע ס פֿון די יידישע מאַסן אין דער גאָרער וועלט, וואָס די טעריטאָריאַליזירונג אין פּאַלעסטינע איז בלויז זיין בולטסטער און פֿולסטער אויסדרוק.

ערשט דאַן האָט אויפֿגעלויכטן דאָס באַוווסטזיין, אַז פּועלי־ציון זענען דיווירקלעכע פּאַרטיי פֿון רעוואָלוציע; ס׳קאָן נישט זיין קיין סאָציאַליסטישע קלאַסן פּאַרטיי אָן אַ פּערספּעקטיוו; אָבער די פּערספּעקטיוו שווימט נישט אַרויס פּלוצים, ווייט אין דער צוקונפֿט, ווי אַ מיראַזש אין וויסטן מדבר, אָן שום צוזאַמענהאַנג מיט דער וואָר פֿון אונזער טאָג־טעגלעך לעבן.

פֿאַרקערט, אין דעם באַשטייט דער כח פֿון דער סאָציאַליסטישער פּערספּעקטיוו, וואָס זי קומט־אויף אין דער פּראַקטיק פֿון היינט, נערט זיך און שפּייזט זיך פֿון טאָג־טעגלעכקייט, ביז זי ווערט אינגאַנצן אויס פּערספּעקטיוו, נאָר רעאַלער פֿאַקט.

די פּערספּעקטיוו גיט נאָר דאָס רעכט צו פֿאָרמולירן דעם פּ ר אָ ג נ אָ ז

פֿון דער װײַטערער אַנטװיקלונג. אַדאַנק דעם קריגט אַן אַנדערן, העכערן װערט און זין אויך די אַרבעט פֿון ה ײ נ ט.

אַזױ איז אויך דער פּאַלעסטיניזם אויפֿגענומען געװאָרן דורכן פּאָלטאַװער צוזאַמענפֿאָר, װי אַ פּ ר אָ ג נ אָ ס ט י ש ע ר, ס'הייסט, װי דער אויסדרוק פֿון אַ פּראָצעס, װאָס מען זעט פֿאָר זײַן פֿולע פֿאַרענדיקונג אין דער װײַטער צוקונפֿט. װײַל אָבער דאָס איז אַ פּ ר אָ צ ע ס, טאָר מען נישט אָפּלײגן אַלץ, װאָס האָט אַ שײַכות צום פּאַלעסטיניזם, ביז צו דער צײַט, װען דער פּראָלעטאַריאַט װעט באַקומען די מאַכט. אדרבא, מען דאַרף אויף דעם פּראָצעס װירקן און אַקטיװ אים אונטעריאָגן און צואײַלן, אָפּרוימען די שטײנער און דערנער, װעלכע שטערן זײַן פֿרײַע און שנעלע אַנטװיקלונג.

דערצו איז נויטיק פֿאַנאַנדערצוװיקלען דעם קלאַסן-קאַמף פֿון ײדישן פּראָלעטאַריאַט אויפֿן גאַנצן אַלװעלטלעכן פֿראָנט פֿון ײדישן מאַסן-לעבן.

פּאָליטישער קאַמף אויפֿן אָרט; פּאַלעסטינע אין קײט פֿון די אומשיכטונגס-פּראָצעסן אין אַלװעלטלעכן ײדישן מאַסן-לעבן און דער אויסדרוק פֿון זײַן טעריטאָריאַליזירונג; קלאַסן-קאַמף אומעטום און אויך אין פּאַלעסטינע אַלס אײנציקער װעג פֿון ײדישן פּראָלעטאַריאַט; ײדישער אַרבעטער-קלאַס אַלס אײנציקער טרעגער און פֿאַרװירקלעכער פֿון דער נאַציאָנאַלער באַפֿרײַונג פֿון די ײדישע מאַסן; לסוף, די אָרגאַניזאַציאָנעלע צעמענטירונג פֿון די גרופּן אין אײן דיסציפּלינירטער פּאַרטײ פּועלי-ציון — דאָס איז געװען דער סך-הכל פֿון דעם גרינדונגס-צוזאַמענפֿאָר אין פּאָלטאַװע.

פֿיזיש אויסגעשעפּטע און פֿאַרמאַטערטע זענען די דעלעגאַטן געזעסן טאָג און נאַכט אין דעם בעקערס הויז. אָבער כּסדר זיך גײַסטיק דערפֿרישט און אַנטדעקט נײַע קװאַלן פֿון ענערגיע אין זיך און בײַם ײדישן אַרבעטער-קלאַס. האָבן זײ עקשנותדיק, מיטן געפֿיל פֿון היסטאָרישער אַחריות געשמידט די קלאַסן-װאָפֿן פֿון דער נײַער פּאַרטײ פֿון ײדישן פּראָלעטאַריאַט.

נעכט זענען געשטאַנען פּינסטערע, צײַטן זענען געװען טריבע, פֿון אַלע זײַטן האָבן געלויערט אויגן, געשטאָכן, װי שפּיזן, און דער אָרט פֿון צוזאַמענפֿאָר איז באַװוסט געװאָרן דער פּאָליצײ. די אָרדנער אויף זײערע פּאָסטנס האָבן עס באַצײַטנס דערשפּירט און מ'האָט דעם צוזאַמענפֿאָר געראַטעװעט. האָט מען ריזיקירט און זיך איבערגעטראָגן אין צענטער פֿון שטאָט אין אַ האָטעל, װוּ ס'האָט געװוינט באָראָכאָװ. ס'האָט נישט לאַנג געדויערט און פּאָליצײ איז געקומען אין האָטעל. האָט מען פֿאַרשלאָסן דעם צימער און גענומען שפּרינגען פֿון פֿענסטער. די פּאָליצײ האָט אין איר נעץ אַרײַנגעכאַפּט בלויז צװײ קרבנות: דעם שוסטער חבר ג ר ש ו ן און דעם סטודענט ח' משה.

אָבער די אָרגאַניזאַציאָנעלע אַרבעט איז שוין געװען פֿאַרענדיקט, דער סטאַטוט אָנגענומען און דער צ. ק. — געװײלט.

די רעשט טעאָרעטישע אַרבעט האָבן די מיטגלידער פון דער טעאָרע־טישער קאָמיסיע פאַרענדיקט לכתחילה אין קאָנסטאַנטינאָגראַד, פּאָלטאַווער גובערניע, און דערנאָך אין סימפּעראָפּאָל, קרים.

די פּאַרטיי פון יידישן פּראָלעטאַריאַט האָט זיך קאָנסאָלידירט אידעיש און אָרגאַניזאַציאָנעל אויפן ערשטן, גרינדונגס-צוזאַמענפאָר אין פּאָלטאַווע, אין מערץ 1906.

די דעלעגאַטן האָבן דאַן אפשר נישט אין דער פולער מאָס באַנומען, וואָס פאַר אַ ווערט זייער אַרבעט וועט האָבן. איצט אין מערץ 1931 קאָן מען שוין פעסטשטעלן, אַז זייער אַרבעט איז אין דער ווירקלעכ-קייט געווען פון היסטאָרישער באַדייטונג.

אין פּאָלטאַווע האָבן די דעלעגאַטן פון ערשטן פּועלי-ציון-צוזאַמענ-פאָר געעפנט אַ נײַ בלעטל יידישע אַרבעטער־געשיכטע. ס׳איז געווען אַ פּיאָנערן-אַרבעט — פּיאָנערן אויסצוטרעטן אַן אייגענעם קלאַסן-וועג פאַרן יידישן פּראָלעטאַריאַט.

אויפן דאָזיקן וועג זענען געגאַנגען אין משך פון 25 יאָר הונדערטער און טויזנטער. איצט גייען אויף אים גאַנצע באַטאַליאָנען, אָן אַ צאָל.

איצט פייערן מיר שוין דעם יובילײ פון 25 יאָר פּועלי-ציון-באַוועגונג. נאָך איז אונזער וועג פול מיט שטערונגען און אָפּהאַלטן. מוז מען זיך נאָך שטאַרקער באַוואָפענען מיטן כח פון דער פּועלי-ציון-אידעע און ברייטער אויפוויקלען די פאָן פון פּועלי-ציון.

פון ענגן, דושנעם בעקער-הויז אין פּאָלטאַווע — אויף די ברייטע שליאַכן פון היסטאָרישן וועלטן-געראַנגל ליגט דער וועג פון די פּועלי-ציון-פּיאָנערן פון יידישן אַרבעטער-קלאַס. דער וועג פון אידעען, וואָס ווערן פאַרוואַנדלט אין טאַטן. דער וועג פון טאַטן, וואָס ווערן באַלויכטן מיט דעם ליכט פון גרויסע אידעען.

אין 1906 איז עס געווען דער וועג פון פּיאָנערן.

אין 1931 איז עס דער וועג פון די מאַסן.



אַ גרופּע מיטגלידער פֿון דער טעאָרעטישער קאָנפֿערעץ אין קאָנסטאַנטינאָגראַד
אין יאָר 1906

פֿון רעכטס (שטייען) ז ר ב ב ל און ר פ א ל (ש. קאַפּעליאַנסקי)
(זיצן) פּ. מענטשיקאָווסקי (וו. אַדים) און אַראָן אַרשאַווסקי (אַ. אַראָנאָוו)

נ. ראַפּאַלקעס (ניר)

נאָך 25 יאָר

ווען מען לעזט איבער נאָך פינף און צוואַנציק יאָר דאָס פּראָגראַם פון דער פּאַרטיי, ווי עס איז פאָרמולירט געוואָרן אין פּאָלטאַווע*) — קאָן מען זיך לייכט איבערצייגן, אַז די גרונט־יסודות זענען געבליבן די אייגענע. טאַקטישע שטעלונגען האָבן זיך געביטן, דער אויסגאַנג־פונקט שטייט היינט צו טאָג פעלזן־פעסט.

די עקאָנאָמישע אייגנאַרטיקייט פון יידישן לעבן, די ספּעציפישע אַנאָמאַליעס פון דער יידישער אַרבעטער־ווירקלעכקייט, די פאַרשמעלערטע סטראַטעגישע באַזע פאַרן קלאַסן־קאַמף, די שטרעבונג צו פּראָדוקטיוויזירונג און אומשיכטונג, די וואַנדערונגס־פּראָצעסן, די טענדענץ צו קאָנצענטרירטער אימיגראַציע, די אַלוועלטלעכקייט פון די דאָזיקע יסודות, און צולעצט דער פּאַלעסטיניזם, אַלס דער אויסדרוק און רעאַליזירונג פון די גרונט־יסודות — דאָס אַלץ איז דורכן לעבן באַשטעטיקט געוואָרן. מער נישט, — וואָס דער

---

*) דאָס דאָזיקע פּראָגראַם איז אויסגעאַרבעט געוואָרן אויף דער טעאָרעטישער קאָנפערענץ אין מערץ 1906 נאָכן גרינדונגס־צוזאַמענפאָר אין פּאָלטאַווע, דאַן דערגאַנצט אויף דער טעאָרעטישער קאָנפערענץ אין נאָוועמבער 1906 אין גראָדנע (אין הויז פון בצלאל יפה) און דעבאַטירט און אָנגענומען אויפן צווייטן צוזאַמענפאָר פון דער רוסישער פּאַרטיי אין קראָקע אין יאָר 1907, אַלס פּראָיעקט־פּראָגראַם. געדרוקט צום ערשטן מאָל אין דייטש („נייער וועג" 1911), אין יידיש (פאַרלאַג „אַרבעטער־היים", נומ. 12 אין וואַרשע, פאַרלאַג „אַרבעטער־ביבליאָטעק" נומ. 6 אין לובלין), דאַן אין פּויליש אין פאַרלאַג „מלאָט", און אין רוסיש אין יאָר 1917 אין לעניגראַד אין פאַרלאַג פון „דער יידישער אַרבעטער כראָניק".

פּאַלעסטיניזם דאָן איז געווען דער טעאָרעטישער אויסדרוק פון די פּראַקטישע לעבנס-באַדינגונגען, און היינט איז ער דער פּראַקטישער אויסוועג פון די זעלבע באַדינגונגען.

די אַלע יסודות פון פּועלי-ציוניזם ביז אויפן פּאַלעסטיניזם זענען היינט אָנערקענט דורך די שאַרפסטע קעגנער זיינע אין דער פאַרגאַנגענהייט און אין דער קעגנוואַרט. הן דער בונד, הן די יידסעקציע, די לעצטע מער נאָך, ווי דער ערשטער, האָבן געמוזט אויפנעמען נישט נאָר דעם פּרינציפּ פון דער אַלוועלטלעכקייט, וואָס איז געווען דער קעגנזאַץ צו „ליטע, פּוילן און רוסלאַנד", נאָר אויך די אויסוואַנדערונג און די קאָנצענטרירטע קאָלאָניזאַציע אַלס פּועל-יוצא פונם דראַנג צו פּראָדוקטיוויזירונג און אומשיכטונג.

„די יידישע אַרבעט גרופּירט זיך אין די אָפּגעשטאַנענע ווירטשאַפטס-פאָרמען: ביי דער אויסאַרבעטונג פון געברויכס-אַרטיקלען און אין האַנדל. דער יידישער פּראָלעטאַריאַט שטייט אָן אַ זייט פון די לעבנס-נערוון פון דער ווירטשאַפט, און דערפאַר האָט זיין קאַמף אַ באַגרענעצטן כאַראַקטער, נישט קוקנדיק אויף די גרעסטע קראַפט-פאַרשווענדונג. ווי שטאַרק עס זאָל נישט זיין זיין אָרגאַניזירטקייט, ווי טיף אים זאָל נישט דורכדרינגען דאָס רעוואָלוציאָנערע באַוווּסטזיין — דאָס אַלץ איז נאָך נישט גענוג, כדי צו דערגרייכן אַ געהעריקע ווירקונג אויפן פּאָליטישן לעבן פון לאַנד". (ז. 12, ציטירט לויט דער לובלינער אויסגאַבע).

„קיין פּאָלקאָמע יורידישע גלייכבאַרעכטיקונג און די נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע וועט נישט אַרויסרופן קיין גרינטלעכע ראַדיקאַלע ענדערונג אין זיין ווירטשאַפטלעכן לעבן.

„די ווירטשאַפטלעכע איזאָלירונג פון די יידן, וואָס שטייגט מיט איטלעכן יאָר און דריקט זיך אויס אין אַנטיסעמיטיזם מיט אַלע דערשיינונגען, וואָס באַגלייטן אים, (דער עקאָנאָמישער באָיקאָט, די יורידישע אָדער פאַקטישע רעכטלאָזיקייט פון די יידישע מאַסן אפילו אין די קאָנסטיטוציאָנעלע מדינות, די פּאָגראָמען, פון וועלכע די יידן זענען נישט זיכער אפילו אין די סאַמע פּראָגרעסיווע לענדער) רופט אַרויס אַן אינטענסיווע עמיגראַציאָנס-באַוועגונג אין אַלע שיכטן פון יידישן פאָלק. תחילת גייט די עמיגראַציע אין די לענדער, ווו דער קאַפּיטאַליזם האָט דערגרייכט אַ הויכע שטופע פון זיין אַנטוויקלונג (די פאַראייניקטע מדינות פון צפון-אַמעריקע, ענגלאַנד). אָבער אין דער דאָזיקער ריכטונג פאַרענטפערט נישט די עמיגראַציע די יידן-פראַגע, זי טראָגט זי נאָר אַריבער אין נייע לענדער; אין די נייע לענדער, ווו די יידן באַזעצן זיך, דרינגען די יידן אויך נישט אַריין אין די וויכטיקסטע פּראָדוקציע-צווייגן, דאָרטן שטויסן זיי זיך אויך אָן אויף איזאָלירונג און אויף דעם אַנטיסעמיטיזם. די נייע לענדער ווערן איבערפולט מיט יידישע

אימיגראַנטן. און די נייע איינוואַנדערער באַקומען שוין שטאַרק צו פילן אויף זיך די באַגרענצונגען פאַרן אַריינפאָר.

„די איינוואַנדערונגס-לענדער ווערן בנוגע צו די יידן אויסוואַנדע־רונגס-לענדער. די עמיגראַציע רופט אַרויס די יידן-פראַגע דאָרטן, וווּ מען האָט פריער פון איר נישט געוווּסט. די עקאָנאָמישע באַדינגונגען פון יידישן לעבן ווערן איבעראַל בעצם גלייך. די יידן־פראַגע ווערט אַן אַלוועלטלעכע פראַגע" (ז. 13).

צי וועט ווער איצט, נאָך פינף און צוואַנציק יאָר, וואַגן צו זאָגן, אַז דער אַנאַליז איז נישט ריכטיק? צי האָט זיך די לאַגע פון דער יידישער אַרבעטערשאַפט און פון אַלע שיכטן פון פאָלק געביטן? זייט דאַן און לענגער שוין קעמפט דער בונד, און ווי זענען די רעזולטאַטן פון דעם דאָזיקן קאַמף? צי באַשטעטיקן זיך נישט די ווערטער פון אונזער פראָגראַם, אַז נישט געקוקט אויף דעם גרויסן רעוואָלוציאָנערן טעמפעראַמענט, אויף די אָפט העראָישע אָנשטרענגונגען פון אַמאָליקן בונד, האָט זיין קאַמף קיין רעזולטאַט נישט געהאַט?! אויב דער רעזולטאַט זאָל זיין נאָר די אָרגאַני־זירטקייט פון יידישן אַרבעטער, איז עס גאָר נישט, ווייל אָרגאַניזירטקייט איז אַ מיטל צום צוועק, אָבער נישט דער צוועק. טאָ ווו איז דער צוועק? איז די עקאָנאָמישע לאַגע פון יידישן אַרבעטער, שוין נישט רעדנדיק פון זיינע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס, געענדערט צום בעסערן?

ווו איז דער בונד אין רוסלאַנד? ביים ערשטן ווינטל פון דער סאָ־ציאַלער רעוואָלוציע איז ער בכלל אַראָפּ פון דער אַרענע. טאָ צו וואָס האָט ער געקעמפט הערויש אין משך פון יאָרן? ווו איז זיין נאַציאָנאַל-קולטורעלע אויטאָנאָמיע -- דער א און ת פון זיין נאַציאָנאַלן פראָגראַם?

די יידסעקציע? זי איז דאָך געקומען מיטן ערשטל ווינטל פון דער רעוואָלוציע. האָט זי געלייזט דאָס יידישע אַרבעטער פּראָבלעם אין משך פון דרייצן יאָר ביי די גינסטיקסטע פּאָליטישע באַדינגונגען? בירא-בידזשאַן און קרים — שטיקער פון אונזער פראָגראַם, אָבער נאָר שטיקער פון דער מיט, אָן אַן אָנהויב און, הויפטזעכלעך, אָן דעם סוף. צי האָבן זיי געלייזט דאָס יידישע אַרבעטער פּראָבלעם אין סאָוויעט-רוסלאַנד? זיי האָבן אָן ספק פאַר־בעסערט די לאַגע פון טויזנטער און אפשר צענדליקער טויזנטער. אָבער דאָס פראָבלעם נישט נאָר אין וועלט־מאַסשטאַב, נאָר אַפילו אין רוסלאַנד גופא שטייט היינט צו טאָג אין פולן פאַרנעם.

דאַקעגן שטייט ארץ־ישראל מיט אירע קרוב צו פערציק טויזנט יידישע אַרבעטער אין דער אור-פראָדוקציע, אין דער שווערער אינדוסטריע, אין דער לאַנדווירטשאַפט און, פאַרשטייט זיך, אויך אין דער געברויך-אינדוסטריע. עס מערקט זיך אָן היסטאָריש די פּאָליטישע מאַכט פון דער יידישער אַר־

בעטערשאַפט, נישט געקוקט אויף אַלע פּאָליטישע און ווירטשאַפטלעכע מניעות. האָבן מיר, פּועלי־ציון, עס אויפגעטאָן? זיכער נישט מיר אַליין, און ווייט נישט מיר אַליין. די היסטאָרישע אַנטוויקלונג האָט דערצו געבראַכט, און מיר זענען נאָר געווען די, וואָס האָבן פאָרויסגעזען און אונטערגעצייכנט דעם דאָזיקן היסטאָרישן פּראָצעס, וועלכער געפינט זיך נאָך איצט אין ווערן.

דאָ, אין דעם רעאַליזירונגס־פּראָצעס, ווען די טאַקטיק איז געוואָרן אַ פּראַקטישע פראַגע, און נישט נאָר אַן ענין פון דיסקוסיעס, האָט זיך די גרויסע מחנה פון פּועלי־ציון צעשיידט. ספּעציעל, ווען עס איז געקומען דער שטורם און דראַנג־פּעריאָד, ווען מען האָט געמוזט אַנטשיידן, צי מיטן בירגערטום קעגן דער רעוואָלוציע, אָדער מיט דער רעוואָלוציע קעגן בירגערטום, איז געקומען צום אויסדרוק דער אורשפּרונג פון מזרח־ און מערב־פּועלי־ציון.

דער אונטערשיד אין אורשפּרונג איז אין משך פון יאָרן נישט פאַרשוונדן. אין היסטאָרישן מאָמענט פון אַנטשיידונג האָט ער אומפאַרמיידלעך געמוזט ברענגען צו דער שפּאַלטונג. די אידייען פון אומשיכטונג פון פּראָדוקטיוויזירונג, דער קאָנקרעטער פּאַלעסטיניזם איז געוואָרן דער קנין פון ברייטע שיכטן נישט נאָר אין דער אַרבעטערשאַפט, נאָר אויך און זייער שטאַרק אין די ברייטע שיכטן פון קליינבירגערטום און הויפּטזעכלעך פון דער קליינבירגערלעכער אינטעליגענטישער יוגנט. די אינטעליגענץ, אַפילו אין מזרח, איז אָבער לויט איר סאָציאַלער לאַגע געווען נאָענט צום בירגערטום, און דעריבער נענטער צום מערב־פּועלי־ציון. דער דאָזיקער טייל האָט עס אין אַנטשיידנעם מאָמענט פאַרראַטן, און צוליב דער פ אָ ל ק ס־סאָלידאַריטעט אויפגעגעבן די ק ל אַ ס ן־סאָלידאַריטעט.

פאַרראַטן האָט אויך די קליינבירגערלעכע אינטעליגענץ אין די ראַמען פון דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטערשאַפט. פאַר דער יידישער, אין תוך אַסימילירטער, אינטעליגענץ, וואָס איז אַלע מאָל געווען געוווינט צו קוקן מער אויף אויסן, ווי אויף אינעווייניק, האָבן זיך מיט אַמאָל אין ליכט פון דער רעוואָלוציע געעפנט ברייטע האָריזאָנטן. זי האָט דערזען די גרויסע מעגלעכקייט אַרויסצוגיין פון דעם ענגן געטאָ פון דער יידישער אַרבעטערשאַפט אין דער גרויסער גאָרער וועלט. זי האָט נישט פאַרשטאַנען, אַז די יידישע אַרבעטער מאַסע קאָן איר נישט נאָכגיין, קאָן נישט אַוועקגיין פון זיך אַליין, ווייל דעם ענגן שווערן וועג וואָלט זי דאַן מיטגעבראַכט מיט זיך, די ענגשאַפט און די שוואַכע מעגלעכקייט קומען דאָך אַדאַנק דער השפעה פון אויסנווייניק אויף אינעווייניק. אויף אַזאַ אופן איז אַ טייל פון דער אינטעליגענץ אַוועק פון דער אַרבעטער־מאַסע; עס איז געקומען דער פּראָצעס פון „ליקווידאַציע“: די סוביעקטיווע רעוואָליוציאָנערישקייט פון דער

אינטעליגענץ האָט געבראַכט צום אָביעקטיוון פּאַרראַט בנוגע צו די יידישע אַרבעטער-מאַסן.

איז די מאַסע אַוועק איר אייגענעם וועג, און העלפט-מיט דעם רעאַליזירונגס-פּראָצעס פון דעם טעריטאָריאַלן אַרבעטער-צענטער אין ארץ-ישראל. פאַר דער אַלוועלטלעכער יידישער אַרבעטערשאַפט זענען די פּראָבלעמען פון ארץ-ישראל געוואָרן די טאָג-טעגלעכע פּראָבלעמען. פון דער טעאָריע איז ארץ-ישראל געוואָרן די פּראַקטיק, און אין דער אַרבעטערשאַפט ווערט איצט געפירט דער קאַמף: נישט צי יאָ ארץ-ישראל, צי נישט ארץ-ישראל, נאָר ווי אַזוי ארץ-ישראל; מיט וועלכן וועג דאַרף גיין די רעוואָלוציאָנערע אַרבעטערשאַפט צו דער רעאַליזירונג. דעריבער זענען עס די פּראָבלעמען פון פּאַלעסטינער קאָלאָניזאַציע, פון ענגלישן אימפּעריאַליזם און פון אינטערנאַציאָנאַלער אָרגאַניזירונג אין לאַנד געוואָרן די אַקטועלסטע פּראָבלעמען נישט נאָר פון דער יידישער אַרבעטערשאַפט אין ארץ-ישראל, נאָר פון דער יידישער אַרבעטערשאַפט אין דער גאָרער וועלט.

עס איז אויסגעלעבט געוואָרן די חוץ לארצדיקע ליקווידאַציע פון פּאַלעסטיניזם; ביסלעכווייז לעבט זיך אויס, לאַנגזאַם אָבער זיכער, די פּאַלעסטינער ליקווידאַציע פון דעם קלאַסן-שטאַנדפּונקט. דאָס רעאַלע לעבן דאָרט ברענגט צום פּאַלעסטיניזם, דאָס רעאַלע לעבן דאָ ברענגט צו רעוואָלוציע.

עס האָט זיך אַנטשידן אויסגעוועבט די אוטאָפּיע צו בויען סאָציאַליזם מיט דער הילף פון בירגערטום אין ארץ-ישראל, עס וועבט זיך ביסלעכווייז אויס די האָפנונג אויף דער שפּעטערישער ראָל פון יידישן בירגערטום. די קאַפּיטאַליסטישע קאָלאָניזאַציע פון ארץ-ישראל אונטער דעם בריטישן אימפּעריאַליזם שאַפט דאָס קלאַסן-באַוווסטזיין אין די רייען פון דער יידישער אַרבעטערשאַפט דאָ און דאָרט. דער דאָ און דאָרט פאַרוואַנדלט זיך אין איין גרויסן רעוואָלוציאָנערן פראָנט. עס פאַרפעסטיקט זיך ביים יידישן פּראָלעטאַריאַט דאָס שטרעבן צו אייגענער שאַפונג, עס וואַקסט די זעלבסטאַקטיוויטעט און דאָס באַוווסטזיין פון דער נויטווענדיקייט ענדגילטיק און ביזן סוף צו פאַרבינדן זיין גורל מיט דעם רעוואָלוציאָנערן טייל פון דער אַלוועלטלעכער אַרבעטער-באַוועגונג, און עס שטעלט זיך קאָנקרעט דאָס פּראָבלעם פון מאַכט פון יידישן אַרבעטער.

דאָס זענען די דערגרייכונגען פון דער רעוואָלוציאָנערער פּועלי-ציון באַוועגונג פאַר פינף און צוואַנציק יאָר.

פנחס

די גרינדונגס-תקופה פון „פוילישן פארבאנד״

גאנץ ווייניק איז באקאנט, אז די גרינדונג פון דער יידישער ס. ד. א. פ. „פועלי-ציון״ אין פוילן איז פארגעקומען פריער, ווי עס האט זיך קאנסטיטוירט די רוסלענדישע י. ס. ד. א. פ. „פועלי-ציון״ אין יאר 1906 אויפן גרינדונגס-צוזאמענפאר אין פאלטאווע. גאנץ ווייניק, אפילו אקטיווע חברים, איז באקאנט דער פאקט, אז די פועלי-ציון פון אמאליקן קרוין-פוילן זענען אריין אין דער רוסלענדישער פארטיי אלס גאנצע, ארגאניזירטע פארטיי, אונטער דעם נאמען „פוילישער פארבאנד״ י. ס. ד. א. פ. „פועלי-ציון״, און אונטער דעם דאזיקן נאמען געבליבן אלס באשטאנדטייל פון דער רוסלענדישער פארטיי. אין פרינציפ האט דער פוילישער פארבאנד אפילו געהאט געוויסע אויטאנאמע רעכט, (אין דער פראקטיק איז דאס נישט געקומען צום אויסדרוק ביז דער רוסישער רעוואלוציע און דער אנטשטייונג פון זעלבסטשטענדיקן פוילן).

אין פוילן האט זיך די פועלי-ציון-באוועגונג אנגעהויבן סוף 1904. צו יענער צייט זענען זיך אין פוילן פאנאנדערגעוואקסן אויף דער יידישער ארבעטער-גאס די אזוי-גערופענע ס. ס. (סיאניסטן-סאציאליסטן). די ס. ס. זענען אין אנפאנג געווען א ריין ציוניסטיש - סאציאליסטישע גרופירונג. זיי האבן אפילו אין דער ערשטער צייט געטראגן דעם נאמען „פועלי ציון״. ערשט אויף זייער גרינדונגס-צוזאמענפאר האבן זיי אויסגעפונען, אז דער נאמען „פועלי-ציון״ פאסט זיך נישט אינגאנצן און זיך משנה שם געווען אויף „סיא-

ניסטן-סאָציאַליסטן". זיי האָבן אָנטייל גענומען אין ציוניסטישן קאָנגרעס ביז ס'איז אָנטשידן געוואָרן די אוגאַנדע-פראַגע און זיי האָבן זיך ענדגילטיק אָפּגעזאָגט פון פּאַלעסטינע, צוועקשטעלנדיק זיך אויפן פּרינציפּ פון אַבסטראַקטן טעריטאָריאַליזם. זיי האָבן נאָך געטראָגן דעם נאָמען „סיאָניסטן" אָבער ביס־לעכווייז זיך פאַרוואַנדלט אין שונאי-ציון, וועלכע האָבן נישט געוואָלט איינ־זען גאָרנישט, וואָס קומט פאָר אין פּאַלעסטינע און די אינטערעסן פון די יידישע מאַסן.

צוליב דעם, וואָס די ס. ס. זענען געוואָרן אויסגעשפּראָכענע טערי־טאָריאַליסטן און אָנגעהויבן אויפטרעטן קעגן פּאַלעסטינע, האָבן זיי אָפּגע־שטויסן פון זייערע רייען אַ טייל אַרבעטער און אַרבעטער - אינטעליגענץ, וועלכע זענען געווען געשטימט ציוניסטיש-סאָציאַליסטיש און האָבן לכתּחילה געהאַט אַ נייגונג צו ס. ס. כּל-זמן יענע האָבן די קעגנערשאַפט צו פּאַלעסטי־נע נישט דערהויבן צו אַ עיקר-פּרינציפּ און עס האָט נאָך געשיינט, אַז די פּאַלעסטינע-פראַגע איז ביי זיי בכלל נישט דעצידירט — ביז דאַן האָבן די ציוניסטיש-סאָציאַליסטיש געשטימטע עלעמענטן זיך געוואַקלט און אָפּגע־וואַרט, האָפנדיק, אַז די שטימונג ביי די ס. ס. וועט זיך בייטן. פאַרלויפיק האָבן זיי זיך גרופּירט אין „התחיה", „קדימה", „צעירי-ציון".

אַן ענדערונג אין דער שטימונג פון די זיך וואַקלענדיקע גרופּן און זייער דערנענטערונג צו דער שפּעטער אַנטשטאַנענער י. ס. ד. אַ. פּ. „פּועלי־ציון" איז געקומען אַלס רעזולטאַט פון באָראָכאָווס אַגיטאַציע-טור אין פּוילן. באָראָכאָוו אַליין איז נאָך דאַן נישט געווען קיין פּועלי-ציוניסט, אָבער אין זיין טעאָריע פון ציוניזם זענען שוין געלעגן די פּרינציפּן פון שפּעטערדיקן פּועלי-ציוניזם. נאָך באָראָכאָווס טור, וועלכער איז פאָרגעקומען אָנהויב 1905 יאָר, האָט שוין אין דער לופט אָנגעהויבן שוועבן דער געדאַנק וועגן אויפ־שטעלן אַ באַזונדערע פּאַרטיי פּועלי-ציון. אין די רייען פון די וואַקלענדיקע גרופּן האָט זיך אָנגעהויבן אַ דיסקוסיע אַרום דער דאָזיקער פראַגע. מערק־ווירדיק און כאַראַקטעריסטיש דערביי איז דאָס, וואָס די דערשיינונג טרעפן מיר גלייכצייטיק אין פאַרשידענע פּונקטן און שטעט אין פּוילן.

קאָנקרעטע פאָרמען האָט די באַוועגונג אָנגענומען סוף זומער 1905, פאַרן זיבעטן ציוניסטישן קאָנגרעס.

אין הערבסט 1905 האָט דער שרייבער פון די שורות אין לאָדזש באַ־קומען אַ ידיעה פון וואַרשע, אַז נאָכן זיבעטן ציוניסטישן קאָנגרעס איז פאָרגעקומען אַ קאָנפערענץ פון פּועלי-ציוניסטישע גרופּן, אַז בן ציון ראַסקין, אַ דעלעגאַט פון וואַרשע אויפן ציוניסטישן קאָנגרעס, וועלכער איז אָנוועזנד געווען אויף דער קאָנפערענץ, איז גרייט זיך צו שטעלן מיט לאָדזש אין פאַרבינדונג און קומען אַהין אָפּצוגעבן אַ באַריכט סיי פון

קאָנגרעס און סיי פון דער פועלי-ציון-קאָנפערענץ. מיר האָבן אין לאָדזש באַלד אויף דעם מסכּים געווען און ראש-השנה 1905 איז ח׳ ראַסקין געקומען קיין לאָדזש. דער רעזולטאַט איז געווען, אַז עס האָט זיך איינגעשטעלט אַן ענגערער קאָנטאַקט צווישן לאָדזש און וואַרשע און מיר האָבן אָנגעהויבן אָרגאַניזירן פועלי-ציון-גרופּן.

אין וואַרשע האָט זיך שוין די אָרגאַניזירונגס-אַרבעט געהאַט אָנגעהויבן. אין דער שפּיץ זענען געשטאַנען דער דערמאָנטער ר אַ ס ק י ן און י צ ח ק ט אַ ב ע נ ק י ן. אויך אין לאָדזש זענען מיר באַלד צוגעטרעטן צו דער אָרגאַניזירונגס-אַרבעט. מיר האָבן צוזאַמענגענומען די אַלע פּאַלעסטיניש געשטימטע גרופּן און געבילדעט אַן אָרגאַניזאַציע. אינגיכן זענען צו אונז צוגעשטאַנען אויך אַ פּאָר אַרבעטער-פאַריינען, וועלכע האָבן זיך דאַן געפונען אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע.

די צייט איז געווען אַ הייסע, עס האָבן זיך דערנענטערט די אָקטאָבער-טעג. די אָרגאַניזאַציע איז געוואַקסן און איגיכן איז אויף די לאָדזשער גאַסן אויף דזשעלנע, פּיעטריקאָווער אויסגעוואַקסן די פועלי ציוניסטישע אַרבעטער-בערזע.

דערזעלבער פּראָצעס איז אויך פאָרגעקומען אין וואַרשע.

מיר האָבן זיך אָבער נישט באַגנוגנט מיט די צוויי הויפּט-שטעט. מיר האָבן זיך געשטעלט אין פאַרבינדונג מיט פאַרשידענע שטעט אין דער פּראָווינץ. פון לאָדזש האָבן מיר אַפילו אַרויסגעשיקט דעם חבר א ב ר ה ם ש ל אָ ס ע ר (טענענבוים), וועלכער האָט באַזוכט עטלעכע שטעט. אַזוי האָט ער אין ט אָ מ אַ ש אָ ו מאַז. געטראָפן דעם חבר פּ ת ר י א ל (לעאָן כאַזאַנאָוו י ט ש), וועלכער האָט שפּעטער פאַרנומען אַן אָנגעזעענעם אָרט אין דער אַלוועלטלעכער פועלי-ציון-באַוועגונג.

ווי געזאָגט, האָט זיך צווישן לאָדזש און וואַרשע איינגעשטעלט אַ ענגער קאָנטאַקט. מיר איז אויסגעקומען צו זיין עטלעכע מאָל אין וואַרשע. דער טרעף-פּונקט אין וו אַ ר ש ע איז געווען ביי י צ ח ק ט אַ ב ע נ ק י ן. ביי טאַבענקינען אין שטוב איז געווען אַ היימישער רעסטאָראַן, אַזוי, אַז דאָרט איז מעגלעך געווען צוזאַמענצוקומען זיך. טאַבענקינס מוטער, צוליב איר באַציונג צו אונזער אַרבעט, האָט מען אַפילו גערופן די „מ אַ מ ע״ פון פּועלי-ציון. אין שטוב פלעגן אַריינקומען פאַרשידענע חברים, אָבער טאַבענקינס צימערל איז געווען קדשי-קדשים, וווהין נישט אַלע האָבן זוכן געווען אַריינצובאַקומען זיך. דאָרט איז געווען דער זיץ-אָרט פון די „פּירער״.

מיר האָבן אָנגעהויבן טראַכטן וועגן אַ צוזאַמענפאָר פון אַלע אָרגאַניזאַציעס און גרופּן, וועלכע זענען שוין געווען אין אַ היפּשער צאָל אין פּוילן. אמת, אונז איז געווען באַקאַנט, אַז אויף דער פועלי-ציון-קאָנפערענץ

נאָכן זיבעטן ציוניסטישן קאָנגרעס, איז אויסגעוויילט געוואָרן אַן אָרגאַניזיר־קאָמיסיע, וועלכע האָט באַדאַרפט צונויפרופן אַ צוזאַמענפאָר פון גאַנץ רוסלאַנד. מיר האָבן אָבער פון דער אָרגאַניזיר־קאָמיסיע קיין שום ידיעה נישט געהאַט. אַגב האָבן מיר פריער געוואָלט האָבן אַ צוזאַמענפאָר פון אַלע פּוילישע חברים, וואָס זאָל דינען, ווי אַ פאָרבאַרייטונגס־צוזאַמענפאָר צום אַלגעמיינעם צוזאַמענפאָר פון גאַנצן לאַנד. מיר האָבן זיך גענומען צו דער אַרבעט. אַסאַך האָט אונז געהאָלפן ביים אָרגאַניזירן דעם צוזאַמענפאָר שמעון פּרושיצקי („פייגעלע") אַ טשענסטאָכאָווער חבר, וועלכער איז אַ קורצע צייט געווען אין לאָדזש, נאָכהער איבערגעפאָרן קיין וואַרשע.

סוף דעצעמבער 1905 איז קיין וואַרשע צוזאַמענגערופן געוואָרן דער צוזאַמענפאָר פון די פּועלי־ציון־אָרגאַניזאַציעס און גרופּן אין פּוילן.

עס איז געווען נאָך די הייסע אָקטאָבער טעג. די רעאַקציע האָט זיך שוין אָנגעהויבן. עס האָט געבושעוועט די פּאָגראָם־כוואַליע. עס איז נאָך אָבער געגאַנגען דער באַוואָפנטער אויפשטאַנד אין מאָסקווע. אויף מאָרגן, ווי מיר זענען אָנגעקומען קיין וואַרשע, איז דערקלערט געוואָרן באַלאַגערונגס־צושטאַנד אין גאַנץ פּוילן. אויף דעם צוזאַמענפאָר, ווי ווייט איך קען זיך דערינערן, זענען געווען פון וואַרשע: יצחק טאַבענקין, (היינט אין פּאַלעסטינע, אַ פירער פון דער „פאַראייניקטער פּאַרטיי"), בן ציון ראַסקין (דערטרונקען געוואָרן פּאַראַיאָרן אין תל־אביב), ח' ראַפּאַלקעס (ניר), שמעון פּרושיצקי (שפּעטער איבערגעגאַנגען צו די ס. ד., געווען סעקרעטאַר פון דער ס. ד. פראַקציע אין דער 4־טער דומע, היינט אַ קאָמוניסט אין ראַטן־פאַרבאַנד), טראַכטנבערג — אַ סטודענט. פון לאָדזש זענען געווען: אריה (ראַטמאַן האָלענדערסקי) און דער שרייבער פון די שורות (ש. עדעלמאַן). ביידע ברידער קינאָ, ישראל און פעליקס פון קיעלץ און וולאָצלאַוועק. דוד גרין (בן גריון, וועלכער איז אין גיכן אַוועקגעפאָרן קיין ארץ־ישראל און איז היינט איינער פון די הויפּט־פירער פון דער „הסתדרות"), רוזשאַ פּרושיצקאַ — טשענסטאָכאָוו. (נישט ריכטיק שרייבט ח' ניר, אַז דאָרט זאָל האָבן געווען אַברהם קאַלישער (אַ. וועוויורקאַ). איך געדענק אויך נישט, אַז דאָרט זאָל האָבן געווען קאָוואַלסקי פון וולאָצלאַוועק (דעם רבס זון), וולאָצלאַוועק איז געווען פאַרטרעטן דורך איינעם פון די ברידער קינאָ).

דער צוזאַמענפאָר האָט געדויערט 3—2 טעג. די הויפּט־פראַגע איז געווען — די אידעיש־פּאָליטישע פּלאַטפאָרם. עס האָט זיך שוין דאַן אָנגעהויבן דער קאַמף צווישן די „פּרינציפּיעלע" און „פּראַקטישע" פּאַלעסטינצעס. דער אונטערשיד פון די ביידע שטאַנדפּונקטן איז נוגע געווען דער פראַגע, וועלכער מאָמענט איז דער דאָמינירנדער אינם פּאַלעסטיניזם: דער נאַציאָנאַ־

יער אָדער דער סאָציאַלע. די פּרינציפּיעלע פּאַלעסטינצעס האָבן אַרויסגערוקט דעם נאַציאָנאַלן מאָמענט און די פּראַקטישע — דעם סאָציאַלן. ווי מיר שיינט, ליגט אין דעם די מיינונגס־פאַרשידנהייט, וואָס האָט געהערשט בכלל אין דער פּועלי־ציון־באַוועגונג די גאַנצע צייט, און וועלכע האָט אויך געבראַכט צו דער שפּאַלטונג פון וועלט־פאַרבאַנד פּועלי־ציון. דאָס איז אויך געווען דער אויסגאַנגס־פּונקט, וועלכער האָט געבראַכט צו די חילוקי־דעות בנוגע דעם אָנטייל אין ציוניסטישן קאָנגרעס, דער באַציונג צו העברעיש, צו דער מיטאַרבעט מיט דער ציוניסטישער בורזשואַזיע א. אַ. וו.

די שפּעטער פון ערשטן פּרינציפּיעלן שטאַנדפּונקט זענען געווען די חברים טאַבענקין און בן ציון ראַסקין, דעם צווייטן, פּראַקטישן שטאַנדפּונקט, וואָס האָט זיך שוין געשאַפן אונטערן איינפלוס פון די אַרטיקלען פון חבר באָראָכאָוו („יעווריעיסקאַיאַ זשיזן") האָט פאַרטרעטן חבר טראַכטענבערג א. אַ. חבר ניר האָט פאַרנומען אַ קאָמפּראָמיס־שטעלונג (כאָטש ער האָט זיך גע־האַלטן פאַר אַ פּרינציפּיעלן), וועלכע ער האָט שפּעטער פאַרטיידיקט אויפן צוזאַמענפאָר אין קראָקע. אויפן וואַרשעווער צוזאַמענפאָר איז טאַקי אָנגענו־מען געוואָרן די פּלאַטפאָרם אין גייסט פון חבר ניר.

דער צוזאַמענפאָר האָט זיך געענדיקט מיט דער גרינדונג פון פּוי־לישן פאַרבאַנד פון דער י. ס. ד. אַ. פּ. „פּועלי־ציון". אין פאַרבאַנדס־קאָ־מיטעט זענען געוויילט געוואָרן, לויט נירן, דריי חברים: בן ציון ראַסקין, אריה און שמעון פּייגעלע. (מיר שיינט, אַז דער פאַרבאַנדס־קאָמיטעט איז באַשטאַנען פון מער חברים, אַז טאַבענקין איז אויך געוויס געווען אין פאַרבאַנדס־קאָמיטעט). ביים סוף פון צוזאַמענפאָר איז געקומען אַ ידיעה פון חבר באָראָכאָוו, וועלכער האָט נישט געוווּסט וועגן צוזאַמענפאָר אין פּוילן, אַז דער אַ. ב., וואָס האָט זיך אויסגעבילדעט אָנשטאָט דער סיי־מיסטיש־געשטימטער אָרגאַניזיר־קאָמיסיע, איז צוגעטרעטן צו דער אָרגאַניזי־רונג פון דעם רוסלענדישן צוזאַמענפאָר פון פּועלי־ציון. די ידיעה איז פּאָ־זיטיוו אויפגענומען געוואָרן און עס איז באַשלאָסן געוואָרן אין דעם דאָ־זיקן צוזאַמענפאָר צו באַטייליקן זיך אַלס גאַנצע איינהייט, אַלס פּוילישער פאַרבאַנד.

נאָך דעם צוזאַמענפאָר איז פאָרגעקומען דער גרויסער אַרעסט אין וואַרשע. עס זענען אַרעסטירט געוואָרן די אָנפירער פונם ניי־געגרינדעטן פאַרבאַנד—די חברים ראַסקין, טאַבענקין, ניר א. אַ. די רעאַקציע און רע־פּרעסיעס האָבן זיך פאַרשטאַרקט פון טאָג צו טאָג, עס איז שווער געווען צו קומען אין פאַרבינדונג, און אויף אַ קורצער צייט האָט זיך טאַקע דער קאָנטאַקט איבערגעריסן. די אַרבעט האָט זיך אָבער אויך ווייטער געפירט, אַפילו אַ צענטראַלע אַרבעט. אַזוי האָט מ. יאַרבלום אָנגעהויבן אַרויס־

געבן דעם ערשטן נומער „יידישע אַרבעטער וואָרט" (אויפן צוזאַמענפאָר איז יאַרבלום נישט געווען, ער איז דאַן געווען אַרעסטירט), וועלכער איז דערשינען אַלס אָרגאַן פון טשענסטאָכאָווער קאָמיטעט פועלי-ציון. דאָס איז געווען דער ערשטער פועלי-ציוניסטישער אָרגאַן אין אַמאָליקן צאַרישן רוסלאַנד.

ווען דער שרייבער פון די שורות איז געקומען אין מערץ 1906 צום צוזאַמענפאָר אין פּאָלטאַווע, אַלס דעלעגאַט פון לאָדזש (לאָדזש האָט געהאַט אַ דירעקטע פאַרבינדונג מיט דעם אָרגאַניזיר-ביוראָ, וועלכער האָט צוזאַמענגערופן דעם רוסלענדישן צוזאַמענפאָר), האָט ער דאָרט געטראָפן דעם חבר שמעון פּרושיצקי, אַלס פאָרשטייער פון פּוילישן פאַרבאַנד. חבר שמעון האָט דערקלערט, אַז צוליב דעם באַשלוס פון פּוילישן צוזאַמענפאָר אַריינצוטרעטן אין דער פּאַרטיי אַלס גאַנצע איינהייט און צוליב דעם, וואָס די חברים פון פאַרבאַנדס-קאָמיטעט זענען אַרעסטירט און מיר האָבן נישט קיין דירעקטיוון, קאָנען מיר אין דעם צוזאַמענפאָר פון דער רוסלענדישער פּאַרטיי נישט אָנטייל נעמען. מיר קאָנען זיך באַטייליקן אינם צוזאַמענפאָר נאָר מיט באַראַטונגס-רעכט, מיר האָבן אָבער נישט קיין רעכט צו נעמען אויף זיך די אַחריות פאַר די באַשלוסן פון צוזאַמענפאָר און פאַר דער פליכט זיי אויסצופירן.—איך בין אַפילו מיט אים נישט געווען מסכים אין דעם פּרט — איך האָב געהאַלטן, אַז דער חבר שמעון אינטערפּרעטירט נישט ריכטיק דעם באַשלוס פון פּוילישן צוזאַמענפאָר, נאָר היות, ווי דער חבר שמעון איז געווען אַ מיטגליד פון פאַרבאַנדס-קאָמיטעט, האָב איך זיך געמוזט אונטערוואַרפן דער דיסציפּלין און אָננעמען חבר שמעונס שטעלונג.

דער צוזאַמענפאָר איז איינגעגאַנגען אויף אונזער דערקלערונג און מיר האָבן זיך אין רוסלענדישן צוזאַמענפאָר באַטייליקט בלויז מיט באַראַטונגס-רעכט.

דאָס אַריינטרעטן פון פּוילישן פאַרבאַנד אין דער יידישער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער אַרבעטער-פּאַרטיי „פּועלי-ציון" איז פאָרגעקומען ערשט שפּעטער, אויף אַ ספּעציעלער קאָנפערענץ, וועלכער איז צוזאַמענגערופן געוואָרן דורכן קאָמיטעט פון פּוילישן פאַרבאַנד, נאָכדעם, ווי די וואַרשעווער חברים זענען באַפרייט געוואָרן פון טורמע אין יאָר 1906.

די קאָנפערענץ האָט באַשלאָסן אַריינצוטרעטן אין דער פּאַרטיי, נאָר דער פּוילישער פאַרבאַנד זאָל בלייבן אין דער פּאַרטיי אויטאָנאָם אין דער פּראָפּאַגאַנדע און אַגיטאַציע און זאָל האָבן דאָס רעכט אַרויסצוגעבן זעלבשטענדיק ליטעראַטור. דאָס האָט געמיינט זיך לאָזן פרייע הענט פאַר דער אַגיטאַציע פונם „פּרינציפּיעלן פּאַלעסטיניזם".

און דער קאַמף האָט טאַקי נישט אויפגעהערט. ער האָט זיך געפירט

נאָך עקשנותדיקער, הויפּטזעכלעך מצד די חברים ראַסקין און טאַבענקין. צו זיי איז אויך צוגעשטאַנען מ. יאַרבלום.

אויף אויגוסט 1906 איז באַשלאָסן געוואָרן צוזאַמענצורופן דעם צווייטן צוזאַמענפאָר פון פוילישן פאַרבאַנד אין ציעכאָטשינעק. ביי די דאַמאָלס־דיקע אומלעגאַלע באַדינגונגען פלעגט מען אָפט אַזוי מאַכן: צוזאַמענקומען זיך אין די קור־ערטער אין העכסטן סעזאָן, ווען עס זענען דאָ אַסאַך מענטשן, אַלע טאָג קומען אָן פרישע געסט און פריערדיקע געסט פאָרן אַוועק; דאָס צוקומען פון פרעמדע מענטשן וואַרפט זיך נישט אַזוי אין די אויגן.

דער צוזאַמענפאָר איז נישט שלעכט צוגעגרייט געוואָרן. כדי צו אָר־גאַניזירן דעם צוזאַמענפאָר זענען אַ ריי חברים אַרומגעפאָרן איבער דער פּראָווינץ. זייער טיכטיק האָט דאָן געאַרבעט מ. יאַרבלום. צום צוזאַמענ־פאָר איז דאָן געקומען אַלס פאָרשטייער פון צ. ק. חבר כאַשין. אויף דעם צוזאַמענפאָר האָט געזאָלט פאָרקומען די שלאַכט צווישן „פּרינציפּיעלן" און „פּראַקטישן" פּאַלעסטיניזם. משמעות האָבן די אָנהענגער פון „פּרינצי־פּיעלן" פּאַלעסטיניזם איינגעזען, אַז זייער פּאָזיציע איז שוואַך, האָבן זיי אָנגע־הויבן זייער אַ העפטיקן קאַמף, וועלכער איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין איינ־פאַכער שנאה און פאַרזענלעכן האַס. מען האָט גענומען אַטאַקירן דעם פאָר־שטייער פון צ. ק. ח׳ כאַשין, אין אַלגעמיין מיט ביטול זיך באַציען צו די חברים פון צ. ק. עס איז געקומען צו גאַנץ שאַרפע צוזאַמענשטויסן. די הויפּט־פידל האָט אין די סכסוכים געשפּילט מ. יאַרבלום, וועלכער איז אָבער אין אמתן געווען אַ ווערקצייג אין די הענט פון טאַבענקין און ראַסקין. ווען זיי האָבן איינגעזען, אַז דאָס העלפט אויך נישט, האָבן זיי גענומען סאַבאָטירן דעם צוזאַמענפאָר. נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס דער צוזאַמענ־פאָר איז געווען נישט שלעכט פאַרטרעטן (עטלעכע און צוואַנציק פונקטן מיט עטלעכע און דרייסיק דעלעגאַטן) און נישט שלעכט צוגעגרייט, האָט מען גענומען טענהן, אַז אויפן צוזאַמענפאָר זענען פאַרטרעטן צו ווייניק אָרגאַניזאַציעס און מען דאַרף אים דעריבער פאַרוואַנדלען אין אַן אָרגאַניזאַ־ציאָנעלער באַראַטונג. ווען אויך דאָס האָט נישט געהאָלפן, האָט מען אָנגעהויבן טענהן, אַז דער צוזאַמענפאָר איז נישט זיכער פאַר אַ דורכפאַל, אַז מען שפּירט אונז נאָך און מען מוז דעריבער איבעררייסן די אַרבעט. דער לעצטער אַרגומענט האָט געווירקט, און נאָך אָנדערהאַלבן טעג איז דער צוזאַמענפאָר איבערגעריסן געוואָרן, נישט ענדיקנדיק זיין אַרבעט. נאַטירלעך איז זייער שווער צו זאָגן, וואָס וואָלט געווען, ווען מען וואָלט דעם צוזאַמענפאָר ווייטער געפירט. דאָך שיינט מיר, אַז די לאַגע איז נישט געווען אַזוי געפערלעכע, אַז דאָס איז בלויז געווען אַן אויסרייד, כדי אָראָפּצורייסן דעם צוזאַמענפאָר. אַ פאַקט איז: אַלע דעלעגאַטן זענען זיך פאַנאַנדערגעפאָרן און

קיינער איז נישט געוואָרן אַרעסטירט. פאַרקערט, עס זענען געווען אַנדערע פאַלן, ווען עס פלעגן בעת צוזאַמענפאָרן יאָ פאָרקומען אַרעסטן, ווי אין פּאָלטאַווע, שפּעטער אין גראָדנע. מען האָט אַרעסטירט דעלעגאַטן גלייך ביים אָנהויב פון צוזאַמענפאָר, פונדעסטוועגן האָט עס נישט געשטערט, אַז נאָכדעם, ווי מ'האָט אָנגענומען די נויטיקע פאָרזיכטס־מיטלען, זאָל מען ווייטער פירן די אַרבעט און דעם צוזאַמענפאָר פאַרענדיקן.

דער פאַרבאַנדס־קאָמיטעט האָט אַרויסגעגעבן נאָך צוויי נומערן פון „יידישן אַרבעטער וואָרט".

דער עפּילאָג פון דעם קאַמף צווישן דעם פּרינציפּיעלן און פּראַקטישן פּאַלעסטיניזם האָט זיך אָפּגעשפּילט אויפן צווייטן צוזאַמענפאָר אין קראָקע. ווי איך האָב שוין אויבן דערמאָנט, איז דאָרט אַלס פאַרטרעטער פון פּרינציפּיעלן פּאַלעסטיניזם אַרויסגעטרעטן ה' ניר, דער שוואַכסטער פאַרטיידיקער פון דער דאָזיקער טעאָריע. זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז דער טעאָרעטישער שטאַנדפּונקט איז אָפּגעוואָרפן געוואָרן. נאָר דער פּוילישער פאַרבאַנד אַלס גאַנצער, אַלס אָרגאַניזאַציאָנעלע איינהייט מיט געוויסע אויטאָנאָמע רעכט איז פאַרבליבן. דער אויסגאַנג־פּונקט ביים אָנערקענען דעם „פאַרבאַנד" אַלס אָרגאַניזאַציאָנעלע איינהייט, איז געווען, אַז אין פּוילן, ווי אין אַן אָקופּירטן לאַנד, זענען די מעטאָדן פון קאַמף קעגן צאַריזם נישט שטענדיק דיזעלבע, ווי אין רוסלאַנד, און אויך כדי אויף אַזאַ אופן צו דאָקומענטירן אונזער שטאַנדפּונקט לגבי דער זעלבשטענדיקייט פון פּוילן.

ווי געזאָגט, האָט זיך דער קאַמף פאַרן פּרינציפּיעלן פּאַלעסטיניזם פאַרענדיקט אין קראָקע. אָבער נאָך פריער, גלייך נאָכן ציעכאָטשינקער צוזאַמענפאָר, האָבן, ווי עס שיינט, די קעמפער פאַרן פּרינציפּיעלן פּאַלעסטיניזם רעזיגנירט פון קאַמף און אָנגעהויבן זיך אַפילו אַרויסרוקן פון דער אַרבעט. אַ געוויסע צייט נאָכן ציעכאָטשינקער צוזאַמענפאָר איז צו מיר קיין לאָדזש געקומען טאַבענקין און ממש אויפגעצוואונגען, כאָטש איך בין נישט געווען קיין געוויילטער מיטגליד פון פאַרבאַנדס־קאָמיטעט, איך זאָל צוזאַמען מיט אריהן איבערנעמען די אָנפירונג פון פאַרבאַנד. בן ציון ראַסקין איז שוין דאַן אין וואַרשע נישט געווען. ער איז אַוועקגעפאָרן און איז איבערהויפּט פאַרשוווּנדן פון פּועלי־ציוניסטישן האָריזאָנט. (ווי איך האָב געהערט, האָט ער אין דער צייט פון דער רוסישער רעוואָלוציע זיך באַוויזן אין אוקראַינע, שפּעטער, אין די צוואַנציקער יאָרן, איז ער געווען אַפילו אין וואַרשע, וווּ איך האָב אים געטראָפן פול מיט ספקות וועגן געזעלשאַפטלעכן קאַמף. קיין שום אָנטייל אין פּאָליטישן אָדער געזעלשאַפטלעכן לעבן האָט ער נישט גענומען. שפּעטער איז ער אַוועקגעפאָרן קיין ארץ־ישראל, וווּ ער האָט אַזוי

טרויעריק פֿאַרענדיקט זיין לעבן). טאַבענקין האָט זיך פֿון דאַן גאַנץ ווייניק באַטייליקט אין דער אַקטיווער אַרבעט.

צו יענער צייט איז אָבער צוגעקומען צו דער אַרבעט פֿון פֿאַרבאַנדס־קאָמיטעט אפרים בלומענפֿעלד (דוד בלאָך), מיט וועלכן מיר פֿלעגן זיך אָפֿט טרעפֿן, ווען איך פֿלעג צו דעם צוועק קומען קיין וואַרשע.

די אָנפֿירונג פֿון פֿאַרבאַנד איז געווען אין לאָדזש ביזן קראָקעווער צוזאַמענפֿאָר. נאָך דעם קראָקעווער צוזאַמענפֿאָר איז דער פֿאַרבאַנד־קאָמיטעט איבערגעטראָגן געוואָרן צוריק קיין וואַרשע אונטער דער אָנפֿירונג פֿון חבר בלומענפֿעלד. אָבער אין קורצן נאָכן צוזאַמענפֿאָר האָבן זיך ווידער אָנגעהויבן מאַסן־אַרעסטן. צווישן אַנדערע בין איך אויך געוואָרן אַרעסטירט.

מען האָט מיך פֿון לאָדזש אינגיכן אַריבערגעפֿירט קיין וואַרשע און איינגעזעצט אין ראָטהויז. עס איז אַרעסטירט געוואָרן בלומענפֿעלד, וועלכער איז געקומען אויף אַ זעונג מיט מיר און איז געבליבן זיצן מיט מיר צוזאַמען. אין דערזעלבער צייט איז אויך אַרעסטירט געוואָרן טאַבענקין, מיט וועלכן איך האָב זיך געטראָפֿן אין וואַרשעווער ראָטהויז. נאָך צענדליקער חברים זענען אַרעסטירט געוואָרן. געבליבן אויף דער פֿריי איז ישראל וועשער, וועלכער האָט פֿאָרטגעזעצט די אַרבעט אין וואַרשע. אָבער די אַרבעט פֿון פֿאַרבאַנד־קאָמיטעט איז פֿאַראַליזירט געוואָרן.—

ערשט ווען איך בין צוריקגעקומען פֿון דער פֿאַרשיקונג סוף זומער 1908, האָב איך זיך געשטעלט אין פֿאַרבינדונג מיט וועשערן און מען האָט אָנגעהויבן זיך צוגרייטן וועגן צוריק אויפֿשטעלן די אַרבעט פֿון פֿאַרבאַנד. חבר בלומענפֿעלד איז שוין דאַן געווען אין ווין צוזאַמען מיט באָראָכאָוון, ניר איז געהאַט אַוועקגעפֿאָרן קיין פּעטערבורג, טאַבענקין האָט קיין אָנטייל אין דער אַרבעט נישט גענומען און איז שפּעטער אַוועקגעפֿאָרן קיין אויסלאַנד און דאַן קיין פּאַלעסטינע.

אין פֿרילינג 1909 איז ענדלעך צוזאַמענגערופֿן געוואָרן אַ קאָנפֿערענץ פֿון פּוילישן פֿאַרבאַנד, כדי צוריקצושטעלן די אַרבעט.

דער צ. ק. פֿון דער פּאַרטיי איז צו יענער צייט איגאַנצן נישט טעטיק געווען. באָראָכאָוו האָט זיך געפֿונען צוזאַמען מיט בלומענפֿעלדן אין ווין, זרובבל איז געווען אַרעסטירט אין ווילנע, די איבעריקע חברים געדענק איך נישט, וווּ זיי האָבן זיך געפֿונען. קיין שום צענטראַלע פֿאַרבינדונג איז נישט געווען. ערשט שפּעטער האָבן די חברים באָראָכאָוו און בלומענפֿעלד אין ווין אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן די „אינפֿאָרמאַציאָנס־בלעטלעך" און געקומען אין פֿאַרבינדונג מיט די אָרגאַניזאַציעס. אין יענעם צייט האָט זיך געפֿונען אין וואַרשע כאַשין, איינער פֿון די גרינדער פֿון דער פּאַרטיי. ער האָט אָבער דאַן געהאַט אַנדערע שטימונגען, ער איז אַריינגעפֿאַלן אין אַ פּסי-

מיזם, געגומען צווייפלען אין יידישן פראָלעטאַריאַט, צי עס איז איבערהויפּט דאָ אַ יידישער פּראָלעטאַריאַט, צי קען זיין ביים יידישן פאָלק אַ קלאַסן־קאַמף... ער איז גיכער געווען געניגט צום געדאַנק, אַז ביים יידישן פאָלק האָט אַן אָרט אַ... דעמאָקראַטיש־פאָלקיסטישע באַוועגונג.

נישט קוקנדיק אָבער אויף זיינע שעדלעכע אַנטי־פּראָלעטאַרישע שטימונגען, האָבן מיר געפונען פאַר נייטיק אים דאָך צו דער קאָנפערענץ איינצולאַדן. ער איז געקומען און אין זיין באַגריסונג האָט ער אַרויסגעזאָגט אַלע זיינע ספקות. געענדיקט האָט ער: „אויב איר גלויבט, אויב איר ווילט, זאָל אייך גאָט העלפן".

מיר האָבן זיך טאַקי נישט אָפּגעשראָקן און אונזער אַרבעט געטון. איך קען מיך לײדער נישט דערמאָנען, ווער עס האָט דאַן אָנטייל גענומען אין דער קאָנפערענץ. יעדנפאַלס איז די צאָל אָנטיילנעמער געווען אַ גאַנץ קליינע. די קאָנפערענץ איז פאָרגעקומען אין וואַרשע, אין אַ קליין צימערל אויף אַ שטאָק, ווי מיר שיינט אויף סמאָטשע גאַס. דעם אָרט פלעגט מען נאַטירלעך בייטן אויף יעדער זיצונג. באַטראַכט זענען געוואָרן אָרגאַניזאַציאָנעלע פראַגן. עס איז געוויילט געוואָרן אַ פאַרבאַנדס־קאָמיטעט, אין וועלכן עס איז אַריין וועשער און דער שרייבער פון די שורות און מען האָט אָנגעהויבן צו רעאָרגאַניזירן די אַרבעט.

בערך צו יענער צייט האָט אויך אָנגעהויבן צו פונקציאָנירן דאָס אַזוי־גערופענע „אויסלענדישע ביוראָ" פון דער פּאַרטיי, ווי עס איז שוין אויבן דערמאָנט געוואָרן, אונטער דער אָנפירונג פון באַראָכאָוו און בלומענפעלד־מיט וועלכע מיר זענען געשטאַנען אין שטענדיקן קאָנטאַקט.

דער פאַרבאַנד־קאָמיטעט האָט אייגנטלעך פון דאַן אָן פאַרטרעטן דעם צ. ק. פאַר דער גאַנצער רוסלענדישער פאַרטיי; קיין אַנדער אָנפירנדיקער אָרגאַן פון דער פאַרטיי איז דאַן אין רוסלאַנד נישט געווען. דער פאַרבאַנד־קאָמיטעט האָט זיך געשטעלט אין פאַרבינדונג נישט נאָר מיט די אָרגאַניזאַציעס אין פוילן, נאָר אויך מיט פונקטן פון אַנדערע געגנטן. פאַר דער צייט האָט דער פאַרבאַנד־קאָמיטעט אַרויסגעגעבן נאָך אַ נומער „יידישער אַרבעטער וואָרט" (נאַטירלעך אומלעגאַל), ער פלעגט אַרויסגעבן פאַרשידענע אויפרופן, אומלעגאַלע, ווי ערשטע מאַי־אויפרופן א. אַ. וו., וועלכע פלעגן פאַנאַנדערגעשיקט ווערן נישט נאָר צו די אָרגאַניזאַציעס אין פוילן, נאָר אויך צו אַנדערע ערטער, מיט וועלכע מען האָט נאָר געקאָנט קומען אין פאַרבינדונג. ווי איך געדענק, האָבן מיר דאַן אַ חוץ פוילן געהאַט אַ גוט פונקציאָנירנדע אָרגאַניזאַציע אין פינסק. (דאַן האָט זיך פינסק נישט גערעכנט פאַר פוילן). דער פאַרבאַנד־קאָמיטעט האָט אויך געשיקט פאַרטרעטער צו דער וועלט־קאָנפע־

רענק פון פועלי-ציון. דאָס זענען געווען די איינציקע דירעקטע פאָרשטייער, וועלכע זענען געקומען פון די רוסישע אָרגאַניזאַציעס.

אַ געוויסע צייט האָט אין וואַרשע אויך געווילט ח' ר ע וו וצ ק י, וועלכער האָט מיטגעהאָלפן אין דער אַרבעט פון פאַרבאַנד-קאָמיטעט. מיט זיין הילף זענען אַרויסגעגעבן געוואָרן אין וואַרשע איינציקע נישט פּעריאָדישע לעגאַלע אויסגאַבן.

דאָס איז געווען די שווערסטע צייט אין אונזער פּאַרטיי-לעבן. די צייט, ווען די רעאַקציע האָט געבושעוועט פון דרויסן און די אַפּאַטיע האָט געפרעסן פון אינעווייניק. די בעסטע כוחות זענען פאַרשיקט געווען אין פאַרשידענע טורמעס, אָדער אין פאַרוואָרפענע ווינקלען, אין ווייטע געגנטן פון רוסלאַנד. אַ טייל זענען זיך צולאָפן אין אויסלאַנד. מען איז געווען אַרומגערינגלט מיט אַ נעץ פון שפּיאָנען און פּראָוואָקאַטאָרן. די אַרבעטער-מאַסן זענען גע-ווען אויסגעמאַטערט פון קאַמף און די אַפּאַטיע האָט געפונען אַ דאַנקבאַרן באָדן.

און דאָך האָבן מיר די אַרבעט ווייטער געפירט און אַפילו געווונען נייע כוחות.

צו יענער צייט איז צו אונז צוגעשטאַנען חבר ב נ י מ י ן (יצחק לעוו). ער איז גלייך געוואָרן איינער פון די אַקטיווע טוער. ער האָט אָבער געמוזט צוליב אַ פּראָוואָקאַציע אין גיכן אוועק — קיין אויסלאַנד. ער האָט זיך באַ-זעצט אין ווין, וווּ ער האָט מיטגעהאָלפן אין דער אַרבעט פון אויסלענדישן ביוראָ פון דער פּאַרטיי.

אַזוי איז די אַרבעט געפירט געוואָרן ביזן אויסברוך פון קריג אין אויגוסט 1914.

די אַרבעט פונם פאַרבאַנד אין דער צייט פון קריג און נאָך דער מלחמה, ביזן ערשטן צוזאַמענפאָר פון דער פּוילישער פּאַרטיי אין באַפרייטן אומאָפּהענגיקן פּוילן, איז אַ קאַפּיטל פאַר זיך.



אַ גרופּע פירנדיקע חברים פון לאָדזשער אָרגאַניזאַציע אין יאָר 1906

פֿון רעכטס: לעאָן האָלענדערסקי (אריה), שלמה שולמאַן און שמואל עדלמאַן (מוליע)

ל. עסטרין

אויסגעקעמפטע אמתז

ס'איז איצט געוואָרן פינף און צוואַנציק יאָר זייט אויף דער יידישער אַרבעטער-אַרענע איז אַרויסגעטרעטן אַ נייער אָרגאַניזירטער כוח — דער מאַרקסיסטישער פועלי-ציוניזם.

אין שווערן איינערלעכן געראַנגל האָט זיך פאָרמירט דער פועלי-ציוניסטישער געדאַנק. לכתחילה אָן אַן איינהייטלעכן מעטאָד פון דענקן, אָן אַ געמיינזאַמען פּראָגראַם, שטענדיק זוכנדיק און פאָרשנדיק האָבן די פועלי-ציון-גרופּן ביסלעכווייז זיך אָפּגעריייניקט פון דעם בירגערלעך - ציוניסטישן פסולת און באַפרייט זיך פון די פאַרשידענע פאַלשע אָנווענדונגען פון דער סאָציאַליסטישער לערע אין דער יידישער אַרבעטער-גאַס.

אַ צייט לאַנג אַרבעטער-פּראַקציעס אין ציוניזם. געקעמפט און געווירקט אויפן באָדן פון דער אַלגעמיינער ציוניסטישער באַוועגונג; געחלומט וועגן דער פאַרווירקלעכונג פון ציוניסטישן אידעאַל — אַלס די היסטאָרישע ישועה פאַרן גאַנצן יידישן פאָלק; אמת, גערעדט וועגן אַרבעטער-אינטערעסן אין ציוניזם, אָבער ס'האָט דערביי געפעלט די פּראָלעטאַרישע אויפפאַסונג — ס'האָט דעצידירט דער איבער-קלאַסן-אינטערעס פון גאַנצן פאָלק. שפּעטער די אָפּ-ניגונגען פון ס. ס. און סיימיזם, וועלכע האָבן זיך אָרגאַניזירט אַלס פאַרטייען נאָך פאַר פועלי-ציון. ביז וואַנען ס'האָט זיך פון דעם פאָרמלאָזן און אומזיכערן געדאַנק אויסקריסטאַליזירט די האַרמאָנישע, אויסגעהאַלטענע טעאָרעטישע געביידע פון יידישן אַרבעטער-געדאַנק — דער באָראָכאָוויסטישער פועלי-ציוניזם.

* * *

ביזן פּועלי-ציוניזם האָבן געהערשט אין דער ייִדישער אַרבעטער-באַוועגונג עם-הארצות און קלייַנבירגערלעכקייט אין אויפפאַסונג פון די עיקר-פּראָבלעמען פון ייִדישן לעבן.

דער „בונד" האָט זיך איינגאַנצן באַזייטיקט פון פאָרשן און אַנאַליזירן די ווירטשאַפטלעכע פאַרהעלטעניש און היסטאָרישע פּראָצעסן פון ייִדישן לעבן; זיין גאַנצע אויפפאַסונג איז געווען שטרענג צוגעפּאַסט צו דער סטאַטישער ווירטשאַפטלעכער לאַגע פון די ייִדישע מאַסן, וואָס האָבן זיך קאָנצענטרירט אויסשליסלעך אין עקאָנאָמישן געטאָ פון ייִדישע פאַכן; דער „בונד" האָט זיך איינגאַנצן דורכגעדרונגען מיט די אָנשויונגען, וועלכע די ייִדישע אַרבעטער האָבן מיט זיך מיטגעבראַכט פון דער קלייַנבירגערלעכער סביבה.

נאַציאָנאַל-קולטורעלע אויטאָנאָמיע איז דער טיפּישער וועג פון קלייַנבירגערטום, ביי וועמען „די גרענעצן פון אינערלעכן מאַרק פאַלן זיך צונויף מיט די פאַרשפּרייטונג-גרענעצן פון דער נאַציאָנאַלער שפּראַך".

ס. ס. האָט אַרייַנגעבראַכט אַ פּאָלסיפיצירטן סאָציאַליזם אויף דער ייִדישער אַרבעטער-גאַס. דער מאָדערנער סאָציאַליזם שטיצט זיך אויסשליסלעך אויפן קאַמף פון פּראָלעטאַריאַט און דאָ קומען ס. ס. מיט זייער משונהדיקער טעאָריע, אַז „דער ייִדישער פּראָלעטאַריאַט פּראָלעטאַריזירט זיך נישט". פּונקט, ווי די פאַרהיסטאָרישע פּועלי-ציון האָבן זיי פולשטענדיק נעגירט דעם „גלות", פאַרשפּרייט אומגלויבן אין די אייגענע כחות פון די ייִדישע מאַסן, אָנגעשפּאַרט זיך אין זייער טעריטאָריאַליזם אויף דער ייִדישער בורזשואַזיע. די סיימיסטן ווידער זענען געווען די טיפּישע פאַרטרעטער פון קלייַנבירגערטום — דעם גאַנצן געוויכט האָבן זיי געלייגט אויפן אויטאָנאָמיזם, מיט וועלכן דער קלייַנבירגער זוכט אָפּצוגרענעצן און פאַרזיכערן פאַר זיך דעם אייגענעם נאַציאָנאַלן מאַרק.

די פּועלי-ציון האָבן דערקלערט אַ קאַמף דער געטאָ-אויפפאַסונג אין דער ייִדישער אַרבעטער-באַוועגונג. דער ענטפער פון די פּועלי-ציון איז געווען — חרוב מאַכן די ווענט פון ייִדישן עקאָנאָמישן געטאָ, ענדערן פון גרונט-אויס דאָס עקאָנאָמישע לעבן פון די ייִדישע מאַסן, נאָרמאַליזירן די סטראַטעגישע קאַמפּס-באַזע פון ייִדישן פּראָלעטאַריאַט.

אַנטקעגן דער קלייַנבירגערלעכער קולטוריסטישער אויפפאַסונג פון „בונד" האָבן די פּועלי-ציון זיך געשטעלט אויפן מאַרקסיסטישן באָדן ביים פאַרענטפערן די ייִדן-פראַגע: מיטהעלפן דעם היסטאָרישן פּראָצעס, וואָס פירט צו ענדערן די ווירטשאַפטלעכע פאַרהעלטענישן פון ייִדישן לעבן, צו פּראָדוקטיוויזירן די מאַסן, איבערשיכטן זיי, איבערפירן זיי צו ערד-אַרבעט

און גרויס-אינדוסטרי, צו דער טעריטאָריאַלער קאָנצענטראַציע פון די יידישע מאַסן אין פאַלעסטינע.

די פועלי-ציון האָבן שאַרף באַקעמפט די יאוש-שמימונגען מצד די ס. ס. זיי האָבן געוועקט ביי די יידישע מאַסן גלויבן און זיכערקייט אין די אייגענע כחות, אָנשטאָט פאַרלאָזן זיך אויף דער בורזשואַזיע האָבן זיי געפּרעדיקט דעם שאַרפסטן קאַמף קעגן איר — קלאַסן-קאַמף איז דער איינציקער וועג פאַרן יידישן פּראָלעטאַריאַט און די רעאַליזירונג פון טעריטאָריאַליזם קומט אויך פאַר אויפן וועג פון קלאַסן-קאַמף.

* * *

שפּעטער פון אַלע אַנדערע פּראָלעטאַרישע גרופּירונגען איז פועלי-ציון געקומען אויף דער יידישער אַרבעטער-גאַס. געטראָפן שוין אָרגאַניזירטע גרויסע און שטאַרקע אַרבעטער-פּאַרטייען. „בונד", ס. ס. און סיימיסטן האָבן צו יענער צייט געהערשט איבער דער גאַנצער יידישער אַרבעטערשאַפט און ראַדיקאַלער אינטעליגענץ. חוץ דעם האָבן זיך פועלי-ציון אָרגאַניזירט צו דער צייט, ווען די רוסישע רעוואָלוציע האָט אָנגעהויבן שטראָמען צוריק, ווען דער צאַריזם האָט מיט ווילדע רדיפות, מאָרדן און שטראָף-עקספּעדיציעס אָנגעהויבן זיין טריומף-צוג, דערשטיקנדיק די רעוואָלוציע. די באַדינגונגען פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער נייער פּאַרטיי זענען געווען אויסערגעוויינלעך-אומגינסטיקע.

די קעגנער פון פועלי-ציון אין פּראָלעטאַרישן לאַגער האָבן מיט אומדערלאָזבאַרע מיטלען באַקעמפט די נייע פּאַרטיי. דערפילט פון אָנהויב אָן די גרויסע סכנה, וואָס רוקט זיך אויף זיי אָן, האָבן זיי זיך נישט אָפּגעשטעלט פאַר קיין שום מיטלען, אַבי צו באַשמוצן די נייע באַוועגונג. נאָך היינט רייסט זיך אַמאָל ביים „בונד" אָדער ביי די „רויטע" אַ ויס דער אַלטער באַרישער פזמון, אַז די פועלי-ציון זענען באַצאָלטע אַגענטן פון דער יידישער בורזשואַזיע. במשך פון לאַנגע יאָרן איז דאָס געווען דער אָפּטסטער און וויכטיקסטער „אַרגומענט" אין קאַמף קעגן פועלי-ציון. אויב איצט איז דער דאָזיקער אַרגומענט שוין לחלוטין אומשעדלעך און ער מאַכט בלויז לעכערלעך די, וואָס באַנוצן אים, ווייל קיין איין יידישער אַרבעטער גלויבט נישט דערין, האָט עס אָבער אַ צייט לאַנג געהאַט אַ געהעריקע ווירקונג — די אַרבעטער האָבן טאַקע געגלויבט, אַז ס'איז אַזוי, ביז וואַנען די פּראַקטיק פון דער פועלי-ציוניסטישער אַרבעט האָט זיי נישט איבערצייגט אין פאַרקערטן.

אַ שווערן און ביטערן קאַמף האָט געהאַט אויסצושטיין דער פועלי-ציוניזם. אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן מיט שונאים, באַלאַגערט פון אינעווייניק און אויסנווייניק, אין שווערן און ביטערן געראַנגל מיט דער יידישער

און נישט-יידישער בורזשואַזיע, באַקעמפט פון די קעגנער אין אייגענעם פראָלעטאַרישן לאַגער, דורכמאַכנדיק קריטישע צייטן, ווייל אַפילו אין די אייגענע שורות האָבן זיך טיילמאָל אַריינגעריסן ספקות, וואָס האָבן אייניצלנע געפירט צו רעזיגנאַציע און אומגלויבן אין די כוחות פון יידישן פראָלעטאַריאַט — האָט זיך דער פועלי-ציוניזם אין זיין העראָישן קאַמף דורכגעשלאָגן אַ זיגרייכן וועג און דערוואָרבן אַ פעסטע פּאָזיציע אין די רייען פון דער יידישער אַרבעטערשאַפט.

ביים ליכט פון די גרויסע היסטאָרישע געשעענישן זענען פאַרשוווּנדן געוואָרן מעכטיקע פּאַרטייען, אַנדערע זענען איינגעשרומפּן געוואָרן. נישטאָ מער קיין ס. ס. און סיימיסטן. און וואָס איז געוואָרן פונם בונד, דעם שטאָלצן פּרעטענדענט אויף דער איינציקער פאָרשטייערשאַפט פון דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט? גייסטיק דעמאָראַליזירט, אָן דער מינדעסטער שפּור פון אַן אייגענער אידעאָלאָגיע, פּרוּווט ער זיך ראַטעווען מיט דער אַלטער פּראַקטיק פון זיינע פרירער אויפן אָרגאַניזאַטאָרישן געביט. אָבער אויך דאָס העלפט ווייניק. אין רוסלאַנד און אין ליטע איז פון בונד קיין זכר נישט געבליבן און אַפילו די אַלטע בונדישע וועטעראַנען אין אַמעריקע הויבן אָן ווידערשפּעניקן.

און דער באַראָכאָוויסטישער פועלי-ציוניזם מאַרשירט זיגרייך פאָרויס. פון אַ קליין הייפעלע געציילטע אַרבעטער מיט פינפאונצוואָנציק יאָר צוריק, איז ער איצט אויסגעוואַקסן צו אַ גרויסער און מעכטיקער באַוועגונג, וואָס באַאיינפלוסט דעם גייסט און כאַראַקטער פון דער גאַנצער יידישער אַרבעטערבאַוועגונג.

* * *

דער נצחון פון פועלי-ציוניזם דריקט זיך אויס נישט בלויז אין זיין אָרגאַניזאַטאָרישן וווּקס, נאָר אויך אין דעם, וואָס ער האָט במשך פון די פינפאונצוואָנציק יאָר אומאויפהערלעך גייסטיק באַאיינפלוסט די יידישע אַרבעטער-באַוועגונג.

דער פועלי-ציוניזם האָט געטראָפן די יידישע אַרבעטער-באַוועגונג, ווי אַ באַוועגונג, וואָס איז אַריינגעקוועטשט אין שמאָלע און ענגע ראַמען פון עקאָנאָמיזם — די יידישע אַרבעטער-באַוועגונג איז אַריינגעטאָן געווען כמעט בלויז אין אָנפירן מיטן עקאָנאָמישן קאַמף פון די יידישע אַרבעטער-מאַסן. דער פועלי-ציוניזם האָט גורם געווען צו דער באַדייטנדער אויסברייטערונג פון אָט די ראַמען. יאָרנלאַנג האָט דער בונד באַטראַכט די עמיגראַציע-אַרבעט ווי אַ טריף-פּסולע, דער פועלי-ציוניזם האָט אים געצוווּנגען צו באַשעפטיקן זיך מיט איר. די בונדישע פּראַקטיק מוז קומען אין אַ סתירה מיט דער בונדישער קולטור-טעאָריע, און האָט דער בונד אין פּוילן געוואָלט איבער-

כאפן דעם אָטעם, איז ער געצוווּנגען געווען צו פּראָקלאַמירן דעם אַפּיקורסיש־פּועלי־ציוניסטישן לאָזונג פון „רעכט אויף אַרבעט”. ווילן די יעווסעקעס ווי נישט איז איינגיין אויף פשרות מיטן יידישן לעבן, מוזן זיי זיך נעמען צו ברעקלעך פּועלי־ציוניסטישע אַרבעט — צו קאָלאָניזירן די יידישע מאַסן.

די הערטע לערן פון לעבן, די אַלץ־וואַקסנדיקע באַדייטונג פון דער פּאַלעסטינע־וואַנדערונג פאַר די יידישע מאַסן צווינגט אונזערע קעגנער צו פאַרראַטן זייער אייגענע אידעאָלאָגיע, אויפצונעמען ברעקלעך און שטיקלעך פון דער פּועלי־ציוניסטישער טעאָריע, כדי צו קענען זיך לייכטער אַנטקעגנשטעלן דעם פּאַלעסטינישן פּראָנט־אָנגריף. עס העלפט זיי אָבער ווייניק. פּאַלעסטינע באַקומט אַלץ אַ גרעסערע השפעה אין יידישן אַרבעטער־לעבן, פאַר פיל טויזנטער יידישע מאַסן איז זי געוואָרן דער איינציקער רעאַלער עקאָנאָמישער ענטפער אויף זייערע נויטן און ליידן. פּאַלעסטינע איז נישט מער קיין ווייטער צוקונפט־חלום זי איז אויפן ענגסטן אופן פאַרבונדן געוואָרן מיט דער טאָג־טעגלעכער יידישער אַרבעטער־ווירקלעכקייט. דער פּאַלעסטיניזם געווינט אַלץ נייע אָנהענגער צווישן די יידישע אַרבעטער־מאַסן.

* * *

די פּועלי־ציון־באַוועגונג איז במשך פון די פינפאונצוואָנציק יאָר אויסגעוואַקסן פון אַ קליינער אומבאַדייטנדער גרופּע צו אַ גרויסער און שטאַרקער באַוועגונג. מען מוז אָבער מודה זיין, אַז דער דאָזיקער אידעאָלאָגישער וווּקס שטייט נישט אין געהעריקן פאַרהעלטניש צום וווּקס פון דער פאַרשטענדניש פאַר דער פּועלי־ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע.

די לאָזונגען פון פּועלי־ציוניזם האָבן פאַרכאַפּט הונדערטער טויזנטער יידישע אַרבעטער, אָבער עס איז נאָך נישט געלונגען די אַלע אָנהענגער אַריינצוברענגען אין דער אָרגאַניזירטער פּועלי־ציוניסטישער קאַמפּס־מחנה.

מוז דאָס איצט ווערן די דרינגנדסטע אויפגאַבע! דער פינפאונצוואָנציקיאָריקער יובל פון דער באַוועגונג און דער זיג פון דער אידעאָלאָגיע מוז אויסגענוצט ווערן, כדי אויפצושטורמען די יידישע אַרבעטער־גאַס און אַריינציען די ברייטסטע יידישע אַרבעטער־מאַסן אין דעם פּועלי־ציוניסטישן קאַמף. זאָל דער אמת פון פּועלי־ציוניזם דערגרייכן אין יעדער פאַבריק און וואַרשטאַט, אין יעדער יידישער אַרבעטער־שטוב, אין יעדן בוידים און קעלער — אומעטום, ווו ס׳לעבן און ס׳ליידן די יידישע אַרבעטער־מאַסן!

אין דעם גרויסן יום־טוב פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג זאָלן אין דער פאַרחושכטער יידישער אַרבעטער־גאַס הויך אויפקלינגען די פייערלעכע אַקאָרדן פון די גרויסע אידעאַלן און זאָלן צוקומען טויזנטער נייע מיטקעמפער אין דער יידישער פּראָלעטאַרישער מחנה.

אלעקסאנדער ס—וו.

פון דער בערדיטשעווער קאנפערענץ

ס׳איז געווען דעצעמבער 1905.

קוים 2 חדשים נאָך דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע, און שוין האָט זיך די רוסישע ליבעראַלע בורזשואַזיע ווידער אַריינגעלאָזט אין אַ משא-ומתן מיטן בלוטיקן צאַריזם און איז געווען גרייט צו פאַרקויפן די פרייהייט פאַר אַ טאָפּ אָן לינזן — פאַרן אָקטאָבער-מאַניפעסט, ד. ה. פאַר דעם פאַרגניגן צו זיין אַ דעפּוטאַט, צו זיצן אין דער דומע און דערביי נישט האָבן קיין שום דעה אויף די מלוכה-ענינים.

דער מאָסקווער פּראָלעטאַריאַט האָט מיט זיין געזונטן קלאַסן-חוש געפילט, אַז אַ יד-אחת צווישן דער בורזשואַזיע און דעם צאַריזם איז פאַר, דער אַרבעטער-באַוועגונג נאָך געפערלעכער, ווי דער נאַקעטער צאַריזם אַליין. און האָט געפּרוּווט אין דער לעצטער שעה ראַטעווען די רוסישע רעוואָלוציע די מאָסקווער אַרבעטער האָבן פּראָקלאַמירט דעם באַוואָפנטן אויפשטאַנד.

דאָס גאַנצע לאַנד האָט ווידער איינגעהאַלטן דעם אָטעם, כמעט אומע-טום איז ווידער אויסגעבראָכן דער גענעראַל-שטרייק. אָבער דער מאָסקווער אויפשטאַנד איז געבליבן אַליין. קיין איינציקע שטאָט, אַפילו נישט דאָס רע-וואָלוציאָנערע פּעטערבורג האָט די מאָסקווער העלדן געהאָלפן. און זייער גורל איז דעריבער שוין געווען אונטערגעחתמעט. מיט דער הילף פון אירע קאַפּיטאַליסטישע קנעכט האָט די צאַרישע רעגירונג געקענט דערשטיקן דעם מאָסקווער אַרבעטער-אויפשטאַנד אין בלוט. די שוואַרצע רעאַקציע האָט שוין

דעמאָלט אָנגעהויבן אויסצושפּרייטן אירע בלוט-רויטע פליגל איבערן גאַנצן לאַנד. און ס׳האָט אויסגעוויזן, אַז די ערשטע רוסישע אַרבעטער-רעוואָלוציע האָט גאָר נישט געבראַכט קיין פּירות. נישט פאַר זיך און אפילו נישט פאַר דער פּאַראַזיטישער בורזשואַזיע.

און פאַר יידן?

יידן זענען דאָך תמיד געווען דער שעיר-לעזאזל, — האָבן מיר טאַקע זייער גיך דערפילט, אַז די צאַרישע באַנדע וויל זיך אין אונז נוקם זיין פאַר אַלע אייגענע און פרעמדע חטאים.

שוין נאָכן 17-טן אָקטאָבער האָבן מיר געהאַט דעם 20 אָקטאָבער, וואָס האָט אַראָפּגעבראַכט אויף די יידישע קעפּ אַ מבול פון פּאָגראָמען און ס׳האָט זיך פיל אויסגעדאַכט, אַז נאָך דעם דאָזיקן חורבן וועלן מיר שוין קיינמאָל קיין תחית-המתים נישט אויפשטיין.

און וואָס האָבן דעמאָלט געטאָן די יידישע פּאַרטייען?

די „דערגרייכער״ (פאַרבאַנד צו דערגרייכן גלייכבאַרעכטיקונג פאַר די יידן אין רוסלאַנד), די בירגערלעכע שתדלנים און פעטערבורגער אַדוואָקאַטן האָבן געזוכט און טאַקע באַלד געפונען אַ הינטער-טירל צום קאָנסטיטוציאָנעלן שוואַרץ-מאָהניק ווי טטע און האָבן ביי אים, וואָס האָט געוואָלט דערטרינקען די רוסישע פרייהייט אין יידישן בלוט, מליץ-יושר געווען פאַר כלל-ישראל. און שפּעטער ביי די וואַלן אין דער ערשטער דומע האָבן די זעלביקע „דערגרייכער״ געהאַט גענוג חוצפּה צו עצהן דעם יידישן פאָלק צו גיין אינאיינעם מיט די רוסישע „פּאָמעשטשיקעס״ (גרויס-גרונטבאַזיצער) אַקעגן די רוסישע פּויערים.

די ציוניסטן? פאַר זיי זענען די פּאָגראָמען געווען וואַסער אויף זייער אייגענעם מילשטיין. און כאָטש זיי האָבן שוין דעמאָלט געמאַכט הכנות צו דער העלזינגפאָרסער רייזע, זענען זיי דאָך נישט געווען מסוגל צו טאָן עפּעס ממשותדיקעס.

די ס. ס. האָבן געהאַלטן אין איין זוכן אַ טעריטאָריע.

און דער „איינציקער פאַרטרעטער״ פונם יידישן פּראָלעטאַריאַט, דער „בונד״, האָט אויך נישט רעכט געוווסט וואָס אָנצוהויבן. די אַסימילאַטאָרישע בונדיסטישע אינטעליגענץ האָט געהאַט פאַר זיך אַ נחמה, וואָס מיטן יידישן בלוט זענען געשמירט געוואָרן די רעדער פון דער רוסישער רעוואָלוציע. זיי האָבן אפנים געמיינט, אַז צו דעם מוז מען אויך האָבן אַ גרויסע זכיה. און דער נאַציאָנאַליסטישער פליגל פונם „בונד״ האָט — ווי חבר ירמיהו האָט אַמאָל ריכטיק באַמערקט — געזועקט דאָס יידישע פאָלק צו... סליחות, צו דער נאַציאָנאַל-קולטורעלער אויטאָנאָמיע. און ס׳איז זייער וויכטיק צו געדענקען, אַז דער „בונד״ האָט ב ש ע ת, פ אַ ר און נ אָ ך דער רעוואָלוציע נישט

אַרויסגעשטעלט קיין אייגענע ספּעציעלע יידישע פאָדערונג. דאָס אייגענע, וואָס ער האָט געטאָן אַלס יידישע פּאָליטישע פּאַרטיי איז געווען דער גלענצנד אָרגאַניזירטער און העלדנמוטיק דורכגעפירטער גענעראַל-שטרייק אַלס פּראָטעסט אַקעגן דעם וואַל-רעכט-פּראָיעקט פונעם מיניסטער בולעגין, לויט וועלכן די יידן וואָלטן נישט געווען געהאַט קיין וואַל-רעכט צו דער דומע.

און די פּועלי-ציון? זיי זענען נאָך דעמאָלט געווען אַ טשערעדע אָן אַ פּאַסטוך, אַ סך גרויסע און קליינע אָרגאַניזאַציעס אָן אַ געמיינזאַמען פּראָגראַם. אָדער ווי אַ חבר האָט אַמאָל געזאָגט: מיט אַ „בירזשע"-פּראָגראַם, דאָס הייסט, יעדע אָרגאַניזאַציע האָט געהאַט איר אייגענע אַרבעטער-בירזשע, און אויף יעדער אַרבעטער-בירזשע איז געדרשנט געוואָרן אַן אייגענער שולחן ערוך. אין איינצלנע שטעט אָפילו האָבן די פּועלי-ציוניסטישע גרופּן אַרויסגערוקט פאָדערונגען, ווי דאָס פּראָפּאָרציאָנעלע וואַל-רעכט וכדומה, זיי האָבן אָבער נישט געהאַט קיין פּאַרטיי-אַפּאַראַט, בכדי דורכצופירן אַ גרעסערע ציל-באַוווסטע פּאָליטישע אַרבעט.

אָט אין אַזאַ מין אַטמאָספער האָט זיך פאַרזאַמלט די פּועלי-ציוניסטישע קאָנפערענץ פונעם דרום-מערבדיקן קאַנט אין אַמאָליקן רוסלאַנד, אין בערדיטשעוו און האָט געשטרעבט צו לייגן די יסודות פאַר אַ גרויסן פּאַרטיי-בנין מיט אַ קלאָרן פּאָליטישן פּראָגראַם. אומגעהויער שווער זענען געווען די אויסערע און אינערע אַרבעט-באַדינגונגען פון דער קאָנפערענץ.

אין דער שטאָט האָט געהערשט קריגס-צושטאַנד. דער קריגס-צושטאַנד, דער גענעראַל-שטרייק האָט אָפּגעשטעלט דאָס גאַנצע לעבן. די וואַרשטאַטן זענען געשטאַנען שטיל און די געשעפטן זענען געווען פאַרמאַכט. אויף די גאַסן האָט מען נאָר געזען שטרייקנדיקע אַרבעטער און קאָזאַקן. נאָך זעקס אַ זייגער אָוונט האָט זיך קיינער נישט געטאָרט אַרויסווייזן אויף דער גאַס, ווייל די קאָזאַקן האָבן געהרגעט און געממיתט. מיט פיבערהאַפטער שפּאַנונג האָט מען געוואַרט אויף ידיעות פון מאָסקווע און פּעטערבורג, און אַז ס'איז באַקאַנט געוואָרן, אַז פּעטערבורג האָט נישט אונטערשטיצט דעם מאָסקווער אויפשטאַנד און די „סעמיאָנאָווצעס" (אַ פּעטערבורגער צאַרישער פּאָלק) האָבן אים אונטערדריקט, האָט מען זיך אויך געפילט באַזיגט, און מ'האָט געראָטן די אַרבעטער צוריקצוגיין צו דער אַרבעט.

מיט דעם דאָזיקן ביטערן געפיל איז מען אויך געקומען צו דער קאָנפערענץ. אָנשטאָט צו פאַרהאַנדלען פריי און אָפן פאַר דער גאַנצער וועלט, האָט מען געמוזט פאַרקריכן אין אַ לאָך און זיצן שטענדיק טאָג און נאַכט אין דער סכנה צו ווערן אַרעסטירט און אָפּגעמשפּט לויט דעם אויסנאַם-צושטאַנד פונעם צאַרישן רעזשים.

און אינעווייניק אויף דער קאָנפערענץ גופא האָט מען גלייך פון אָנ-

הויב אָן באַמערקט חלוקי-דעו תצווישן פועלי-ציוניזם און סיימיזם, וועלכע האָבן שפעטער געפירט צו דער גרויסער שפאַלטונג. מ'איז זיך צונויפגעפאָרן צו פאַרייניקן און מ'מוז זיך פאַנאַנדערגיין. מ'האָט געוואָלט אויפבויען און מ'מוז צושטערן. מ'איז געקומען פריינט און מ'צוגייט זיך... פיינט.

די בערדיטשעווער קאָנפערענץ איז דערפאַר געוואָרן אַ שטיק געשיכטע. אויף איר זענען געלייגט געוואָרן צוויי גרונט-שטיינער פאַר צוויי גרויסע פאַרטיי-בנינים. פאַר דעם נייגעבוירענעם סיימיזם און פאַרן אַלט-נייעם פועלי-ציוניזם.

שוין אויף דער ערשטער זיצונג, ווי נאָר די גרופע דעלעגירטע, וואָס זענען נאָך געבליבן געטריי דעם אַלטן פועלי-ציוניזם, האָבן זיך דערוווסט, אַז חבר באָראָכאָוו קומט צו דער קאָנפערענץ, האָבן זיי באַקומען פרישן מוט און האָבן זיך צוגעגרייט אויפן ערשטן רוף פון זייער פירער אַריינצוואַרפן זיך אין קאַמף.

און באָראָכאָוו איז געקומען, און דאָרט, אין בערדיטשעוו, ערשט געוואָרן אַ פירער.

פועלי-ציוניזם אָדער סיימיזם. אַזוי איז געשטאַנען די פראַגע.

און יעדער חבר האָט געפילט, אַז אַצינד נאָך דער רוסישער רעוואָלוציע קען מען זיך מער נישט באַפרידיקן מיט דעם אַלטן פועלי-ציוניזם, מיט זיין קעגנוואַרט- און צוקונפט-פראָגראַם. אַלע האָבן געוווסט, אַז נאָר אַ רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער-פראָגראַם, וואָס איז אין זיך כולל דעם גאַנצן קאָמפלעקס פון דער יידישער אַרבעטער-פראַגע, פאַרייניקט דעם היינט מיט דעם מאָרגן און שלאָגט אַ בריק צווישן הווה און דעם עתיד, נאָר אַזאַ פאָליטיש פראָגראַם איז בכוח צו שפילן אַ ראָלע אין דער יידישער אַרבעטער-באַוועגונג.

אָבער בשעת דער סיימיזם האָט פאָרגעלייגט דער קאָנפערענץ אַ פאַרטיקע, גרויסאַרטיק אויסגעאַרבעטע טעאָריע און אַ גענוי פאָליטיש פראָגראַם, האָט דער אַלטער פועלי-ציוניזם גאָר נישט געקענט אַקעגנשטעלן אַחוץ די קאָנסערוואַטיווע טראַדיציע און די ליבע צו פאַלעסטינע.

באָראָכאָוו האָט גלייך דערקענט וואָס ס'פעלט דעם פועלי-ציוניזם און האָט מיט זיין רייכן וויסנשאַפטלעכן דענקען, מיט זיין ענערגישער, אומדערמידלעכער אַרבעט כמעט גאַנץ אַליין אויסגעפילט דעם ליידיקן פלאַץ. אין משך פון 14 מעת-לעת האָט ער אויפגעבויט אַן אייגענע וויסנשאַפטלעך-באַגרינדעטע טעאָריע און אויך אָנגעצייכנט די גרונדליניען פון אַ גרויסן פאָליטישן פראָגראַם.

באָראָכאָוו איז געווען די לעבעדיקע טעאָריע און דאָס נישט-געשריבענע פראָגראַם. דאָרט, אויף דער בערדיטשעווער קאָנפערענץ האָט ער—גאַנץ אַליין—אויפגעשטעלט די יסודות פונם היינטיקן פועלי-ציוניזם אַלס וועלט-באַוועגונג.

דער לעבעדיקער פועלי-ציוניזם איז געווען חבר באָראָכאָוו. און ער האָט געקעמפט פאַר זיין אידעאַל, ווי אַ לייב.

זעקס אַ זייגער אין דער פרי און צוועלף אַ זייגער ביינאַכט האָט מען אים געזען אויף דער רעדנער-טריבונע. אין זיינע טיפע געדאַנקרייכע קאָר-רעפעראַטן האָט ער געפרווט שאַפן דאָס, וואָס ס'האָט נאָך דעמאָלט געפעלט דעם פועלי-ציוניזם. מיט זיין שאַרפן אַנאַליטישן מוח האָט ער אָפט שעהן-לאַנג געזוכט צו באַווייזן, אַז דער שיינער בנין פונם סיימיזם שטייט נאָר אויף הינער-פיסלעך, אַז ס'געגוגט אַרויסצורייסן איין ציגל פונם יסוד און די גאַנצע געביידע פאַלט איין. און ער האָט אַ סאַך ציגל אַרויסגעריסן. מען האָט אָבער געמוזט נישט נאָר צושטערן דעם סיימיסטישן בנין, נאָר אויך אויפבויען אַן אַנדערן, אַן אייגענעם. און דאָס האָט ער אַליין — גאַנץ אַליין — באַוויזן.

און כאָטש ער האָט נישט געקענט געווינען די גאַנצע קאָנפערענץ פאַר זיך, כאָטש ער האָט נאָר געהאַט אַ קליינע גרופּע דעלעגאַטן פאַר זיין פּראָ-גראַם, האָט ער אָבער דאָרט, אין בערדיטשעוו געלייגט דעם פעסטן גרונט-שטיין פאַר זיין פּאַרטיי. און דעם דאָזיקן שטיין האָט שוין קיינער נישט גע-קענט רירן פונם אָרט. די קאָנפערענץ האָט זיך געשפּאַלטן און באָראָכאָוו האָט פון דער קליינינקער גרופּע געשאַפן די גרויסע פּאַרטיי.

און נאָך עפּעס.

אויף דער בערדיטשעווער קאָנפערענץ האָט באָראָכאָוו אויפגעוויקלט די פראַגע פון דער מאַרקסיסטישער וועלט-אַנשויונג. און דאָס איז זיין גרויס פאַרדינסט. ער האָט געפרווט אַנטוויקלען אַ גרויסאַרטיקע שטרענג - מאַרק-סיסטישע וועלט-אַנשויונג און דערפאַר זענען אים אויך פיל סיימיסטישע חברים געווען זייער דאַנקבאַר. דער פועלי-ציוניזם האָט דאָרט צום ערשטן מאָל באַקומען אַזאַ וויסנשאַפטלעכע מאַרקסיסטישע באַגרינדונג פון אים פון באָראָכאָוו.

און ביי דעם אַלעם איז ער שטענדיק געבליבן דער האַרציקער און פשוטער חבר. ער האָט נישט נאָר געוואָלט יענעם לערנען. ער איז אויך געווען גרייט פון אַן אַנדערן עטוואָס צו לערנען. ער האָט זיינע געדאַנקען אַנטוויקלט מיט למדנישער און איבערצייגטער אַנטשידנהייט. ער האָט זיך אָבער דערביי אויך צוגעהערט צו דעם, וואָס אַנדערע האָבן געזאָגט. ער איז בסדר אויסן געווען נאָר דעם אמת. אַלע טאָג און נאַכט דויערנדיקע דיסקוסיעס איז ער שטענדיק געבליבן דער קריטישער דענקער, דער אַנאַלי-טישער קאָפּ. אַזוי האָט ער, פון אָנהויב אַן אַנטשלאָסענער קעגנער פונם סיים, נאָך 14 טאָגיקער דעבאַטע פשוט און ערליך דערקלערט, אַז ער נעמט

די פאָדערונג פון אַ נאַציאָנאַל-פּאָליטישער אויטאָנאָמיע אויף אַלס וועזנטלעכן פונקט, אין זיינעם, אינם פועלי-ציוניסטישן פּראָגראַם.

און זיין אייזערנע ענערגיע, זיין גוזמאדיקער אַרבעטס-פליים!

איך דערמאָן זיך. ס'איז געווען 4 אַזייגער פאַרטאָג. אַ סאַך דעלעגאַטן זענען איינגעשלאָפן אויף זייערע ערטער. אויך דער רעפערענט חבר באָזין און זיין מיטקעמפער חבר ישראל זענען אַרויסגעגאַנגען אין אַנדערן חדרל כאַפּן אַביסל פרישע לופט. די 3 חברים פּאַרזיצענדע האָבן האַלב געדרימלט און נאָר די חברים סעקרעטאַרן האָבן שלעפּעדיקערהייט געטאָן זייער חוב און געסקריפּעט מיט די פעדערן. איין באָראָכאָוו איז געבליבן מונטער. ער איז געשטאַנען אויף דער בינע און האָט מיט זיינעם שוין הייזעריקן קול אַנטוויקלט זיינע טיפע וויסנשאַפטלעכע געדאַנקן. און כסדר, ווען אַלע דעלע-גאַטן זענען אַוועק אין זייערע האָטעלן זיך אויסרוען אַביסל און אויסשלאָפן, האָט ער, דער אומדערמידלעכער געמוזט ווייטער אַרבעטן און צוגרייטן זיין ווייטערדיקן רעפעראַט.

און איך דערמאָן זיך ווידער. אַ לאַנגע מעת-לעת-זיצונג. ס'איז שוין נאָך 2 אַ זייגער ביינאַכט. אַלע חברים זענען שלעפעריק און הונגעריק. און אַרויסגיין אויף דער גאַס האָט מען נישט געטאָרט, ווייל די קאָזאַקן האָבן שוין דעמאָלט געהאַט די ממשלה איבער דער שטאָט. אָבער וואָס טוט מען נישט, אַז מ'וויל עסן. איך האָב מיך פאַרלאָזט אויף מיין קענטניש פון דער שטאָט און אויף מיין... „שפּייער" אין דער קעשענע. איך האָב זיך געלאָזט אין וועג אַריין זוכן ברויט. חבר עובדיה פון פּאָלטאַווע, באָראָכאָווס נאָנט-סטער חבר און תּלמיד האָט מיך באַגלייט און האָט מיר אויפן וועג דער-ציילט פון באָראָכאָוון. איך האָב זיך צוגעהערט און זיך געחידושט: אַזאַ קליינער שוואַכער גוף און אַזאַ גרויסער מעכטיקער גייסט.

אַ פּאַטראָל קאָזאַקן האָט אונז דערמאָנט אין עולם-הזה, און אַז מיר האָבן די פּאָדקאָוועס פון זייערע פערד שוין זייער נאָנט געהערט, האָבן מיר זיך אַריינגעכאַפּט צו אַ בעקער. אַז מיר זענען דערנאָך בשלום צוריקגעקומען און מיטגעבראַכט פריש געבעקס, האָט באָראָכאָוו זיך אויך מחיה געווען מיט אַ גוטן ביסן און געגומען פאַרטזעצן זיין רעפעראַט.

און איך געדענק נאָך. ס'רוב דעלעגאַטן זענען זיך שוין צופאָרן. באָ-ראָכאָוו אַליין איז געבליבן און האָט געוואָלט פאַר דער ברייטער מאַסע, פאַר אַלע אָרגאַניזירטע בערדיטשעווער חברים אַנטוויקלען זיין פּראָגראַם.

מיד פון די 14 קאָנפערענץ-טעג האָב איך מיך אַנגעלעגט אין ווינקעלע אויף אַ בעט און איך האָב זיך געחידושט, ווי אַזוי קען ער נאָך שטיין אויף די פיס און רעדן פאַר אַזאַ גרויסער פאַרזאַמלונג. איך וואָלט כמעט איינגע-

דרימלט. פלוצלינג נעמט מיך אַ חבר ביי דער האַנט און פאַרלאַנגט, איך זאָל גיין אַפּאָגירן באָראָכאָוון.

מיט יוגנטלעכן ענטוזיאַזם האָב איך — איך, דער דאַמאָלסטיקער אָנהענגער פון סיימיזם — מיך אַרויסגעכאַפּט אויף דער בינע און האָב געפּרוווט פאַרטיידיקן דעם פּריש-געבאַקענעם סיימיזם אַקעגן דעם פּועלי-ציוניזם. און דאָ האָב איך בממשות דערפילט, אַז די אַלע טענות, וואָס מיר, סיימיסטן האָבן פריער געהאַט צום אַלטן פּראָגראַם, זענען, נאָך דעם וואָס באָראָכאָוו האָט נאָר וואָס געשאַפן און באַגרינדעט, בטל ומבוטל. פאַר מיר איז געשטאַנען אַ נייע טעאָרעטישע שיטה — די שיטה פון באָראָכאָוויזם.

ש. נירנבערג

איבער גרענעצן

די פועלי־ציון־באַוועגונג איז אַנטשטאַנען אין די פאַרשידענע לענדער פון יידישן מאַסן־ישוב כמעט אין איין צייט. אייגע און דיזעלבע דערשיינונגען פון יידישן אַרבעטער־לעבן — רעזולטאַטן פון דער אומנאָרמאַלער יידישער ווירטשאַפטלעכער סטרוקטור — האָבן אומעטום כמעט איינצייטיק אַרויסגערופן אַ נייע געזעלשאַפטלעכע באַוועגונג פון דער יידישער אַרבעטערשאַפט — דעם פועלי־ציוניזם. אָבער אויף דער קריסטאַליזירונג פון דער פועלי־ציון־אידעאָלאָגיע האָבן אין יעטוועדן אָרט באַזונדער געווירקט די באַזונדערע ווירטשאַפטלעכע און סאָציאַל־פּאָליטישע באַדינגונגען פונם געגעבענעם לאַנד: אַנדערש זענען געווען אַט די באַדינגונגען אין אַמאָליקן צאַרישן רוסלאַנד, אַנדערש אין מאָנאַרכיסטישן עסטרייך, אַנדערש ווידער אין דייטשלאַנד, אין די מערב־אייראָפּעישע לענדער און אין אַמעריקע. בעת די פועלי־ציון־פּאַרטייען אין די פאַרשידענע לענדער האָבן גלייך אין אָנהויב זיך געשטעלט אַן איינהייטלעכן ציל — איז אָבער די אַלגעמיין־אידעישע פּלאַטפאָרם זייערע ווייט נישט געווען קיין איינהייטלעכע. ביי דער באַשטימונג פון די עיקר־יסודות פון זייער סאָציאַליסטישן באַנעמען, זענען די פועלי־ציון־פּאַרטייען אין אַ גרויסער מאָס אַרונטערגעפאַלן אונטער דער השפּעה פון די אין זייער לאַנד הערשנדיקע סאָציאַליסטישע שיטות. די רוסישע פּאַרטיי האָט באַזירט אויף די פּרינציפּן פון דער מאַרקסיסטישער וועלטאַנשויונג, די עסטרייכישע — אויף דער רעוויזיאָניסטישער שיטה, די אַמעריקאַנער איז נאָך ווייטער געגאַנגען און אין יסוד פון איר אידעאָלאָגיע האָט זיך געפונען אַ צעשוווּמענער נאַציאָנאַל־אידעאַליסטישער שטאַנדפּונקט.

צווישן די באַזונדערע פּועלי־ציון־פּאַרטייען האָט זיך אָבער פון אָנ־הויב אָן איינגעשטעלט אַ קעגנזייטיקע ווירקונג און השפּעה. נאָך לאַנג פאַר דעם, ווי עס איז געשאַפן געוואָרן דער פּועלי־ציון וועלט־פאַרבאַנד אין 1907, האָבן זיך געהאַט געשאַפן מער אָדער ווייניקער נאָענטע פאַרבינדונגען. די אַרויסגעלאָזענע טעאָרעטישע און פּראָפּאַגאַנדע ליטעראַטור האָט נישט בלויז אינפאָרמירט איין פּאַרטיי וועגן דער טעטיקייט און קאַמף פון דער צווייטער, נאָר אוממיטלבאַר משפּיע געווען איין פּאַרטיי אין גייסט פון דער אַנדערער. מיט דער צייט האָט די קעגנזייטיקע השפּעה אין אַ געוויסער מאָס אויסגעגלייכט דעם אידעישן פּראָנט פון דער פּועלי־ציון־באַוועגונג.

אָבער אין דער גרינדונגס־תּקופה פון די פּועלי־ציון־פּאַרטייען האָט אַ באַזונדערע ראָל געשפּילט די השפּעה פון דער רוסישער פּאַרטיי אויף די אַנדערע טיילן פון דער באַוועגונג. די דאָזיקע ווירקונג איז ווייט אַריבער איבער די גרעניצן פון אַמאָליקן צאַרישן רוסלאַנד. די רוסישע פּאַרטיי איז געווען די ערשטע, וואָס האָט איר פּראָגראַם באַזירט אויף קלאָר פאָרמו־לירטע וויסנשאַפטלעכע יסודות — אָט דער פאַקט האָט איר פון אָנהויב אָן געזיכערט אַ דאָמינירנדיקע אידעישע שטעלונג אין דער זיך שאַפנדיקער פּועלי־ציון וועלט־באַוועגונג.

* *
*

באַזונדערס גרויס איז געווען דער איינפלוס פון דער רוסישער פּועלי־ציון־שיטה אויף דער נאָענטסטער ברודער־פּאַרטיי — אין עסטרייך.

דער ערשטער פאַקט פון דירעקטער השפּעה מצד פירנדיקע חברים פון דער רוסלענדישער פּאַרטיי אויף דער עסטרייכישער פּועלי־ציון־באַוועגונג איז פאַרגעקומען מער צופעליק ווי אָרגאַניזירט.

געשען איז עס אין סוף 1905. אין יענער צייט האָט די עסטרייכישע פּאַרטיי־לייטונג דורכגעפירט איבער די וויכטיקסטע אָרגאַניזאַציעס אַ פאָרלעזונגס־טור פון ד״ר דניאל פּאַסמאַניק וועגן דער „טעאָריע און פּראַקטיק פון פּועלי־ציוניזם״.*) די פאָרלעזונגען האָבן געזאָלט באַפרידיקן אַ דרינגנדע באַדערפעניש פון דער יונגער באַוועגונג, וועלכע האָט אין שווע־רע חבלי־לידה אָקאָרשט אָנגעהויבן דורכצומאַכן דעם דאָרניקן וועג פון אי־דעישן קריסטאַליזירונגס־פּראָצעס.

דער יחוס פון דער עסטרייכישער פּועלי־ציון־פּאַרטיי האָט געשטאַמט

---

*) די דאָזיקע פאָרלעזונג איז שפּעטער דערשינען אַלס אַ בראָשור, וואָס איז אַ צייט לאַנג געווען דער וויכטיקסטער אני־מאמין פון די עסטרייכישע פּועלי־ציון.

פון דער אַלגעמיין-ציוניסטישער באַוועגונג. — די פּראָלעטאַרישע עלעמענטן, וועלכע האָבן אינערהאַלב די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס געשאַפן די ערשטע פּועלי־ציון-גרופּן, האָט נישט באַפרידיקט דער סתם־ציוניזם, זיי האָבן געשטרעבט אים צו פאַרבינדן און פאַרייניקן מיטן סאָציאַליסטישן אידעאַל. אָבער די דאָזיקע פאַרבינדונג איז געווען זייער אַ פּרימיטיווע, זי האָט נישט באַזירט אויף קיין שום פּרינציפּיעלן יסוד, און דעריבער איז אין יענער צייט דער אידעישער צושטאַנד פון דער עסטרייכישער פּאַרטיי געווען זער אַ מטושטשער און אַ צעשוואומענער.

מיט דער טור פון ד״ר פּאַסמאַניק האָט די עסטרייכישע פּאַרטיי־לייטונג גריילעך געהאַט בדעה אַריינברענגען אין דער באַוועגונג מער קלאָרקייט און באַשטימטקייט. זי האָט אָבער פאַר דער דאָזיקער שליחות אויסגעפונען פונקט „דעם ריכטיקן מאַן״. ד״ר פּאַסמאַניק, אַ פּריוואַט־דאָצענט פון ציריכער אוניווערזיטעט, האָט שוין הינטער זיך געהאַט אַ היפּשע ציוניסטישע פאַרגאַנגענהייט. ער איז אין תוך אַריין קיינמאָל נישט געווען קיין פּועלי-ציוניסט, זיין ווירקונגס-קרייז איז תמיד געווען דער אַלגעמיין־ציוניסטישער לאַגער — זיין פּועלי־ציוניסטישע תורה האָט ער געפּרעדיקט פאַר אַ נ ד ע ר ע. הגם דאָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם אופן, ווי אַזוי די עסטרייכישע פּאַרטיי־לייטונג אונטער דער אָנפירונג פון ש. קאַפּלאַנסקי, האָט צו יענער צייט פאַרשטאַנען אירע אויפגאַבן, איז אָבער דאָס פּאָרט נישט געווען דאָס וויכטיקסטע. וויכטיקער, אייגנטלעך שעדלעכער, איז געווען דער א י נ ה אַ ל ט פון פּאַסמאַניקס פּועלי-ציוניסטישע שיטה. פּאַסמאַניק האָט אין זיינע פאָרלעזונגען געשטרעבט צו באַזירן דעם פּועלי-ציוניזם אויף אַ אויסגעשפּראָכן א י ד אַ ל י ס ט י ש ן יסוד — דערצו איז אים קודם־כּל נויטיק געווען אונטערצושטרייכן זיין נעגאַטיווע באַציונג צום מאַרקסיזם. באַוואָפנט מיטן גאַנצן כּלי-זין פון בערנשטיינישן רעוויזיאָניסטישן לאַגער, האָט ער קאָנסעקווענט דורכגעפירט די קריטיק פון דער מאַטעריאַליסטישער געשיכטס-אויפפאַסונג, דעם יסוד, אויף וועלכן די רוסישע פּאַרטיי האָט גענומען אויסבויען איר פּראָגראַם. פאַר פּאַסמאַניקן איז דער פּועלי-ציוניזם נ י ש ט געווען קיין א י י נ ה י י ט ל ע כ ע ר אידעאָלאָגישער סיסטעם, נאָר אַן אויפפאַסונג, וואָס נעמט אַרום צוויי גלייכווערטיקע און גלייכוויכטיקע עלעמענטן: ציוניזם און סאָציאַליזם, וועלכע זענען לגמרי נישט היסטאָריש נויטווענדיק, נאָר קענען דערגרייכט ווערן דורכן ש ט ר ע ב ן און ו ו י ל ן פון יידישן אַרבעטער־קלאַס. מיט איין וואָרט: דער הערצלישער דעוויז: „אויב איר ווילט, איז דאָס נישט קיין מעשהלע״ אָנגעווענדעט נישט בלויז צום „רעכטלעך־געזיכערטן יידישן היימלאַנד״, נאָר אויך צום סאָציאַליזם.

ס'איז איבעריק צוצוגעבן, אַז די דאָזיקע אידעאָלאָגישע שיטה האָט

שטאַרק נעגאַטיוו משפיע געווען די אידעאָלאָגישע אַנטוויקלונג פון דער עסטרייכישער פאַרטיי און געשאַפן אַ באָדן פאַר יאָרןלאַנגער אידעישער צעשוומענקייט.

אין דערזעלבער צייט, ווען פאַסמאַניק האָט באַזוכט די גרעסערע פּועלי־ציון־אָרגאַניזאַציעס אין גאַליציע, זענען צום ערשטן מאָל געקומען קיין קראָקע דריי אָנפירנדיקע חברים פון „פוילישן פאַרבאַנד", וועלכע זענען צוגעטרעטן אַרויסצוגעבן און אָרגאַניזירן דעם טראַנספּאָרט פון „יידישן אַרבעטער וואָרט" — דעם ערשטן אומלעגאַלן אָרגאַן פון פוילישן פאַרבאַנד. די דריי חברים זענען געווען: יאַרבלום (באַקאַנט אונטערן פּסעוודאָנים סאָלאָמאָן), שימאַנסקי (פּרושיצקי) און פּאָדאָלסקי (טראַכטנבערג). זיי האָבן זייער שליחות מיט דער הילף פון עטלעכע קראָקעווער חברים בשלימות דערפילט, אָבער זיך דערמיט לחלוטין נישט באַגרעניצט. טרעפנדיק אין דער באַוועגונג אַ מצב פון אידעישן כאַאָס, האָבן זיי געפּרוווט אַקטיוו אַריינדרינגען אין איר, כדי צו ווירקן אין גייסט פון מאַרקסיסטישן פּועלי־ציוניזם און קודם־כל — כדי אַנטקעגנצווירקן דער שעדלעכער השפּעה פון פאַסמאַניקן. דער סעקרעטאַריאַט פון דער עסטרייכישער פאַרטיי, וואָס האָט זיך דאַן געפונען אין קראָקע, האָט נישט גאָר פריינדלעך געקוקט אויף די דאָזיקע פּרוּוון מצד די פוילישע חברים — פאַסמאַניק איז דאָך געווען דער גאַסט פון דער עסטרייכישער פאַרטיי און זיין טור האָט נישט געדאַרפט געשטערט ווערן... די פאָרטרעטער פון פוילישן פאַרבאַנד האָבן זיך אָבער ווייניק וואָס גערעכנט מיט די געבאָטן פון דער עסטרייכישער קורטואַזיע, און אָרגאַניזירט אַ פאָרמעלע קאָנטר־אַקציע קעגן פאַסמאַניקן. אַרום זיי האָבן זיך קודם־כל אין קראָקע אָנגעהויבן גרופּירן די לינקער געשטימטע עלעמענטן פון דער פאַרטיי. נאָך פאַסמאַניקן האָט זיך אָנגעהויבן אַ קליינע יאָגד — ווו ער איז געווען היינט, איז מאָרגן אַרויסגעפאָרן אַ צווייטער חבר מיט אַ רעפעראַט געריכטעט קעגן זיינע אָנשוי־נגען. אַ גאַנצע רייע אָרגאַניזאַציעס איז אויף דעם אופן באַזוכט געוואָרן, און פאַסמאַניקס טור האָט אומדירעקט געבראַכט דערצו, אַז זיי האָבן זיך צום ערשטן מאָל באַקאַנט מיטן געדאַנקן־גאַנג און פּרינציפּן פון רוסישן פּועלי־ציוניזם.

דער באַדייטנדסטער רעזולטאַט פון דעם דאָזיקן ערשטן צונויפטרעף מיט חברים פון פוילישע חברים איז אָבער נישט געווען דאָס דורכפירן די קאָנטר־פאַסמאַניק אַקציע, נאָר אַ צווייטער מער דויערנדיקער פאַקט. ווי מיר האָבן שוין פריער דערמאָנט, האָבן זיך אַרום די חברים אָנגעהויבן צו גרופּירן די אָפּאָזיציאָנעל־געשטימטע טיילן פון דער קראָקעווער אָרגאַניזאַציע. פון דער דאָזיקער גרופּע האָט זיך שפּעטער אויסגעבילדעט די אַזויגערופענע מאַרקסיסטישע אָפּאָזיציע אינערהאַלב דער עסטרייכישער פאַרטיי. אונטער

דער דירעקטער השפעה פון די פוילישע חברים און אונטער דער אומדירעק־טער ווירקונג פון דער פארטייאישער ליטעראטור, וואס האט אנגעהויבן צו דערשיינען אין רוסלאנד, האט די דאזיקע אפאזיציע זיך געשטעלט דעם ציל צו קעמפן פאר דער אידעישער ריינקייט פון דער עסטרייכישער באוועגונג און פאר אן אויסגעהאלטענעם קלאסן־כאראקטער פון דער פארטיי -- א קאמף, וועלכער האט אין זיין רעזולטאט נאך יארנלאנגע אנשטרענגונגען געבראכט דעם געווונשטן ציל.

*
* *

דער קאמף פארן פראלעטארישן קלאסן־כאראקטער פון דער פארטיי איז ביי די דאמאלסטיקע עסטרייכישע באדינגונגען ווייט נישט געווען אזוי פשוט.

צו דער פארטיי האט געהערט א צווייענדיקער עלעמענט: פון איין זייט א פשוטער עולם פון ארבעטער און האנדלס־אנגעשטעלטע פון דער צווייטער — א צו גרויסער טייל פון אינטעליגענץ. די ציוניסטישע אינטעליגענץ האט פשוט מאסנווייז געשטראמט אין די רייען פון פועלי־ציון — דא האט זי געפונען א ברייטערן ארבעטס־געביט, מער באגייסטערונג און בכן אויך מער באפרידיקונג, ווי אין די טרוקענע, מתנגדישע רייען פון באלעבאטישן ציוניזם. דערביי איז אויך די צייט געווען פאליטיש א ברויזנדע. פון יענער זייט גרענעץ האבן זיך געטראגן שטורמישע אפקלאנגען פון דער רוסישער רעוואלוציע, אין לאנד גופא האט זיך ברייט פאנאנדערגעפלאקערט דער קאמף פארן אלגעמיינעם וואל־רעכט. די דאזיקע מאמענטן האבן בלי ספק געווירקט אויף דער שטימונג פון דער ציוניסטישער אינטעליגענץ און זי דערנענטערט צו אן ארבעטער־סביבה.

אבער די דאזיקע מאמענטן זענען נישט געווען די וויכטיקסטע. די וויכטיקסטע סיבה פאר דער נאנטקייט פון דער ציוניסטישער אינטעליגענץ צו פועלי־ציון איז געלעגן אינם פאקט, וואס קיינער האט פון איר נישט פארלאנגט פארן אריינטריט אין דער פארטיי, אז זי זאל איבעררייסן מיט דער ציוניסטישער ארגאניזאציע. די אינטעליגענץ האט געהאט א מעגלעכקייט צו טאנצן גלייכצייטיק אויף צוויי חתונות — געוויס האט אזא צושטאנד פאר איר געשאפן א זער באקוועמע לאגע: פון איין זייט האט זי געקענט אויסלאדענען איר טעמפעראמענט און אירע ראדיקאלע שטימונגען אין א פראלעטארישער סביבה; פון דער אנדערער ווידער—נישט איבעררייסן מיט איר בירגערלעכן עורש, מיט וועלכן זי איז געווען פארבונדן לויט איר סאציאלער אפשטאמונג, הן לויט אירע נייגונגען און רגילותן.

פאַר דער פּאַרטיי האָט אָבער די דערשיינונג געשאַפן אַ פּשוט אוממעגלעכן צושטאַנד. דער פּראָלעטאַרישן קלאַסן־כאַראַקטער פון דער באַוועגונג איז דורכן דאָפּל־שפּיל פון איר אינטעליגענץ להלוטין פאַרווישט געוואָרן. די אינטעליגענץ איז אויך דאָ געווען — לויטן אַלגעמיינעם כּלל — די טאָנגעבערין ביי פּאָליטישע און געזעלשאַפטלעכע אַקציעס. ס׳האָט געדראָאַט די סכּנה, אַז די פּאַרטיי זאָל זיך קיינמאָל נישט עמאַנציפּירן פון ציוניסטישער אַפּטרופּסות, ווייל צו דעם האָט זיך, אין תּוך גענומען, רעדוצירט די ראָל פון דער אינטעליגענץ אין דער פּאַרטיי.

דעם קאַמף קעגן דער דאָפּלטער ראָל פון דער אינטעליגענץ, קעגן דער קליינבירגערלעך־ציוניסטישער פאַרזומפּונג פון דער פּאַרטיי האָט אויפגענומען די מאַרקסיסטישע אָפּאָזיציע. אָבער זי איז נישט געווען בּיכולת אים דורכצופירן מיט דערפאָלג. סיי איר מאַנגל אין אינטעלעקטועלע כּחות, סיי איר קנאַפּע דערפאַרונג האָבן דעם קאַמף געמאַכט פאַר שיער נישט אויסזיכטסלאָז. די אינטעליגענץ איז געווען דער אויטאָריטעט אין דער פּאַרטיי און איר פּאָזיציע האָט נישט געקאָנט דערשיטערט ווערן דורך הוילער אומצופרידנהייט פון אונטן. ערשט דורך דעם אַקטיוון אָנטייל אין דעם דאָזיקן קאַמף מצד אַ רייע אָנפירנדיקע חברים פון דער רוסישער פּאַרטיי האָבן זיך די שאַנסן געביטן. אָנהויב פרילינג 1906 האָט זיך אין קראָקע באַזעצט אויף אַ לענגערער צייט דער חבר ווי ט ע ב ס ק י (אַלעקסאַנדער כאַשין), איינער פון די אָנגעזעענע פירער פון דער רוסישער פּאַרטיי. אמת, ער האָט מער געווירקט דורך זיין אויטאָריטעט, ווי מיט זיין אָרגאַניזאַטאָרישער ענערגיע. אין לעמבערג, ווין און אין אַנדערע שטעט האָבן זיך באַזעצט אַ ריי רוסישע חברים— פּאָליטישע עמיגראַנטן, אַנטרונענע פון צאַרישע פאַרשיקונגען און תּפיסות, — וועלכע האָבן אויפגענומען אַן אַקטיווע אַרבעט אין די אָרטיקע אָרגאַניזאַציעס. די געזונטע שטרעבונג צו אָפּהיטן די ריינקייט פון דער פּאַרטיי האָט געוווּנען נייעם כּח און אימפּעט.

דער אינגערלעכער קאַמף פאַר אידעישער קלאָרקייט און אויסגעהאַלטנקייט האָט אויפגעהערט צו זיין סתּם אַ אַבסטראַקטער פּלפּול, נאָר אָנגענומען קלאָרע קאָנקרעטע פאָרמען: עס איז געגאַנגען וועגן כאַראַקטער פון דער פּאַרטיי, צי זאָל זי בלייבן אַ פיליע פון דער אַלגעמיין־ציוניסטישער באַוועגונג, אָדער אַרויף אויפן וועג פון אַ פּראָלעטאַרישער קאַמפס־פּאַרטיי.

ס׳איז געווען אַ באַוועגטע, לעבעדיקע צייט. די אינטעליגענץ האָט זיך געקלאַמערט אָן אירע פּריווילעגיעס, די אָפּאָזיציע האָט געשטורמט, אויסנוצנדיק אין קאַמף די כּלי־זין פון טעאָרעטישן אַרסענאַל פון דער רוסישער פּאַרטיי. אומאויפהערלעכע דיסקוסיעס האָבן אויסגעפילט דעם זומער. באַזונדערס האָט זיך אין די דיסקוסיעס אויסגעצייכנט דער חבר וויטעב־

ס ק י, וועלכער האָט מיט זיינע 6־שעהדיקע רעפעראַטן געמאַכט פשוט קאַמפּס־אומפּעיק די אינטעליגענץ...

אַזוי איז צוגעגרייט געוואָרן די גענעראַל־שלאַכט אויף דעם געביט, וועלכע איז דורכגעפירט געוואָרן אין הערבסט 1906 אויפן דריטן פּאַרטיי־טאָג אין לעמבערג. אויף דעם פּאַרטיי־טאָג האָבן זיך באַטייליקט אַלס פאַר־טרעטער פון דער רוסישער פּאַרטיי דער חבר וויטעבסקי, אַלס פאָרשטייער פון פוילישן פאַרבאַנד — חבר שימאַנסקי. מיט זייער אַקטיווער מיטהילף, איינגנטלעך מיט דער הילף פון דער רוסישער פּאַרטיי, וועמענס אידעאָלאָגי־שע השפּעה איבער די עסטרייכישע חברים איז געוואַקסן פון טאָג צו טאָג, איז די שלאַכט דערפאָלגרייך פאַרענדיקט געוואָרן. דער דריטער פּאַרטיי־טאָג האָט פעסטגעשטעלט אין פּראָגראַם־פּראָיעקט דעם קלאַסן־כאַראַקטער פון דער פּאַרטיי און פאַרבאָטן זיינע מיטגלידער גלייכצייטיק אָנצוגעהערן צו אַ בירגערלעכער אָרגאַניזאַציע. דערמיט איז פאַרענדיקט געוואָרן אַ וויכטיקער פּעריאָד אין דער אידעיש־אָרגאַניזאַטאָרישער אַנטוויקלונג פון דער עסט־רייכישער פּאַרטיי.

* * *

אויף דעם זעלבן פּאַרטיי־טאָג איז דורכגעפירט געוואָרן אַ ברייטע און גרינטלעכע פּראָגראַמאַטישע דיסקוסיע. אין דער פּאַרטיי האָבן געווירקט צוויי אידעישע ריכטונגען: איינע — די מאַרקסיסטישע אָפּאָזיציע, האָט פאַרטראָטן די פּרינציפּן פון רוסישן פּועלי־ציוניזם, די צווייטע — כמעט די גאַנצע פּאַרטיי־לייטונג און די וויכטיקסטע טוער אויף די ערטער, איז געווען באַ־הערשט דורכן אָפּאָרטוניסטישן רעוויזיאָניזם. געזיגט אויפן פּאַרטיי־טאָג האָט די רעוויזיאָניסטישע ריכטונג, וואָס ס'איז אגב גע֫קומען צום אויסדרוק אין באַשטימען דעם נאָמען פון דער פּאַרטיי: „יידישע סאָציאַליסטישע אַרבעטער פּאַרטיי „פּועלי־ציון" אין קעגנזאַץ צו סאָציאַל־דעמאָקראַט֫ישע, וועלכן די מאַרקסיסטישע ריכטונג האָט פאָרגעשלאָגן.

נישט געקוקט אויפן זיג פון אָפּאָרטוניסטישן פליגל, האָט די פּראָ־ציוניסטישע אינטעליגענץ גלייך נאָכן פּאַרטיי־טאָג אָנגעהויבן מאַסנהאַפט צו פאַרלאָזן די פּאַרטיי. דער פאַרבאָט גלייכצייטיק אָנצוגעהערן צו דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע האָט געהאַט זיין ווירקונג: די באַוועגונג האָט זיך באַפרייט פון אַ פרעמדן עלעמענט; געבליבן אין דער פּאַרטיי איז נאָר יענער טייל פון דער אינטעליגענץ, וועלכער האָט זיך אידעיש פולשטענדיק באַהעפט מיט דער פּראָלעטאַרישער מאַסע.

דער פּאַרטיי־טאָג האָט אויפגעוועקט אַן אינטערעס צו אידעישע פראַגן,

הגם אַ גרויסער טייל פון דער אינטעליגענץ איז אַוועק גלייך נאָך דעם פּאַר־טיי־טאָג, האָט דאָס אידעישע לעבן אין דער פּאַרטיי לגמרי נישט פאַרלוירן זיין אינטענסיווקייט. אַ שלל פּראָבלעמען און פראַגן זענען געבליבן נאָך אומקלאָר. די עסטרייכישע פּאַרטיי האָט פאַרמאָגט ווייניק טעאָרעטישע פּחות — איז די איינציקע גייסטיקע שפּייז, דער וועגווייזער אין אידעישן נעפּל געווען די קנאַפּע טעאָרעטישע ליטעראַטור, וואָס האָט אָנגעהויבן צו דערשיינען אין רוסלאַנד. די דאָזיקע הארבע עברי — איז פאַקטיש געווען דער איינציקער מאַטעריאַל, וואָס האָט געדינט פאַר דער אינגערלעכער אויפ־קלערונג, פאַר דער פּרינציפּיעלער לייטערונג.

באַזונדערס שטאַרק האָט געווירקט די טעאָרעטישע ליטעראַטור פון דער רוסישער פּאַרטיי אויף דער „יוגנט" — זי איז אין בוכשטעבלעכן זין פון וואָרט אויף איר דערצויגן געוואָרן. איינער פון די אַקטיווסטע טוער פון דער מאַרקסיסטישער אָפּאָזיציע אין דער פּאַרטיי, יעקב קענער איז געווען דער פירער פון דער יונגער „יוגנט"־באַוועגונג; ווען אין דער פּאַרטיי איז נאָכן אַרויסטריט פון דער ציוניסטישער אינטעליגענץ פּאַרט נאָך געבליבן אַ היפּשער טייל פון קליינבירגערלעכע עלעמענטן, איז די „יוגנט" לכתחילה געשטעלט געוואָרן אויף אַנדערע רעלסן: זי איז אין איר ווייטערדיקער אַנטוויקלונג געוואָרן אידעיש ענג פאַרבונדן מיט דער רוסישער פּאַרטיי. אין אָט דעם כאַראַקטער פון דער יוגנט־באַוועגונג ליגט אויך דער סוד דערפון, אַז ווען רוסישע חברים זענען געקומען אין עסטרייך און האָבן זיך נישט געקאָנט איינלעבן אין דער פּאַרטיי, האָבן זיי זייער אידעישע היים געפונען אין די פיר ווענט פון די קליינע יוגנט־לאָקאַלן.

ווען בערבאָראָכאָוו איז אין סוף 1906 דורכגעפאָרן דורך קראָקע קיין ווין האָבן אים אויך זיינע ערשטע שריט געפירט צו דער יוגנט. דאָ האָט ער געפונען זיין סביבה, דאָ האָט מען געוואַרט אויף זיין וואָרט, דאָ האָט מען אים נישט בלויז אויפגענומען מיט יוגנטלעכער באַגייסטערונג, נאָר פשוט מיט בענקשאַפט דערוואַרט זיינע באַזוכן. באָראָכאָוו האָט די דאָזיקע באַציונג פון דער יוגנט צו אים אָפּגעצאָלט מיט מער ווי אַ חברשער באַציונג— בעת זיין יאָרנלאַנגן וויילן אין עסטרייך, איז ער געווען נאָענט פאַרבונדן מיט דער יוגנט, און אַפילו בעת וועלט־קאָנפערענצן האָט ער די פרייע שעהן פאַרבראַכט כמעט אויסשליסלעך אין דער סביבה פון די יונגע חברים.

* * *

יאָכאָווס השפּעה אויף דער עסטרייכישער פּאַרטיי איז לכתחילה נישט געווען קיין גרויסע. ערשט נאָך דעם צווייטן צוזאַמענפאָר פון דער רוסישער פּאַרטיי (אין קראָקע, זומער 1907) איז זיין ווירקונג באַדייטנד געשטיגן. באַ־

זונדערס איז די דאָזיקע ווירקונג געוואָרן קענטיק אין דער צייט, ווען פּראָפ. פראַנץ אָפּענהיימערס פּלאַן פון קאָאָפּעראַטיווע זידלונגען אין פּאַלעסטינע איז געוואָרן פּאָפּולער אין דער עסטרייכישער פּאַרטיי. די אָנפירנדיקע חברים פון דער עסטרייכישער פּאַרטיי האָבן פאַרטראָטן דעם שטאַנדפּונקט, אַז די ראָל פון יידישן פּראָלעטאַריאַט אין דער רעאַליזירונג פון פּאַלעסטיניזם מוז זיין אַ אַקטיוו-בויענדע; בהסכם דערמיט זענען זיי געווען פאַרן אָנטייל אין ציוניסטישן קאָנגרעס, פאַר געמיינזאַמער מיטאַרבעט מיט די בירגערלעכע ציוניסטישע גרופּן, ווייל פּראַקטישע, בויענדע ארץ-ישראל-אַרבעט איז מעגלעך נאָר דורך די פאָנדן פון דער ציוניסטישער בורזשואַזיע. אין פולן קעגנזאַץ צו דער דאָזיקער שטעלונג איז געווען די פּלאַטפאָרם פון דער רוסישער פּאַרטיי, וועלכע האָט פעסטגעשטעלט די פונקציעס פון יידישן פּראָלעטאַריאַט אינם היסטאָרישן פּראָצעס פון שאַפן דעם יידישן טעריטאָריאַלן אַרבעטס-צענטער אין פּאַלעסטינע נאָר ווי באַפרייענדיקע קלאַסן-אויפגאַבן. די עסטרייכישע פּאַרטיי-לייטונג האָט זיך אָנגעכאַפּט אָן אָפּענהיימערס אידעע פון קאָאָפּעראַטיווער קאָלאָניזאַציע פון ארץ-ישראל, ווי אָן אַ געהעריקער פאָרם פון פּראַקטישער אַרבעט אין פּאַלעסטינע. פון דער דאָזיקער קאָאָפּעראַטיווער קאָלאָניזאַציע איז שפּעטער-צו אויסגעוואַקסן די גאַנצע אידעאָלאָגיע פון קאָנסטרוקטיוון סאָציאַליזם, וועלכע איז נאָך ביזן היינטיקן טאָג פאַרבליבן דער עיקרדיקסטער פּרינציפּ פון רעכטן פאַרבאַנד, און וועלכער פאַרבינדט אים אויף טויט און לעבן מיט דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע.

באָראָכאָוו האָט מיט דער גאַנצער שאַרפקייט אויפגענומען דעם קאַמף קעגן דער דאָזיקער שעדלעכער און פון מאַרקסיסטישן שטאַנדפּונקט פאַלשער שטעלונג. באָראָכאָוו האָט ריכטיק אָפּגעשאַצט, אַז דאָ האַנדלט זיך נישט בלויז וועגן אַן אָפּנויג, נאָר וועגן אַ צווייטער שיטה, וואָס ווערט געשאַפן אין קעגנזאַץ צום מאַרקסיסטישן פּועלי-ציוניזם. מיט דער גאַנצער אימפּולסיווקייט פון זיין קעמפערישער נאַטור האָט ער געפירט דעם דאָזיקן קאַמף, אַריינברענגענדיק אין אים אויסערגעוויינלעכע — ווי אויף יענע צייטן — שאַרפע מאָמענטן. מען מוז מודה זיין, אַז באָראָכאָוו האָט דעם דאָזיקן קאַמף געפירט אין די אומגינסטיקסטע באַדינגונגען: דער מיראַזש פון פּראַקטישער פּאַלעסטינע-אַרבעט אין אַ ברייטן פאַרנעם האָט געלאָקט. איז דאָך די עיקרדיקסטע קריטיק מצד די קעגנער געווען, אַז פּאַלעסטיניזם — איז אַן אוטאָפּיע. ס'האָבן זיך געפאָדערט פּראַקטישע מעשים, באַווייזן, אַז די אַבסטראַקטע פּאַלעסטינע איז פאָרט אַ רעאַלער ענין — דערווייל אָבער האָט זיך די עמיגראַציע קיין ארץ-ישראל אויסגעדריקט נאָר אין ספּאָראַדישע נסיעות פון איינצלנע פּיאָנערן... ביי דער לאַגע האָט די אומגעדולד

געווירן דעם דראַנג נאָך גרעסערע אויפטוען—און די ווייט-גרעסטע מערהייט פון דער עסטרייכישער פּאַרטיי האָט געשטיצט די אָפּענהיימערישער אידעע.

באַראָכאָוו האָט דעם דאָזיקן קאַמף אין יענעם מאָמענט פאַרשפּילט. נאָר קליינע גרופּן, צעוואָרפענע איבער די באַזונדערע אָרגאַניזאַציעס זענען געווען מיט אים. זעלטן ווער אין דער עסטרייכישער פּאַרטיי האָט זיך דאַן אָפּגעגעבן אַ חשבון וועגן דעם היסטאָרישן באַדייט פון באַראָכאָווס קאַמף. ערשט מיט יאָרן שפּעטער, בעת פון דער פּראַקטישער קאָאָפּעראַטיווער שיטה איז אַרויסגעוואַקסן די אוטאָפּישע אידעע פון קאָנסטרוקטיוון סאָציאַליזם, די אידעע פון פרידלעכן אַריינוואַקסן אין סאָציאַליזם דורך קאָאָפּעראַציע, איז קלאָר געוואָרן, אַז צווישן באַראָכאָוון און דער עסטרייכישער פּאַרטיי איז נישט אָנגעגאַנגען סתם אַ מחלוקה וועגן אַן אַבסטראַקטן פּרינציפּ, נאָר אַ קאַמף וועגן גאַנצן מהות פון דער פּועלי-ציון-באַוועגונג. אָבער דאַן איז שוין אויך קלאָר געוואָרן, אַז באַראָכאָווס קאַמף איז נישט געגאַנגען לאיבוד: ווען די פּועלי-ציון-באַוועגונג האָט זיך נאָך דער מלחמה געשפּאָלטן אין צוויי קעגנזעצלעכע לאַגערן, האָבן כמעט אַלע אַמאָל עסטרייכישע אָרגאַניזאַציעס זיך אָפּגעטרייסלט פון אוטאָפּישן קאָנסטרוקטיוויזם און געשלאָסענערהייט אַריבער אונטער די פאָנען פון מאַרקסיסטישן פּועלי-ציוניזם. דאָס איז בלי-ספק נישט פאַרגעקומען צופעליק: דער פאַרזייטער זאָמען איז ביי געענדערטע באַדינגונגען אין אַ צייט אַרום אויפגעגאַנגען. דער דורך באַראָכאָוון אַמאָל פאַרשפּילטער קאַמף איז דורכן באַראָכאָוויזם מיט יאָרן שפּעטער געוווּנען געוואָרן.

* * *

נאָך אין איין פאָרם האָט זיך אויסגעדריקט די אידעיִשע ווירקונג פון דער רוסישער פּועלי-ציון-שיטה אויף דער עסטרייכישער פּאַרטיי.

„דער יידישער אַרבעטער" — דער אָרגאַן פון דער עסטרייכישער פּאַרטיי האָט געהאַט אַ רייע גוטע רעדאַקטאָרן, פלינקע זשורנאַליסטן, אָבער קנאַפּע טעאָרעטיקער. אין די ערשטע אַנטוויקלונגס-יאָרן פון דער פּאַרטיי האָט „דער יידישער אַרבעטער" באַפרידיקט די פּאַרטיי-מאַסע מיט זיין אינהאַלט; לויטן מאָסשטאַב פון יענע צייטן איז זיין ניוואָ געווען באמת הויך. אָבער מיט דער צייט זענען געוואַקסן די פאָדערונגען. די טעאָרעטישע אויסגאַבן פון דער רוסישער פּאַרטיי האָבן מער אימפּאָנירט און אַריינגעבראַכט מער אינהאַלט אין דער באַוועגונג. די עסטרייכישע פּאַרטיי-לייטונג, שטרעבנדיק דערצו, אַז „דער יידישער אַרבעטער" זאָל ווירקלעך זיין אַ וועג-ווייזער אינם קאַמף פון דער אויפשטייגנדיקער באַוועגונג, האָט איינגעלאַדן אַלס רעדאַקטאָרן אָנפירנדיקע חברים פון דער רוסישער פּאַרטיי.

גלייך נאָך דעם צווייטן צוזאַמענפאָר פון דער רוסישער פּאַרטיי אין זומער 1907 האָט איבערגענומען די רעדאַקציע פון „יידישן אַרבעטער" דער חבר כתריאל (לעאָן כאַזאַנאָוויטש). נאָך אים איז אין יאָר 1909 באַשטימט געוואָרן אַלס רעדאַקטאָר דער חבר זרבבל, גלייך נאָך זיין באַפרייען פון דער ווילנער תפיסה.

כאַזאַנאָוויטש האָט מיט זיין כמעט טרוקענער זאַכלעכקייט געוועקט אין דער פּאַרטיי דאָס פאַרשטענדעניש פאַר טעאָרעטישע פראַגן און ברייטן, זעלבסשטענדיקן פּאַרטייאישן ווירקן; זרבבל האָט מיט זיין ברויזנדן טעמפּעראַמענט אויפגעדעקט קוואַלן פון באַגייסטערונג און געמונטערט צו פּאָליטישער אַקטיוויטעט. ביידע האָבן דורך זייער אַקטיווער אַרבעט — נישט בלויז אויפן ענגערן געביט פון רעדאַקציע — שטאַרק געהויבן דעם פּרעסטיזש פון דער פּאַרטיי און באַדייטנד אויסגעברייטערט איר ווירקונגס-קרייז.

באַזונדערס באַדייטנד איז געווען כאַזאַנאָוויטשעס קאַמף פאַר דער פּאָליטישער זעלבשטענדיקייט פון דער פּאַרטיי. הגם די פּאַרטיי איז שוין געווען אָרגאַניזאַטאָריש אָפּגעזונדערט פון דער ציוניסטישער באַוועגונג, איז זי דאָך ביי אַלע גרעסערע פּאָליטישע אַקציעס, בפרט בעת די וואַלן צום עסטרייכישן פּאַרלאַמענט, געגאַנגען האַנט ביי האַנט צוזאַמען מיט די אַלגעמיינע ציוניסטן. — די פאַרבינדונג מיטן ציוניסטישן קאָנגרעס האָט נאַטירלעכערהייט געפירט צו אַן איינהייטלעכן נאַציאָנאַלן-פראָנט אין פראַגן פון לאַנד פּאָליטיק. קעגן דער דאָזיקער פאַלשער, שעדלעכער טאַקטיק האָט כאַזאַנאָוויטש אויפגענומען אַן ענערגישן קאַמף און דורכגעפירט אים מיט היפשן דערפאָלג, וואָס האָט זיך בולט אַרויסגעוויזן בעת די שפּעטערדיקע זעלבסטשטענדיקע פּאָליטישע אַקציעס פון דער פּאַרטיי.

זרבבלס איינפלוס האָט זיך ווידער באַזונדערס קענטיק געמאַכט אויף אַן אַנדער אָפּשניט פון פּאַרטייאישן קאַמפּס-פראָנט. אין גאַליציע, ווי בכלל אין עסטרייך, האָט אפילו אין דער יידישער פּראָלעטאַרישער סביבה געהערשט אַ פאַרפּעסטעטע אַסימילאַטאָרישע אַטמאָספער. מיט יידיש האָט מען זיך פּשוט געשעמט. די באַציונג צו מאָדערנער יידישער קולטור-שאַפונג איז געווען דורכגעזאַפּט מיט ביטול. — די פּאַרטייאישע אינטעליגענץ, מיט קליינע אויסנאַמען, האָט אויך נישט געהאַט קיין אַנדער באַציונג — דאָס האָט אומגעהויער באַשווערט די מינדלעכע פּראָפּאַגאַנדע ביי דער פּשוטער אַרבעטנדיקער מאַסע און געשטערט די ענגע באַהעפטונג פון דער פּאַרטיי מיט איר. רבבל האָט אויפגענומען די אָפענסיווע אויפן קולטור-פראָנט. מיט ברייטן פאַרנעם, אימפּעט און טעמפּעראַמענט, אַרומוואָגלענדיק זיך פון איין שטעטל אין צווייטן, האָט ער אומדערמידלעך געוועקט דאָס פאַרשטענ-

דניש פאַר דער נייער יידישער קולטור, און איניצירט גלייכצייטיק אַ ברייטע פּאַרטייאישע קולטור-אַרבעט אין יידיש.

כאַזאַנאָוויטש איז בכלל געווען אַ טוער מיט אייראָפּעישע השגות, מיט אַ ברייטן פאַרנעם. די דאָזיקע אייגנשאַפטן זיינע האָט ער געפּרווט איבערפלאַנצן אין דער עסטרייכישער פאַרטיי. ער האָט צוליב דעם מער אַלס געלייגט און אַפּעלירט דער עיקר צו די עלטערע חברים, אונטערשאַצנדיק דערביי די ראָל און באַדייטונג פון דער יוגנט. דאָס איז געווען זיין פעלער: אין דער עסטרייכישער פּאַרטיי האָט נאָך פלעמען געהערשט די טראַדיציאָנעלע עסטרייכישע געמיטלעכקייט, און אָן דער דאָזיקער געמיטלעכקייט האָט זיך צעשלאָגן נישט איין גלענצנדע איניציאַטיוו פון כאַזאַנאָוויטשן.

זרובבלס יונגער טעמפּעראַמענט האָט אים אָבער גלייך פאַרבונדן מיט דער יוגנט. ער האָט אויסגעמיטן דעם פעלער אָנצושפּאַרן זיך אויסשליסלעך אויף דער עלטערער פאַרטיי און דאָס האָט אין אַ גרויסער מאָס דעציידירט וועגן דער גרויס פון זיין אידעישן איינפלוס.

פאַרשידן איז געווען לויט איר גרויס און כאַראַקטער די השפּעה פון די דאָזיקע צוויי אָנפירנדיקע חברים פון דער רוסישער פאַרטיי — אָבער לויט איר תוך איז זי געווען דיזעלבע: זי האָט באַפרוכפּערט דאָס אידעישע לעבן פון דער עסטרייכישער פאַרטיי אין גייסט פון דער רוסישער פּועלי-ציון-שיטה.

איז טאַקי אונטער זייער ווירקונג נאָך מער פאַרשטאַרקט געוואָרן די פאַרבינדונג צווישן די אַקטיווע כחות און דער עסטרייכישער פאַרטיי מיטן מאַרקסיסטישן פּועלי-ציוניזם. די דאָזיקע נאָנטקייט איז מיט די יאָרן אַלץ מער געוואַקסן ביז זי האָט אין דער באַוועגטער נאָך-מלחמה-צייט, נאָכן צעפאַלן פון עסטרייך, געבראַכט צו אַ פולער אידעישער איבעראַנדערשונג פון די עסטרייכישע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבן זיך אָפּגעטרייסלט פון יאָרנלאַנגער אָפּאָרטוניסטישער טראַדיציע און געפונען זייער קאַמפּס-אָרט אין דעם געפעסטיקטן פראָנט פון מאַרקסיסטישן פּועלי-ציוניזם. די אומזיכטבאַרע אידעאישע פעדים, וואָס האָבן זיך געצויגן איבער גרענעצן, האָבן אין אַ ענגן אייניייטלעכן בונד צונויפגעשלאָסן צוויי פּועלי-ציון-פאַרטייען, וועלכע האָבן זיך אַנטוויקלט אין פאַרשידענע באַדינגונגען און פאַרוואַנדלט זיי אין איין געשלאָסענע, געאייניקטע אידעאישע קאַמפּס-מחנה.

ג. בוקסבוים

אַ פערטל-יאָרהונדערט אידעישער קאַמף

I.

אַ פערטל יאָרהונדערט איז אַוועק זינט יענע טעג, ווען פועלי-ציון האָבן אויף אַן אָרגאַניזירטן און ציל-באַוואוסטן אופן איבערגענומען די אָנפירונג מיטן קאַמף פון יידישן פּראָלעטאַריאַט פאַרן סאָציאַליזם. פועלי-ציון זענען דאָן נישט געווען די איינציקע און נישט די ערשטע פאַרטיי, וועלכע האָט פּרעטענדירט אויף אָנפירן מיטן יידישן אַרבעטער-קאַמף. בערך אין דער זעלבער צייט, וואָס פועלי-ציון, האָבן זיך געגרינדעט די פאַרטייען „ציוניסטן-סאָציאַליסטן" (ס. ס.) און י. ס. אַ. פ. (סיימיסטן), שוין ווייט דעם יאָר 1897 האָט געפירט דעם קאַמף פאַר דער נשמה פונם יידישן פּראָלעטאַריאַט דער בונד און מיט אים האָבן קאָנקורירט די יידישע גרופן פון דער רוסישער און פוילישער ס. ד. (די פאָרלויפער פון דער היינטיקער יעווסעקציע).

ס'איז פאַרשטענדלעך, אַז אַנטשטייענדיק ביי אַזעלכע באַדינגונגען, האָבן די פועלי-ציון געמוזט אויפנעמען אַ שאַרפן אידעישן קאַמף קעגן די איבעריקע שטרעמונגען און פאַרטייען אויף דער יידישער אַרבעטער-גאַס. די פועלי-ציון האָבן דאָך געמוזט דערקלערן, צוליב וואָס זיי האָבן געגרינדעט אַ נייע פאַרטיי און אָנווייזן די פעלערן און פאַלשע וועגן פון די אַנדערע פאַרטייען און ריכטונגען. דערפאַר איז גלייך דער ערשטער שריט, די גרינדונג פון דער פועלי-ציון-פאַרטיי, געווען באַגלייט פון אַ קלאָרער פאָרמולירונג פון די אי-

דעיש-פּראַגראַמאַטישע יסודות און אַנקינדיקונג פון אַן אומפּשרותדיקן קאַמף קעגן דער אידעעלאָזיקייט און אָפּאָרטוניסטישער קורצזיכטיקייט פון די איבריקע פּאַרטייען פון דער יידישער אַרבעטערשאַפט. דעם דאָזיקן קאַמף איז די פּועלי-ציון אויסגעקומען צו פירן במשך פונם גאַנצן פערטל יאָרהונדערט ביזן היינטיקן טאָג. דער קאַמף דויערט אויך היינט, הגם ס'איז שוין פאַרשוונדן אַ טייל פּאַרטייען (ס.ס. און סיימיסטן) און ס'האָט זיך באַדייטנד געביטן (אין אַ גרויסער מאָס אונטערן דרוק פון פּועלי-ציון) די באַציונג פון די איבריקע ריכטונגען (בונד און יעווסעקציע) צו אַ ריי פראַגן. וועלכע האָבן אין יאָר 1906 און שפּעטער געבילדעט דעם עיקרדיקן אָביעקט פונם אידעאישן גע-ראַנגל אויף דער יידישער אַרבעטער-גאַס.

עס איז כדאי היינט, ווען מיר קוקן מיט שטאָלץ און פרייד אויף דעם דורכגעמאַכטן פערטל יאָרהונדערט-לאַנגן קאַמף פון דער פּועלי-ציון-פּאַרטיי, צו דערמאָנען כאָטש אין די סאַמע קורצסטע שטריכן, אַרום וואָס איז געגאַנ-גען דער וויכוח מיט אַ פערטל יאָרהונדערט צוריק, וואָס האָט דערפירט צו דער פאַנאַנדערפלאַקערונג פון אַזאַ פאַרביטערטן אידעישן קאַמף צווישן פּו-עלי-ציון און זייערע קעגנער, דער עיקר בונד און יעווסעקציע.

II.

דער טיפער אידעישער אונטערשיד צווישן בונד און פּועלי-ציון קומט צום אויסדרוק גלייך פון די ערשטע שריט פוןביידע פּאַרטייען.

דער בונד האָט זיך אַפילו אויף אַ רגע נישט פאַרטראַכט וועגן דעם כאַראַקטער פון דעם קאַמף-באָדן, אויף וועלכן עס איז אויסגעקומען אויפצו-נעמען די פּאָליטישע שלאַכט. ס'האָט אים אַפילו נישט אָנגעהויבן צו באַאומ-רויקן דאָס געוויסן, אַז ער האָט נישט דערפילט די עלעמענטאַרע פליכט פון אַ סאָציאַליסטישער פּאַרטיי: נישט אָנגעפילט די אַלגעמיינע פּראָלעטאַרי-שע אידעאַלן מיטן לעבעדיקן אָטעם פון דער קאָנקרעטער כביבה, אין וועל-כע ער האָט זיין אַרבעט געפירט. ער האָט זיך באַנוגנט מיט שאַפן איינהייט-לעכע אָרגאַניזאַטאָרישע ראַמען פאַר די שוין אָנגעטראָפענע, סאַמע פרימיטיווע פאָרמען פון עקאָנאָמישן און פּאָליטישן קאַמף פון יידישן אַרבעטער-קלאַס און מיט פאַרמעלן אָננעמען די אַלגעמיינע, אינטערנאַציאָנאַלע סאָציאַליסטישע אידעאָלאָגיע. צו פאַרבינדן די דאָזיקע אינטערנאַציאָנאַלע אידעאָלאָגיע אויף אַ ממשותדיקן אופן מיטן יידישן אַרבעטער-קלאַס, דאָס איז אים גאָרנישט איינגעפאַלן.

אָט ווי עס ווערט באַקאַנט געגעבן וועגן דער גרינדונג פון „אַלגעמיי-נעם יידישן אַרבעטער-בונד".

„אין סעפּטעמבער מאָנאַט זענען די פאָרשטייער פון די יידישע ס. ד. גרופּעס צונויפגעפאָרן זיך אויף אַ סיעזד צו בעטראַכטן אַלע פראַגן, וועלכע האָבן אַ שייכות צו דע" גאַנצער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין רוסלאַנד און אין פוילן". „דעם סיעזד זענען פאָרגעלייגט געוואָרן עטלעכע פראַגן זיי צו באַטראַכטן און אַרומצורעדן. צווישן אייניקע אַנדערע זענען געווען די פאָלגנדע:

1) צי איז נויטיק אַן אַלגעמיינע אָרגאַניזאַציע פון יידישן פּראָלעטאַריאַט, 2) וואָס פאַרא נאָמען זאָל מען געבן דער אַלגעמיינער אָרגאַניזאַציע, 3) וועגן דעם קאָמיטעט פון דער אַלגעמיינער אָרגאַניזאַציע און וואָס פאַרא פליכטן זאָל האָבן דער קאָמיטעט, 4) ווי זאָל מען זיך אונטערשרייבן אויף די אַרויסגעבונגען פון יעטוועדער שטאָט באַזונדער, אַז ס'וועט זיין איין אָרגאַניזאַציע מיט איינעם אַן אַלגעמיינעם נאָמען, 5) וועגן די פאַרהעלטנישן, וועגן שייכות וואָס דאַרף זיין צווישן דער אַלגעמייגער יידישער אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע מיט די רעוואָלוציאָנערע גרופּעס (נישט יידישע), וועלכע עקזיסטירן אין אויסלאַנד און אין רוסלאַנד, 6) וועגן כאַראַקטער און וועגן אינהאַלט פון דער זשאַרגאָנישער אומלעגאַלער ליטעראַטור". („אַרבעטער־שטימע" צענטראַל־אָרגאַן פון בונד, נר. 6, אָקטאָבער 1897).

וואָס האָט דער צוזאַמענפאָר געענטפערט אויף די וויכטיקסטע פון די פראַגן? ווי האָט ער באַגרינדעט די נויטווענדיקייט צו גרינדן אַ יידישע אַרבעטער־פּאַרטיי?

„אומעטום פירט מען אַן אַגיטאַציע וועגן די נויטיקסטע אינטערעסן פון דער אַרבעטער־מאַסע, אומעטום ווערן אויפגעהאַלטן, אַנטוויקלען זיך און ווערן געגרינדעט פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען, אומעטום האַלט מען זיך ביי דער מיינונג, דאָס דער עקאָנאָמישער שטרייט, וועלכן די אַרבעטער פירן, אַנטוויקלט זיי אויך פּאָליטיש, ווייל דורך דעם שטרייט קומט זיי אויס צו האָבן אַלערליי מינים צוזאַמענשטויסונגען מיט דער רעגירונגס־מאַכט". „חוץ די דאָזיקע גייסטיקע פאַרבינדונג איז פאַראַן נאָך איינע, גאָר אַ פּראָסטע, אַ מאַטעריעלישע. די אַלע שטעט זענען שוין פון לאַנג מאַטעריאַליש פאַרבונדן". „עס איז געבליבן מער נישט איין זאַך: די דאָזיקע פאַקטישע פאַרייניקונג אַריינגיסן אין אַ פורעם, ער זאָל האָבן אַ געוויסן געשטאַלט. אָנטון די פאַרייניקונג אין הויט און אין ביינער. דאָס איז איצטער נויטיק. נויטיק איז אָט פאַרוואָס: ערשטנס דערפאַר, ווייל די לעצטע צייט איז די רעגירונג אַרויסגעטראָטן קעגן דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט מיט איר

גאַנצע פּיינטשאַפט... אויב מיר וועלן קיין זאַך נישט טאָן קעגן דעם, קאָן זיך מאַכן, דאָס אין קורצן וועלן די שטעט אָפּגעזונדערט ווערן איינע פון די אַנדערע... קעגן דעם איז דאָ איין מיטל: אַ צענטראַלע צווישן־שטעטישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע. נישט נעמענדיק אָן אוממיטלבאַרן אָנטייל אין דער אַרבעט צווישן דער מאַסע, וועט די אָרגאַניזאַציע דערמיט זיך אַ היפּש ביסל פּאַרזיכערן פון די פּאָליציייסקע פּאַרפּאָלגונגען. חוץ דעם ציל איז פאַראַנען נאָך: די באַוועגונג צווישן דער יידישער אַרבעטער־מאַסע האָט די לעצטע צייט געמאַכט זייער גרויסע פּאַרשריט... איז שוין נויטיק אַרויסצוגיין מיט אַזעלכע זאַכן, אין וועלכע ס'זאָלן אַרויסטרעטן נישט נאָר די אָדער יענע אָרגאַניזאַציע, נאָר דער גאַנצער פּראָלעטאַריאַט אינאיינעם... ס'איז נויטיק אָנצוווייזן, שטענדיק צו דערמאָנען און אויפמערקזאַם צו מאַכן אויף גלייכע בירגערלעכע רעכט פאַר אַלע יידן... ס'איז פאַראַן נאָך אַ זאַך, פאַרוואָס ס'איז איצט נויטיק אַן אַלגעמיינע אָרגאַניזאַציע. ס'נאָענט זיך ערשט די צייט, ווען ס'וועט געגרינדעט ווערן אַ אַלגעמיינע רוסישע אַרבעטער־פּאַרטיי. אין דער פּאַרטיי וועט געוויס דער יידישער פּראָלעטאַריאַט פאַרנעמען אַ געוויסן אָרט, נאָר אַריינטרעטן אין דער פּאַרטיי וועט ער נישט קאָנען, זייענדיק צעריסן אויף אָפּגעזונדערטע, זעלבשטענדיקע גרופּעס.״ („אַרבעטער־שטימע״ נר.6).

אָט אַזוי האָט דער גרינדונגס־צוזאַמענפאָר פון „בונד״ אויסגעפּאַסט די סיבות, וועלכע מאַכן נויטיק די גרינדונג פון אַ יידישער אַרבעטער־פּאַרטיי. קיין שום ערנסטע אויספאָרשונג פון די באַדינגונגען פון יידישן אַרבעטער־לעבן און יידישן אַרבעטער־קאַמף, קיין שום אָנווענדונג פון עלעמענטאַרן מעטאָד פונם מאַרקסיזם ביים באַגרינדן די נויטווענדיקייט צו שאַפן דווקא אַ באַזונדערע פּאַרטיי פון יידישע פּראָלעטאַריער, קיין שום כאַראַקטעריסטיק פון דער סביבה, אין וועלכער די פּאַרטיי דאַרף ווירקן, קיין שום ערנסטע, ווייטגייענדערע פּאָליטישע באַטראַכטונגען און פּערספּעקטיוון. איינפאַך און פּשוט: כדי בעסער צו אָרגאַניזירן דעם פּראָפעסיאָנעלן קאַמף און אים לייכטער אַריבערפירן אין פּאָליטישן קאַמף קעגן דעם צאַראַט, כדי די שוין פאַראַנענע פאַרבינדונג צווישן די שטעט מאַכן פאַר אַ שטענדיקע און מער פעסטע, און כדי בעסער אויסצוהיטן די אָנפירונג מיטן קאַמף פאַר די פּאָליצייאישע שפּיצל־אויג איז נויטיק צו שאַפן אַ צענטראַלן אַפּאַראַט, אַ איינהייטלעכע פּאַרטיי. אַלזאָ, ריין פּראַקטישע, אויסשליסלעך טאָג־טעגלעכע מאָמענטן — דער עיקר פון אָרגאַניזאַטאָרישער נאַטור — האָבן באַרעכטיקט די אַנטשטייונג פון בונד לויט דער מיינונג פון זיינע אייגענע באַשאַפער! דערזעלבער קליינלעכער, אָפּאָרטוניסטיש־קורצזיכטיקער פּראַקטיציזם, וועלכער האָט שטענדיק פאַרשטעלט

און פֿאַרשטעלט נאָך איצט פֿאַר די אויגן פֿון בונד גרויסע, רעוואָלוציאָנערע אויפֿגאַבן, איז שוין געשטאַנען ביי זיין וויגל, מאַכנדיק די גרינדער פֿון בונד בלינד פֿאַר די אמתע טיפֿערע סיבות, וועלכע האָבן זיי געטריבן צו שאַפֿן די ערשטע מאַסן-פּאַרטיי פֿון יידישן פּראָלעטאַריאַט. עפּעס פֿילן די גרינדער פֿון בונד אינסטינקטיוו, אַז די יידישע אַרבעטער דאַרפֿן אַריינגיין אין דער אַלגעמיינער אַרבעטער-באַוועגונג נישט איינצלנע, אָפּגעריסענע איינער פֿונם אַנדערן, נאָר ווי אַ גאַנצער קאָלעקטיוו, ווי אַ מאַסן-באַוועגונג. אָבער אומזיסט וואָלט איר געזוכט ביי די גרינדער פֿון בונד אַן אויסטייטשונג, פֿאַרוואָס דאָס איז אַזוי, אומזיסט וואָלט איר געזוכט דעם קלענסטן פּונק פֿון באַוווּסטזיניקער באַציִונג צו דער דאָזיקער וויכטיקער פֿראַגע, וועלכע האָט שפּעטער אינם לעבן פֿון בונד געשפּילט אַ זייער גרויסע ראָל!

ענגער, קליינקעפּלדיקער פּראַקטיציזם, אומווילן צו ערנסטער סאָציאַליסטישער באַטראַכטונג פֿון די לעבנספֿראַגן האָט נישט נאָר נישט געלאָזט דעם בונד צוגיין צום תּוך פֿון יידישן אַרבעטער-פּראָבלעם; ער האָט געטריבן דעם בונד נאָך ווייטער. ער האָט אים אַפֿילו געהייסן אויסמיידן די קלאָרע עקצענטירונג פֿון זיין סאָציאַליסטישן כאַראַקטער און פּראָגראַם. אָט פֿאַרוואָס מען האָט אָפּגעוואָרפֿן דעם פֿאָרשלאַג אָנצורופֿן זיך „סאָציאַל-דעמאָקראַטיש“:

„די מעשה דערפֿון איז אַזאַ: אַ ס״ד-גרופּע באַטייט אַ הייפֿל איינציקע מענטשן, וועלכע האַלטן די פּרינציפּן (די הויפּט-פּונקטן) פֿון דער ס. ד. און פֿירן די אַרבעטער-באַוועגונג“.

מ׳האָט אָנגענומען דעם גאָרנישט זאָגנדיקן נאָמען „אַלגעמיינער יידישער אַרבעטער-בונד“. ווייל

נאָך דעם געדאַנק, וואָס ליגט אין די ווערטער — איז (עס) אַזאַ בונד, וועלכער נעמט אַריין אין זיך דעם גאַנצן יידישן שטרייטנדן פּראָלעטאַריאַט און עפֿנט אויף ברייט זיינע טירן פֿאַר יעטוועדן אַרבעטער, וואָס שטייט נאָר צו צו דעם שטרייט פֿאַר אַ בעסערן לעבן. כּל דכפֿין, ווער עס איז נאָר דורשטיק צו שטרייטן, כּל דצריך, ווער נאָר ס׳דאַרף שטרייטן, יתי ויאכל זאָל קומען, ער וועט ווערן אַ גלייכער, אַ פֿולקאָמער מיטגליד פֿון דער אָרגאַניזאַציע“ („אַרב. שטימע“ נר. 6).

אַזוי ווייט אין זומפּ פֿון אָפּאָרטוניסטישן פּראַקטיציזם ביז דער אָפּלייקענונג פֿונם סאָציאַליסטישן כאַראַקטער אינם נאָמען פֿון דער פּאַרטיי — איז קיין שום אַנדערע ס. ד. פּאַרטיי נישט דערגאַנגען.

אין דעם אַלגעמיינעם אָפּאָרטוניזם און פּראַקטיציזם פֿונם בונד דאַרף מען אויך זוכן די סיבות פֿון זיין בלינזקייט צו די יידישע אַרבעטער-פּראָגי

און זיין נישט דערקענען די סיבות, וועלכע האָבן אים גופא צום לעבן גערופן.

ווי אַנדערש, ווי גאַנץ אַנדערש האָט וועגן איר גרינדונג געמאָלדן די פּועלי-ציון-פּאַרטיי! ווי אַנדערש איז זי צוגעגאַנגען צו די סיבות, צוליב וועלכע עס איז נויטיק געוואָרן די שאַפונג פון אַ פּועלי-ציון-פּאַרטיי!

אין דער מעלדונג וועגן דעם גרינדונגס-צוזאַמענפאָר פון פּועלי-ציון לעזן מיר:

„אַדורכגייענדיק קאָנסעקווענט פאַרשידענע שטאַפּלען פון דער אַנטוויקלונג האָט דער געדאַנק פון יידישן פּראָלעטאַריאַט אין רוסלאַנד און פּוילן לאַנג אַרומגעבלאָנדזשעט, זוכנדיק אַזעלכע פּראָגראַם- און אָרגאַניזיר-פאָרמען, וועלכע זאָלן אויסדריקן אַלע זיינע אידעאַלן, אַרומנעמען און לעזן די אויפגאַבן, וואָס ווערן דורכן לעבן אַרויסגערוקט.”

„צונויפגעדריקט אין די צוואַנגען פון אַכזריותדיקער עקספּלאָאַטאַציע האָט דער יידישער פּראָלעטאַריאַט שוין לאַנג גענומען זיך אָרגאַניזירן צום קאַמף קעגן דעם אַלעם, וואָס איז פאַרבונדן מיט די פאַרהאַסטע פאָרמען פון קאַפּיטאַלס-הערשאַפט, שוין לאַנג זיך דורכגעדרונגען מיט קלאַסן-זעלבסטבאַוווסטזיין און טיף אויפגענומען און אין זיך איינגעזאַפּט דעם סאָציאַליסטישן אידעאַל”.

די מעלדונג שילדערט, ווי דער דאָזיקער קאַמף האָט געמוזט אָננעמען די פאָרמען פון קאַמף קעגן דער צאַרישער זעלבסטהערשאַפט און דערציילט ווייטער:

„פאַרמאָגנדיק זיינע באַזונדערע קולטור-נויטן, אויסגעוואַקסן אין אַן אייגנאַרטיקער נאַציאָנאַלער סביבה, האָט דער יידישער פּראָלעטאַריאַט אַריינקומענדיק אין די פאָדערשטע רייען פון רוסלענדישן רעוואָלוציאָנערן אַוואַנגאַרד, זיך אָרגאַניזירט באַזונדער פון די פּראָלעטאַריער פון אַנדערע נאַציעס און געווען גרייט זיך באַנוגענען מיט אָט די אָרגאַניזאַטאָרישע יסודות. אָט די אַנטוויקלונגס-מדרגה פון יידישן פּראָלעטאַריאַט האָט באַקומען איר אויסדרוק אינם בונד.”

„אָבער אינגיכן האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די באַזונדערע אָרגאַניזאַציע פון יידישן פּראָלעטאַריאַט האָט אַ פיל טיפערן יסוד, ווי די פּשוטע נויטיקייט זיך צוצופּאַסן צו די גייסטיקע קולטור-באַדינגונגען פון זיין לעבן. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אין די פּראָצעסן פון קלאַסן-קאַמף קעגן קאַפּיטאַליזם און זעלבסטהערשאַפט איז די פּאָזיציע פון יידישן פּראָלעטאַריאַט אַרומגעשטעלט מיט אייגנאַרטיקע, אויסערסט קרענקלעכע אָפּנויגונגען, אַז די סטראַטעגישע באַזע, אויף וועלכער ער

פירט זיין קאַמף, נויטיקט זיך אין אַ ראַדיקאַלער פאַרבעסערונג, אום ער זאָל קאָנען פריי זיך אַנטוויקלען און קעמפן מיט דערפאָלג פאַר זיינע אוממיטלבאַרע אינטערעסן און פאַרן ליכטיקן שטראַלנדן אידעאַל.״

„אין דערזעלבער מאָס, ווי עס האָבן זיך קלאָרער אָנגעצייכנט די דערשיינונגען, וואָס זאָגן עדות אויף דער אוממעגלעכקייט פון דער סטראַטעגישער באַזע פון יידישן פראָלעטאַריאַט, אַלץ טיפער און ברייטער האָט זיך פאַרשפּרייט דאָס באַוווסטזיין וועגן דער נויטיקייט אַריבערצופירן זיי אין אַנדערע בעסערע באַדינגונגען, רעוואָלוציאָניזירן דאָס גאַנצע יידישע לעבן ביזן סאַמע וואָרצל.״

מיר האָבן דאָ געבראַכט נאָר אַ פּאָר אויסצוגן פון דעם היסטאָרישן דאָקומענט, אָבער זיי גענוגן פולקאָם, כדי צו ברענגען צום אויסדרוק דעם מאַרקסיסטישן כאַראַקטער פון דער ניי־געשאַפענער פועלי־ציון־פאַרטיי. עס ווערט דאָ אויף אַ מאַרקסיסטישן אופן געשילדערט די אַנטוויקלונג פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג פון די נידעריקסטע ביז די העכסטע שטאַפלען. עס ווערן דערקלערט די כחות, וועלכע האָבן באַשאַפן דעם בונד און די סיבה, פאַרוואָס דער בונד רעפּרעזענטירט דעם סאַמע נידעריקן שטאַפל פון אַנטוויקלונג פון יידישן אַרבעטער־קלאַס. עס ווערן כאַראַקטעריזירט די אייגנאַרטיקע קאַמף באַדינגונגען פון יידישן פראָלעטאַריאַט און עס ווערן אַוועקגעשטעלט ווייטערע רעוואָלוציאָנערע פּערספּעקטיוון און קאַמף־צילן.

אין ליכט פון ביידע דאָקומענטן, פון וועלכע איינער ברענגט די בשורה וועגן דעם געבורט פונם בונד און דער אַנדערער — וועגן דער אַנטשטייאונג פון פועלי־ציון, ווערן בולטער די גרונט־אונטערשידן, די עיקרדיקע סיבות, וועלכע האָבן מיט אייזערנער נויטווענדיקייט געשפּאָלטן די פריער אין בונד איינהייטלעך־אָרגאַניזירטע יידישע אַרבעטער־באַוועגונג און אַרויסגערופן דעם שוין העכער אַ פערטל יאָרהונדערט דויערנדיקן קאַמף צווישן פועלי־ציון און בונד.

אין דער קאַמף־דערקלערונג פון פועלי־ציון קעגן דעם בונד האָט אָנגעזאָגט דער מאַרקסיזם אַ קאַמף דעם קליינבירגערלעכן אָפּאָרטוניזם. דאָס איז געווען דער קאַמף פאַר אויפהייבן די יידישע אַרבעטערשאַפט פון דער מדרגה פון א י נ ס ט י נ ק ט י ו ו, ס ט י כ י ש ן אָרגאַניזירן זיך צום קאַמף „פאַר אַ בעסערן לעבן״, צו דער הייך פון קלאַסנבאַוווסטזיניקן קעמפער פאַר דער סאָציאַליסטישער באַפרייונג פון די אַרבעטנדיקע יידישע מאַסן. קעגן דער קליינלעכער באַגרענעצטקייט, וועלכע האָט אויסער דעם היינטיקן טאָג און דעם נאָענטסטן מאָרגן גאָר נישט נישט געזען, איז אין קאַמף אַרויס דער רעוואָלוציאָנערן ווילן, דער שטורמישער דראַנג צו „רעוואָלוציאָניזירן דאָס יידישע לעבן ביזן סאַמע וואָרצל״.

III.

דער שטורמישער דראנג פון יידישע ארבעטער צום באפרייונגס-קאמף האט געשאפן דעם באדן פאר דער אנטשטייונג פון א מאסן-באוועגונג פון יידישן פראלעטאריאט און פאר דער שאפונג פונם „בונד". אבער אין דער זעלביקער צייט האט דאס לעבן און דער קאמף פון יידישע ארבעטער כסדר ארויסגערוקט פארשידנארטיקע און דערהויפט אייגנארטיקע פראבלעמען, וועלכע האבן צוזאמען געבילדעט די א. ג. יידישע פראגע. צו דער דאזיקער פראגע האט דער בונד, צי ער האט יא געוואלט, צי ניט, געמוזט נעמען שטעלונג.

די ערשטע, די עיקרדיקע שאלה איז געוועזן: וואס פארא כאראקטער טראגט די יידישע פראגע? און וואס פארא דערשיינונגען שפיגלט זי זיך אפ? צי איז נויטיק חוץ דעם אלגעמיינעם אינטערנאציאנאלן סאציאליסטישן פראגראם דאס ארויסשטעלן באזונדערע יידישע ארבעטער-פאדערונגען — און אויב יא, ווי דארפן די דאזיקע פאדערונגען פארמולירט ווערן?

לאנגע יארן האט דער בונד אויסגעמיטן בכלל צו ענטפערן אויף דער פראגע. זוכנדיק אן אידעישע באגרינדונג פאר זיין באזונדערער עקזיסטענץ, פלעגט ער זיך פאררופן אויף א רעדע, וועלכע ס'האט אויף א מאי-פארזאמלונג נאך אין יאר 1895 אין ווילנע געהאלטן מארטאוו*). אין זיין רעדע האט מארטאוו צוו. אנד. געזאגט:

„אונזער בורזשואזער אינטעליגענץ פאלט גארנישט אין קאפ אריין צו טראכטן, אז דער ייד קאן אויסבעסערן זיין לאגע נאר א דאנק זיין אייגענער טעטיקייט". „אין די ערשטע יארן האבן מיר אלץ דערווארט פון דער באוועגונג פון רוסישן ארבעטער-קלאס און אויף זיך אליין האבן מיר געקוקט, ווי אויף א צוגאב צו דער אלגעמיין-רוסישער באוועגונג. אוועקשטעלנדיק די באוועגונג פון יידישן ארבעטער-קלאס אויפן צווייטן פלאן, האבן מיר זיך באצויגן מיט גרינגשעצונג צו איר פאקטישן מצב, וואס האט זיך אויסגעדריקט אין דעם, וואס מיר האבן אונזער ארבעט געפירט אין דער רוסישער שפראך".

„דאס לעבן האט אונז געצוווּנגען צו ענדערן אונזער טאקטיק... אוועקשטעלנדיק אין צענטר פון אונזער פראגראם די מאסן-באוועגונג, האבן מיר געמוזט

---

*) זי איז אין יאר 1900 דערשינען אלס א בראשור א. נ. „די נייע עטאפע יידישער ארבעטער-באוועגונג". מיר ציטירן לויט דער כרעסטאמאטיע „דער וועג צו אקטיאבר", קיעוו 1925.

צופאסן אונזער פראפאגאנדע און אגיטאציע צו דער מאסע, ד. ה. מאכן זי מער יידישער, און אין דער דאזיקער אומענדערונג זעען מיר אונזער זיג איבער יענע בליקן, וועלכע מיר האבן איבערגענומען ביי דער בורזשואזער אינטעליגענץ".

דער קאמף פון רוסישן ארבעטער-קלאס איז זייער שווער און ס'קאן געשען, אז אין דעם קאמף וועט ער מוזן ברענגען פאר א קרבן געוויסע פאדערונגען. אין אזא פאל וועט ער פריער פאר אלץ ברענגען פאר א קרבן אזעלכע פאדערונגען, וועלכע זענען נוגע אויסשליסלעך צו יידן". יידישע ארבעטער דארפן דאס גארנישט פאראיבל נעמען דעם רוסישן ארבעטער, ווייל „יענער קלאס איז נישט ווערט די פרייהייט, וועלכער קען זי אליין נישט אויסקעמפן". ווען דער יידישער פראלעטאריאט וועט זיין ארגאניזירט, וועט ער צוזאמען מיט אנדערע ארבעטער דערגרייכן זיין באפרייונג.

„אט פארוואס מיר דארפן אנטשלאסן אנערקענען אז אונזער ציל, דער ציל פון די יידישע סאציאל-דע. מאקראטן, וועלכע ארבעטן אין דער יידישער סביבה, באשטייט אין דעם, מיר זאלן ספעציעל שאפן א יידישע ארבעטער-ארגאניזאציע".

מען דארף פונדעסטוועגן נישט מורא האבן, אז דאס קאן פירן צום נאציאנאליזם, ווייל:

„אן ארבעטער-קלאס, וואס איז צופרידן מיטן גורל פון א נידעריקער נאציע — אזא ארבעטער-קלאס וועט אויך נישט אויפשטיין קעגן דעם גורל פון א נידעריקן קלאס. די נאציאנאלע פאסיוויטעט פון דער יידישער מאסע איז דעריבער א שטערעניש אויך פאר דער אויפוואכונג פון קלאסן-באוווסטזיין. און די אויפוואכונג פונם נאציאנאלן און קלאסן-באוווסטזיין דארף גיין האנט ביי האנט".

מארטאווס רעדע איז א באווייז, אז אונטערן דרוק פון דער יידישער ארבעטער-ווירקלעכקייט האט שוין צו יענער צייט א טייל פון דער יידישער סאציאליסטישער אינטעליגענץ דערפילט די נויטווענדיקייט צו שאפן א באזונדערע מאסן-באוועגונג, וועלכע זאל געבן אן אויסדרוק דעם דראנג פון די יידישע ארבעטער צו זעלבסטאקטיוויטעט. אין דעם דאזיקן דראנג צו זעלבסטאקטיוויטעט האט מארטאוו געזען א רעוואלוציאנערן כוח אין קעגנזאץ צו די שטימונגען פון פאסיווקייט און גרינגשעצונג צו די יידישע מאסן, וועלכע זענען געווען פארשפרייט צווישן דער אסימילאטארישער אינטעליגענץ

מאַרטאָוו האָט מער אינסטינקטיוו, ווי באַוווסטזיניק פאַרשטאַנען, אַז דער קלאַסן-קאַמף מוז אויפוועקן די שטרעבונג צו נאַציאָנאַלער באַפרייונג. מען מוז זיך דעריבער רעכענען מיט די „באַזונדערע אייגנשאַפטן" פון דער יידישער אַרבעטער-באַוועגונג און „די ספּעציפישע באַדינגונגען, אין וועלכע ס'איז אויפגעשטעלט געוואָרן דער יידישער אַרבעטער-קלאַס". מיר האָבן געזאָגט, אַז ביי מאַרטאָוון איז דאָס מערער געווען אַ רעזולטאַט פון אינסטינקטיוון דערפילן, ווי פון קלאָרער באַוווסטזיניקער אָפּשאַצונג. חוץ שפּראַך זעט ער נישט קיין שום באַזונדערן סימן פון „ספּעציפישע באַדינגונגען" פון יידישן אַרבעטער-קאַמף. ער האָט אָבער אין דער פּאָזיטיווער באַציונג צו די נאַציאָנאַלע שטרעבונגען פון די יידישע אַרבעטער-מאַסן געזען אַ וויכטיקן מיטל צו הייבן דאָס קלאַסנבאַוווסטזיין פון דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט.

דער בונד פלעגט זיך פאַררופן אויף מאַרטאָווס רעדע, ווי אויף אַ יחוס-בריוו, וואָס האָט געדאַרפט באַרעכטיקן די עקזיסטענץ פונם בונד. ס'איז אָבער כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם אָפּאָרטוניזם פון בונד, אַז אים אַליין האָט געפעלט דער מוט צו זאָגן אַפילו דאָס, וואָס עס האָט שוין צוויי יאָר פאַר דער גרינדונג פונם בונד געזאָגט מאַרטאָוו.

אָט ליגט פאַר אונז אַ בונדישע אויסגאַבע א. נ. „געשיכטע פון דער יידישער אַרבעטער-באַוועגונג אין ליטע, פוילן און רוסלאַנד"*). לעזן מ'ר דאָרט מכוח דער אַרבעט פונם ע ר ש ט ן בונדישן צוזאַמענפאָר פאָלגנדע ווערטער:

„די באַדערפעניש אין אַ באַזונדערער יידישער אַרבעטער-אָרגאַניזאַציע האָט מען מאָטיווירט מיט די באַזונדערע אינטערעסן פון יידישן פּראָלעטאַריאַט, וועלכע נויטיקן זיך אין ספּעציעלער פאַרטיידיקונג. די דאָזיקע ספּעציעלע אינטערעסן זענען: די נויטווענדיקייט אָפּצושאַפן די אויסנאַם געזעצן קעגן די יידן אין דער רוסישער מלוכה און די באַדערפעניש אין זשאַרגאָנישער ליטעראַטור".

דאָס איז אַלץ, וואָס עס האָט צו זאָגן אין זיינע ערשטע יאָרן דער בונד וועגן דער יידישער פראַגע. קיין רמז נישט אויף דער עקזיסטענץ פון אַ יידישער נאַציע, קיין וואָרט נישט וועגן די נאַציאָנאַלע פרייהייט-שטרעבונגען פון די יידישע מאַסן, קיין סימן נישט פון די באַזונדערע באַדינגונגען פאַרן קלאַסן-קאַמף אין דער יידישער סביבה. אַפילו צו מאַרטאָווס דערקענטניש זענען די גרינדער פון בונד נישט דערוואַקסן. אַלץ הייבט זיך אָן און שעפּט זיך אויס מיט די צאַרישע אויסנאַם-געזעצן און דער „באַדערפעניש אין „זשאַרגאָנישער" ליטעראַטור".

---

*) פּוילישע אויסגאַבע, 1902, ז. 33.

רעדנדיק וועגן זיין גרינדונגס-צוזאַמענפאָר מיט 5 יאָר שפּעטער, ווייסט דער בונד, אַז מיט אַזעלכע מאַטיוון קאָן מען בשום אופן נישט באַרעכטיקן זיין עקזיסטענץ. דער בונדישער צ. ק. פילט, אַז מען מוז זוכן נאָך אַנדערע מאַטיוון, ער זעט אָבער נישט קיין אַנדערע און ער דרייט זיך אַרויס מיט פאָלגנדער באַמערקונג צו די אויבנציטירטע ווערטער פון דער בונדישער געשיכטלעכער בראַשור:

„מיר האַלטן פאַר איבעריק איבערצוחזרן אַנדערע באַווייזן, מיט וועלכע מ'האָט אויפן גרינדונגס-צוזאַמענפאָר באַשטעטיקט די נויטווענדיקייט צו גרינדן אַ באַזונדערע יידישע אַרבעטער-אָרגאַניזאַציע. די דאָזיקע נויטווענדיקייט ווערט אין אַ גענוגנדיקער מאָס דערקלערט מיט דער שטרעבונג פונם פּראָלעטאַריאַט פון יעדן פאָלק און דעריבער אויך פונם יידישן צו אַ זעלבסטשטענדיקער אָנפירונג מיט זיין גורל — אַ שטרעבונג, וואָס איז איינע פון די כאַראַקטעריסטישע סימנים פון דער איצטיקער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער-באַוועגונג".

אַלזאָ, ווידער אַ דערקלערונג, וועלכע דערקלערט גאָרנישט, אַ פעסטשטעלונג פון אַ געשעענעם פאַקט, אָבער נישט קיין מאַרקסיסטישע פעסטשטעלונג פון סיבות, וועלכע האָבן די טאַטזאַך צום לעבן גערופן און באַגרינדן איר נויטווענדיקייט. דער חטא פונם שמאָלן פּראַקטיציזם, מיט וועלכן דער בונד איז געבוירן געוואָרן, האָט זיך נוקם געווען אָן אים. ער איז נישט פעיק אַריינצודרינגען אַפילו אין דער קלענסטער מאָס טיפער אין די סיבות און וואָרצלען פון קאָנקרעטע דערשיינונגען.

צווישן די יידישע מאַסן איז אָבער געוואַקסן דאָס קלאַסן-באַוווסטזיין, עס איז אויפגעטרייסלט געוואָרן דער קאַמף- און שאַפונגס-ווילן און די זעלבסטאַקטיוויטעט פון די מאַסן. דאָס האָט אָבער געמוזט פירן דערצו, אַז די נאַציאָנאַלע פּראַגע זאָל שטיין אין אַ אַלץ שאַרפערער און מער דרינגנדער פאָרם פאַרן קעמפנדיקן יידישן פּראָלעטאַריאַט. און אין דערזעלבער צייט איז אויך אַלץ שווערער געוואָרן די לאַגע פונם בונד אין דער אַלגעמיינער רוסלענדישער ס. ד. פּאַרטיי.

אויפן גרינדונגס-צוזאַמענפאָר פון דער רוסל. ס. ד. פּאַרטיי (1898), ווען די דאָזיקע פּאַרטיי האָט קיום געשטעלט אירע ערשטע אָרגאַניזירטע שריט האָט זיך געקאָנט דעם בונד איינגעבן דורכצופירן אַ באַשלוס, אַז ער גייט אַריין אין דער רוסלענדישער ס. ד. אַלס אַן אויטאָנאָמע אָרגאַניזאַציע, וועלכע איז „אומאָפּהענגיק אין יענע פּראַגן, וועלכע זענען נוגע אויסשליסלעך דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט" און דערביי זאָל נישט געזאָגט ווערן, וועלכע זענען עס דידאָזיקע פּראַגן. דאָס איז מעגלעך געווען אויך דערפאַר, ווייל וועגן דער נאַציאָנאַלער פּראַגע בכלל האָט

דער ס. ד. צוזאַמענפאָר אָנגענומען אַ גאַנץ אומקלאָרן, אַלגעמיינעם באַשלוס: „די פּאַרטיי אָנערקענט פאַר יעדער נאַציע דאָס רעכט אויף זעלבסטבאַשטי-מונג". וואָס מערער ס'איז אָבער געוואַקסן די ווירקונג פון דער ס. ד. אויף די מאַסן, אַלץ דרינגנדער איז געוואָרן צו געבן אַ קלאָרן אויסשעפּנדיקן ענטפער אויף אַלע פראַגן און אויך אויף דער נאַציאָנאַלער. עס איז דערפאַר אויך נויטיק געוואָרן קלאָר צו באַשטימען דעם אָרט און די רעכט פונם בונד אין דער אַלגעמיינער פּאַרטיי.

פאַרן בונד איז שאַרף אַוועקגעשטעלט געוואָרן די נאַציאָנאַלע פראַגע און האָט געמאָנט אומרחמנותדיק אַ פאַרענטפערונג.

IV.

איז די דאָזיקע פראַגע געשטעלט געוואָרן צום ערשטן מאָל אויפן 3-טן צוזאַמענפאָר פון בונד אין יאָר 1899. דער רעפערענט צו דער דאָזיקער פראַ-גע האָט געהאַלטן, אַז די פראַגע פון ספּעציפישע פאָדערונגען פון יידישן פּראָלעטאַריאַט שטעלט די רוסישע ס. ד. צו שמאָל, אַז נאָך דער אָפּשאַפונג פון דער זעלבסטהערשאַפט קאָנען טייל פּאָליטישע פראַגן פון ערשט-קלאַסיק באַטייט בלייבן פאַר די יידישע אַרבעטער אַ טויטער בוכשטאַב, ווען עס וועט זיי נישט גאַראַנטירט ווערן די נ אַ צ י אָ נ אַ ל ע גלייכבאַרעכטיקונג: פרייהייט פון שפּראַך, ליטעראַטור א. ד. גל. דער יידישער פּראָלעטאַריאַט... מוז פאָדערן נישט נאָך גלייכע בירגערלעכע, נאָר אויך גלייכע נאַציאָנאַלע רעכט.*)

דער צוזאַמענפאָר פון בונד האָט אָבער אָ פּ ג ע וו אָ ר פ ן די שטעלונג-ווייל „זי קאָן אָפּציען די אויפמערקזאַמקייט פונם פּראָלעטאַריאַט פון זיינע קלאַסן-אינטערעסן אין דער זייט פון נאַציאָנאַלע אינטערעסן", „זי קאָן פאַר-טונקלען דעם קלאַסן-באַוווסטזיין פונם יידישן פּראָלעטאַריאַט און... דערפירן צום שאָוויניזם". דער צוזאַמענפאָר האָט דעריבער פעסטגעשטעלט, אַז דער בונד רוקט אַרויס „נאָר די פאָדערונג פון בירגערלעכער און נישט פון נאַ-ציאָנאַלער גלייכבאַרעכטיקונג".

דאָס לעבן האָט אָבער נישט צו רו געלאָזט דעם בונד. אויפן 4-טן צוזאַ-מענפאָר אין יאָר 1901 איז די „פאַרשאָלטענע" פראַגע ווידער אויפגעשווומען. דער צוזאַמענפאָר האָט אָנערקענט, אַז נאַציאָנאַליטעטן-מלוכות, ווי רוסלאַנד, דאַרפן

„איבערגעבילדעט ווערן אין אַ פעדעראַציע פון נאַציאָנאַליטעטן.
מיט אַ פולשטענדיקער נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע פון יעטוועדער נאַ-ציע, אומאָפּהענגיק פון דער טעריטאָריע, וועלכע זי באַוווינט."

*) זייט 40-41 פון דער ציטירטער פּוילישער בראָשור.

ענדלעך האָט זיך אויך דער צוזאַמענפאָר דעצידירט פעסטצושטעלן.
„אַז דער באַגריף „נאַציאָנאַליטעט" איז צוגעפּאַסט צום יידישן פאָלק".

אָבער דאָ קומט אַן איבעררעשונג, וועלכע איז אַ קלאַסישע אָפּשפּיגלונג פון דער בונדישער אָפּאָרטוניסטישער פחדנות צו דערזאָגן ביזן סוף און צו קוקן ווייטער פונם סאַמע נאָענטסטן טאָג. פעסטשטעלנדיק אַ באַשטימטן פּרינציפּ פאַר דער לעזונג פון דער נאַציאָנאַלער פראַגע און אָנערקענענדיק די יידן פאַר אַ נאַציע, האָט דאָך דער בונד געדאַרפט דעם פּרינציפּ אָנווענדן אויך לגבי די יידן. אָבער דער בונד האָט זיך פאַר אַזאַ „רעוואָלוציאָנערן" אויספיר דערשראָקן. ער האָט געמאַכט אַ שריט און איז געבליבן אַ צוטומלטער, אַ צומישטער.

דער צוזאַמענפאָר האָט דערקלערט, אַז ער האַלט „פאַר פריצייטיק" דאָס אַרויסשטעלן דעם לאָזונג פון נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע פאַר יידן און ער געפינט:

„אַז עס איז גענוג צו קעמפן פאַר דער אָפּשאַפונג פון אַלע אויסנאַם-געזעצן קעגן די יידן, אָנווייזן אויף די דערשייַנונגען פון דער אונטערדריקונג פון דער יידישער נאַציאָנאַליטעט, פּראָטעסטירן קעגן זיי"...

„אַ שריט פאָרויס און צוויי צוריק", ווי עס זאָגט דאָס באַרימטע וואָרט פון לענינען וועגן אָפּאָרטוניזם און מענשעוויזם. אין רעזולטאַט איז אין יאָר 1901 געבליבן ווי אין יאָר 1897 די יידישע פראַגע רעדוצירט צום קאַמף קעגן צאַרישע אויסנאַם-געזעצן. קיין האָר נישט מער.

ערשט אויפן 6-טן צוזאַמענפאָר אין יאָר 1905, ווען ס'האָבן געשטורעמט די כוואַליעס פון רעוואָלוציע און די יידישע אַרבעטער-גאַס איז צוליב דער בונדישער גלייכגילטיקייט און אָפּאָרטוניסטישער בלינדקייט געוואָרן אַ אַרענע פון קאַמף פון נייע טעריטאָריאַליסטישע שטרעבונגען און פאַרטייען קעגן דעם בונד, ווען די ווירקלעכקייט האָט זיך דורך טיר און פענסטער אַרייַנגעריסן און די ענגע, דושנע חדרים פונם בונד, ערשט דאַן האָט

„פאָרמולירט דער 6-טער צוזאַמענפאָר פון בונד, זייענדיק בכלל איינשטימיק מיט דער פּאָזיציע, אויף וועלכער דער 4-טער צוזאַמענפאָר האָט זיך געשטעלט מיט דער רעזאָלוציע וועגן דיזער (נאַציאָנאַלער — נ. ב.) פראַגע, די פּראָגראַם פון בונד אין דער יידישער נאַציאָנאַלער פראַגע אין פאָלגנדע פונקטן:

1) פולע בירגערלעכע און פּאָליטישע גלייכבאַרעכטיקונג פאַר יידן;

2) אַ מעגלעכקייט פאַר דער יידישער באַפעלקערונג, גאַראַנטירט דורכן געזעץ צו באַנוצן די אייגענע שפראַך אין די אויפטראָגן מיט

דעם געריכט און מיט די איינריכטונגען, ווי פון דער מלוכה, אזוי אויך אָרטיקער און טעריטאָריאַלער זעלבסטפאַרוואַלטונג;

3) נאַציאָנאַל-קולטורעלע אויטאָנאָמיע"*).

גאַנצע צען יאָר האָט געדויערט ביז דער בונד איז געקומען אפילו צו דעם פאַלשן, נישט מאַרקסיסטישן אויספיר, אַז דער אינהאַלט פון דער יידישער נאַציאָנאַלער פראַגע באַשטייט נאָר אין אַ פראַגע פון שפּראַך, קולטור, בילדונג וכדומה, וואָס דער ענטפער אויף זיי איז נאַציאָנאַל-קולטורעלע אויטאָנאָמיע. אָבער אפילו צו דעם אויספיר איז געקומען דער בונד נישט דורך אייגענער טעאָרעטישער אַרבעט. ווער ווייסט, ווי לאַנג עס וואָלט געווען נאָך געדויערט דער גלות פון דער נאַציאָנאַלער פראַגע ביים בונד, ווען גראָד פאַרן 4-טן צוזאַמענפאָר וואָלט אים נישט צוהילף געקומען... די עסטרייכישע ס. ד. אַט, וואָס עס שרייבט וועגן דעם אַ בונדישער „געשיכטע-שרייבער":**)

„געפונען פאַר איר (פאַר דער נאַציאָנאַלער פראַגע — נ. ב.) אַ לעזונג אין דעם ליכט פון דער פּראָלעטאַרישער וועלט-אַנשויונג... איז נישט געווען אַזאַ לייכטע אויפגאַבע. מיט דער דאָזיקער פראַגע האָט זיך דעמאָלט שוין באַשעפטיקט די עסטרייכישע סאָציאַל-דעמאָקראַטיע... אויפן קאָנגרעס פון דער עסטרייכישער ס. ד. אין ברין (1899) איז שוין אָנגענומען געוואָרן אַ גענויער פּראָגראַם וועגן נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע. דאָס אַלץ האָט געשאַפן אויך פאַרן בונד די מעגלעכקייט פון אָננעמען אַ נאַציאָנאַלן פּראָגראַם."

אויסער די צאַרישע אויסנאַם-געזעצן און דער יידישער שפּראַך האָט דער בונד נישט געזען קיין שום אייגנאַרטיקייטן אין יידישן אַרבעטער-לעבן. ביי אים איז אויסגעקומען, אַז די יידישע נאַציאָנאַלע פראַגע אונטערשיידעט זיך נישט אין תוך מיט גאָרנישט פון דער נאַציאָנאַלער פראַגע ביי אַנדערע אונטערדריקטע פעלקער און דערביי איז קולטורעלע אויטאָנאָמיע אַן אַלגעמיינע רפואה פאַר דער נאַציאָנאַלער „קרענק". די אַנטי-מאַרקסיסטישע באַציונג פונם בונד צו דער יידישער פראַגע האָט אים דאָ געמוזט ברענגען צו אויסגעשפּראָכן-רעאַקציאָנערע אויספירן. נישט קענענדיק פאַרשטיין דעם באַזונדערן כאַראַקטער פון דער יידישער פראַגע, האָט דער בונד געוואָלט אַלע אונטערדריקטע פעלקער, אָן חילוק אין וואָס פאַראַ קאָנקרעטער לאַגע זיי

---

*) וו. מעדעם: „די נאַציאָנאַלע פראַגע און די סאָציאַל-דעמאָקראַטיע" ווילנע 1906, זייט 64.

**) וו. שולמאַן: „בלעטלעך געשיכטע פון דער יידישער אַרבעטער-באַוועגונג", וואַרשע 1929 ז' 49-50.

האָבן זיך געפונען, אָנוואָרפן זיין לאָזונג און לעזונג פאַר דער נאַציאָנאַלער פראַגע.

דעריבער איז דער בונד אַרויסגעטרעטן קעגן דעם לאָזונג פון דער אומאָפּהענגיקייט פון פוילן א. ד. גל. „מאַכן דיזע פאָדערונג פאַר אַ פונקט פון פראָגראַם — דאָס איז אַ ריזיקע־זאַך"*) — האָט געשריבן מעדעם. לויט אים באַשטייט דער תוך פון דעם נאַציאָנאַלן פּראָבלעם [אין „דער פראַגע וועגן רעגולירן די נאַציאָנאַלע באַציונגען אין דער מלוכה גופא". די פראַגע „דערלאָזט און פאָדערט אַפילו פון דעם פראָגראַם אַ באַשטימטן דייטלעכן ענטפער" און דער ענטפער איז „דער „אייגנטלעכער נאַציאָנאַלער פראַגע אין איר ריינער געשטאַלט" איז די נאַציאָנאַלע קולטורעלע אויטאָנאָמיע. אויף אַן אַבסטראַקטן, סכאָלאַסטישן אופן האָט דער בונד געוואָלט פאַרענט־פערן די נאַציאָנאַלע פראַגע. דעריבער האָט ער זיך אַזוי אָנגעכאַפּט אין דעם ברינער באַשלוס פון דער עסטרייכישער ס. ד., וועלכע האָט דורך איר אָפּאָר־טוניסטישן פראָגראַם אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע געוואָלט ראַטעווען די פאַרשימלטע און צעפוילטע האַבסבורגער מאָנאַרכיע, וואָס איז באַדראָט גע־וואָרן מיט אונטערגאַנג דורכן אויפגעוואַכטן קאַמף פון די פעלקער פאַר זייער נאַציאָנאַלער פרייהייט און אומאָפּהענגיקייט.

מיר האָבן שוין באַטאָנט, אַז די נאַציאָנאַלע פראַגע איז פאַרן בונד געשטעלט געוואָרן נישט נאָר אונטערן דרוק פון די יידישע אַרבעטער־מאַסן, נאָר אויך צוליב זיין לאַגע אין דער רוסלענדישער ס. ד, פּאַרטיי. דער 5־טער צוזאַמענפאָר פון בונד האָט אויסגעאַרבעט פאַרן 2־טן רוסלענדישן פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר אַ פּראָיעקט וועגן די באַציונגען צווישן בונד און דער רוסלע־נדישער פּאַרטיי. דער באַשלוס זאָגט:

„דער בונד איז אַ ס.ד. אָרגאַניזאַציע פון יידישן פּראָלעטאַריאַט, וועלכע איז נישט באַגרעניצט אין איר טעטיקייט מיט קליינע ראַיאָנע גרענעצן און גייט אַריין אין דער פּאַרטיי, אַלס דער א י י נ צ י ק ע ר פ אָ ר ש ט י י ע ר פון יידישן פּראָלעטאַריאַט."

„דאָס פּראָגראַם פון בונד איז דאָס אַלגעמיינע פּאַרטיי־פּראָגראַם. אין די פראַגן, וועלכע ווערן אַרויסגערופן דורך דער באַזונדערער לאַגע און דורך די סאָציאַלע פאַרהעלטנישן אין יידישן פאָלק — האָט דער בונד דאָס רעכט צו דערפילן דעם פּראָגראַם מיט ספּעציעלע פונקטן, וועלכע ווידערשפּרעכן נישט דעם פּראָגראַם פון דער פּאַרטיי."

ווי מיר זעען, האָט דער בונד ווידער נישט געקאָנט אויסקשטעלן אַ קאָנקרעטן נאַציאָנאַלן פּראָגראַם פאַר יידישע אַרבעטער, ער האָט נישט קיין מאָ־

*) נאַצ. פראַגע און סאָצ. דעמ., ז. 37.

טיוון פאַר דערווייזן, פון וואַנען נעמט זיך זיין באַזונדערע לאַגע, פאַרוואָס דאַרף זיין אַרבעט נישט באַגרעניצט ווערן מיט קיינע ראַיאָנען און פאַרוואָס דאַרף ער זיין דער איינציקער פאַרשטייער פון יידישן אַרבעטער אין דער פאַרטיי.

די גייסטיקע אימפּאָטענץ פון בונד האָבן אויסגענוצט די קעגנער פון בונד אין דער ס.ד. (די אַסימילאַטאָרישע פאַרלויפער פון דער „יעווסעקציע"). זיי זענען מיט לענינען בראש אַרויס מיט זייער גאַנצער טעאָרעטישער אַרטי-לעריע. אָבער דער בונד האָט געמוזט ווייכן פון קאַמף-פעלד.

„אין זייער פּאָלעמיק מיט „איסקראַ" — שרייבט וו. שולמאַן — האָבן די בונדיסטן... מער געוויכט געלייגט אויף די קאָנקרעטע אָר-גאַניזאַטאָרישע פאָדערונגען, וואָס שטאַמען פון זייער גרונט-פּאָזיציע פון בונד אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע, און זיך נישט געלאָזט פאַרשלעפּן אין די געדיכטעניש פון די היסטאָריש-פילאָזאָפישע חקירות וועגן מהות פון אַ נאַציע און צי זענען די יידן אַ נאַציע."*)

דער בונד איז נישט פּשוט געווען אויפגענומען אַ שלאַכט אויפן טעאָ-רעטיש-אידעאישן געביט, דעריבער איז זיין פּאָזיציע אין פאָרויס געווען אַ פאַר-שפּילטע. צווישן וועלכע סתירות ס'האָט געבלאָנדזשעט דער בונד דערווייזט בולט די שטעלונג פון זיין דעלעגאַציע אויפן צווייטן ס. ד. צוזאַמענפאָר. הגם פאַרן בונד האָט זיך צו יענער צייט די גאַנצע יידישע פראַגע אָנגע-הויבן און געענדיקט מיט צאַרישע באַגרענצונגען און „זשאַרגאָן". האָט אָבער דער בונדיסט ל י ב ע ר אויפן צוזאַמענפאָר געמוזט אָנקומען צו שטאַרקערע אַרגומענטן, וועלכע קלינגען, ווי אויסגעליענע ביי די טעריטאָריאַליסטן.

„באַגרינדן די נויטיקייט פון אַ באַזונדערער אָרגאַניזאַציע פאַרן יידישן פּראָלעטאַריאַט מיט דער שפּראַך — איז אַן אומזין. צוליב דעם איז דער בונד נישט נויטיק."

דער בונד איז נויטיק:

„צוליב די ספּעציעל שווערע רעכטלעכע באַדינגונגען, אין וועל-כע ס'לעבט דער יידישער פּראָלעטאַריאַט, אומאָפּהענגיק פון דער שפּראַך, אין וועלכער ער רעדט. און צווייטנס דערפאַר, וואָס די סאָ-ציאַלע פאַרהעלטנישן אין יידישן פאָלק זענען גאַנץ אייגנאַרטיקע, אַזוי למשל זענען ביי יידן נישט פאַראַן קיין אַדל-קלאַס, קיין גוט-באַזיצער און קיין פויערטום."**)

וועלנדיק פאַרטיידיקן דעם „פּראָגראַם" פון בונד האָט ליבער געמוזט

---

*) „בלעטלעך געשיכטע פון דער ייד. אַרבעטער-באַוועגונג", ז. 86.

**) ציטירט לויט „דער וועג צו אָקטיאַבער", ז' 86.

דעם דאָזיקן „פּראָגראַם" איינגאַנצן פאַרלייקענען. אָבער שוין אין דעם אויפרוף צו די יידישע אַרבעטער וועגן זיין אַרויסטריט פון דער פּאַרטיי (צוליב דעם אָפּוואַרפן דעם בונדישן אָרגאַניזאַציע-פּרינציפּ דורכן 2-טן צוזאַמענפאָר), קערט זיך אום דער בונד צו זיין פריערדיקער פּאָזיציע און ער באַרעכטיקט זיין עקזיסטענץ מיט „פּסיכאָלאָגישע באַדינגונגען, וועלכע זענען באַשאַפן דורך דעם גאַנג פון דער 2000-יאָריקער געשיכטע פון די יידישע רדיפות און פאַרפאָלגונגען", „היסטאָריש-אויסגעוואַקסענער פאַראַכטונג צום יידן", „באַזונדערע היסטאָרישע טראַדיציעס" און אַ „באַזונדערע פּסיכאָלאָגיע פון יידישע אַרבעטער."*)

דאָס ביסל פּוסטע פראַזן איז אַלץ, וואָס האָט געדאַרפט באַגייסטערן דעם יידישן אַרבעטער צום קאַמף פאַר דער בונדישער שטעלונג. דער יידישער אַרבעטער האָט אָבער דערפון נישט געקאָנט באַגייסטערט ווערן. אַלץ שטאַרקער זענען געוואָרן יענע כּחות אויף דער יידישער אַרבעטער-גאַס, וועלכע האָבן געשטורעמט די בונדישע פּאָזיציעס. דער בונד האָט זיך געפילט אַלץ הילפלאָזער און אויף זיין 7-טן צוזאַמענפאָר האָט ער קאַפּיטולירט פאַר דער ס. ד. פּאַרטיי, אָננעמענדיק די פאַרייניקונגס-באַדינגונגען פונם 4-טן ס. ד. צוזאַמענפאָר, אין וועלכע ס'איז אָפּגענומען געוואָרן ביים בונד דאָס רעכט צו זיין דער איינציקער פאָרשטייער פון יידישע אַרבעטער, די בונדישע זעלבשטענדיקייט איז באַגרענעצט געוואָרן צו פראַגן פון אַגיטאַציע, פּראָפּאַגאַנדע און אָרגאַניזאַציע (אַלזאָ, נישט קיין סאַך מערער, ווי „זשאַרגאָנישע" אַרבעט) און די פראַגע פון נאַציאָנאַלן פּראָגראַם איז געבליבן אָפן ד. ה., אַז ס'איז נישט אָנערקענט געוואָרן דער בונדישער פּראָגראַם פון נאַציאָנאַלער קולטורעלער אויטאָנאָמיע.

די קאַפּיטולאַציע פון בונד איז געווען אַן אומפאַרמיידלעכע דערשיינונג.

דער בונד האָט נישט געהאַט מיט וואָס צו פאַרטיידיקן זיין פּראָגראַם. ער איז ביז דעם לעצטן מאָמענט געבליבן אַן אומווויסנדיקער בנוגע דער יידישער פראַגע, אַ נייטראַליסטישער. אין דער שוין דערמאָנטער בראָשור וועגן דער „געשיכטע פון יידישער אַרבעטער-באַוועגונג אין ליטע, פוילן און רוסלאַנד", וועלכע איז דערשינען אין יאָר 1902, האָט דער בונד נאָך אַלץ נישט געוווסט, וואָס וועט זיין מיט „זשאַרגאָן":

„וואָס ווייסן מיר וועגן זשאַרגאָן? מיר ווייטן נאָר דאָס, אַז איצט איז ער די שפּראַך פון דער יידישער אַרבעטער-מאַסע... אָבער מיר ווייסן נישט און מיר קענען נישט ווייסן, וואָס פאַרא ראָל וועט ער

*) „דער וועג צו אָקטיאַבער" ז. 95-96.

שפּילן אין יידישן אַרבעטער־לעבן, ווען אויפן אָרט פון דעם צאַרישן דעספּאָטיזם וועט קומען די קאָנסטיטוציע" (זייט 69).

איז דאָס נישט אַ רעקאָרד פון קורצזיכטיקייט און נייטראַליזם? דיזעלביקע בראָשור באַרימט זיך, אַז די יידישע פאָדערונגען בילדן נאָר דעם נעגאַטיוון טייל פון בונדישן פּראָגראַם און זיין פּאָזיטיווער טייל „פאַרמאָגט אין זיך גאָרנישט ספּעציפיש־יידישעס" און זי האַלט פאַר דער גרעסטער מעלה פונם בונד, וואָס ער איז אַ „פּראַקטישע פּאַרטיי" און שטיצט נישט זיין פּראָגראַם אויף „פּראָוויזאָרישע פון דער צוקונפט."

אָט אַ דער דאָזיקער כאַראַקטעריסטישער שטריך פון בונדישער אידעענלאָזיקייט האָט געפירט דערצו, אַז פּאַרטייידיקנדיק די בונדישע קולטורעלע אויטאָנאָמיע שוין אין יאָר 1906 האָט וו. מעדעם נאָך אַלץ נישט געוווסט, וואָס איז די פּערספּעקטיוו: עקזיסטענץ פון אַ יידישער נאַציע, אָדער אַסימילאַציע.

„זאָל זיין — האָט ער געשריבן — אַז די געשיכטע האָט גוזר געווען, אַז די יידן דאַרפן זיך אַסימילירן צווישן אַנדערע פעלקער. מיר פון אונזער צד וועלן נישט לייגן קיין כוחות נישט אויף אָפּצוהאַלטן דיזן פּראָצעס, נישט אויף איינצוהאַלטן אים. מיר מישן זיך נישט אין דעם. מיר זענען נייטראַל".*)

אָט איז דער קווינטעסענץ פון דער בונדישער חכמה אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע. אָט איז דער העכסטער שטאַפּל פון דער אידעישער אַנטוויקלונג, צו וועלכער דער בונד איז דערגאַנגען אין יאָר 1906. מיר ווייסן נישט— האָט געמענהט דער 1-טער צוזאַמענפאָר פון בונד. מיר זענען נייטראַל — האָט געשריבן דער בונדישער פירער נאָכן 6-טן צוזאַמענפאָר פון בונד.

V.

אַנדערש, ווי דער בונד, האָבן געפּרוווט פאָרענטפערן די יידישע פראַגע די רוסל. ס. ד. אַ. פּ. און די פּוילישע ס. ד., וואָס זייערע אומבאַדייטנדע יידישע ראַיאָנען און גרופן דאַרפן באַטראַכט ווערן פאַר די פּיאָנערן פון דער היינטיקער „יעווסעקציע". ביי זיי איז גאָר קיין ספק נישט געווען, אַז אַ ס י מ י ל אַ צ י ע איז דער איינציקער ריכטיקער פּראָגראַם פאַר דער אַנטוויקלונג פון די יידישע מאַסן. גיכער, ווי דער בונד, האָבן די ס. ד. פאַרשטאַנען, אַז ביים באַטראַכטן די נאַציאָנאַלע פראַגע מוזן גענומען ווערן אין אַכט די עקאָנאָמישע מאָמענטן. אָבער זיי פלעגן דאָס טון זייער

*) נאַצ. פראַגע און די ס. ד., ז. 24.

אויבנאויפיק, אָן שום פאַרשטענדניש פאַר די באַזונדערע דערשיינונגען אינ'ם עקאָנאָמישן לעבן פון דער יידישער מאַסע און נאָך גיכער פלעגן זיי זיך באַנוגענען מיט באַטראַכטן די יידישע פראַגע פונקט, ווי דער בונד אין זיינע ערשטע יאָרן, בלויז פונם שטאַנדפונקט פון רעכטלאָזיקייט און „זשאַרגאָן".

נאָך דעם, ווי דער בונד איז אַרויסגעטרעטן פון דער רוסל. ס. ד. אַ. פּ. איז געשאַפן געוואָרן דער „צפון-מערבדיקער קאָמיטעט פון דער ר. ס. ד. אַ. פּ.", וועלכע האָט אויפגענומען דעם קאַמף קעגן בונד צווישן יידישע אַרבעטער.

אין דער מעלדונג וועגן דער גרינדונג פון „צפון־מערבדיקן קאָמיטעט" (יוני 1904) הערן מיר גאָר שאַרפע ווערטער קעגן דעם בונדישן „סעפּאַראַטיזם".

„דער פּראַקטיציזם פון בונד — זאָגט די מעלדונג — האָט מיט זיי (מיט די פירער פון בונד) געטריבן בייזע קאַטאָוועס. אין זיין שטרעבונג איינצוזויגן אין זיין אָרגאַניזאַציע אַלע אָפּאָזיציאָנעלע עלעמענטן פונם יידנטום, קעמפנדיק מיט די ציוניסטישע און נאַציאָנאַליסטישע עלעמענטן, האָט דער בונד אָנגעהויבן דורכגעדרונגען צו ווערן מיט זייער גייסט און שטימונג... אין די טעאָרעטישע באַגרינדונגען און באַווייזן פון די פירער פונם בונד, אין זייער פאַרטיידיקונג פון די נאַציאָנאַלע און פעדעראַטיווע שטרעמונגען האָבן זיך צונויפגעמישט די נאַציאָנאַל־דעמאָקראַטישע און סאָציאַל־דעמאָקראַטישע לאָגיק".

דער „צפון־מערבדיקער קאָמיטעט" איז אויך אַרויס אין שלאַכט קעגן ציוניזם, וועלכער איז:

„אַ פּראָדוקט פון פאַרצווייפלונג, אַ רעשט פון דער אַלטער פאַרגאַנגענהייט... (און) פאַרשטעלט די ווירקלעך בויטיקע אינטערעסן, פאַראַליזירט דעם קאַמף"

עס טויגן אַלזאָ נישט דער בונדיזם און נישט ציוניזם. וואָס־זשע פאַר אַ לייזונג פון דער יידישער אַרבעטער־פראַגע זעט פאַר דער צפון־מערבדיקער קאָמיטעט, וועלכער האַלט נישט פון „פּראַקטיציזם" און וויל כלומרשט זיין טיפער? ער זעט נישט קיין שום באַזונדערע שוועריקייטן אין דער יידישער פראַגע. זי קען געלייזט ווערן מיט דיזעלביקע מיטלען, ווי די נאַציאָנאַלע פראַגע פון די אַנדערע פעלקער. שטיצנדיק זיך אויף די פּונקטן פונם פּראָגראַם פון דער רוסלענדישער ס. ד.*), וועלכע האָבן אַ שייכות צו דער נאַציאָנאַלער פראַגע און גאַראַנטירן די גלייכבאַרעכטיקונג

*) באַשלאָסן אויפן 2־טן צוזאַמענפאָר.

אויפן געביט פון שפראך, שול און קולטור, ווי די נאציאנאלע זעלבסטבא־
שטימונג בכלל, זאגט די מעלדונג ווייטער:

„בלויז ער (דער קלאסן־קאמף — נ. ב.) באשטימט די אינטע־
רעסן פונם פראלעטאריאט, אלס גאנצן און אין זיין אנטוויקלונג טראגט
ער די עמאנציפאציע, פירט צו דער פארניכטונג פונם נאציאנאלן
דרוק אין אלע זיינע דערשיינונגען, צו דער פארטיידיקונג פון קול־
טור, צום פראגרעס."

אלזא, אלגעמיינע פראזן, קיין שום באהאנדלונג פון דער יידישער
ארבעטער־ווירקלעכקייט און אין בעסטן פאל ווידער דאס רעדוצירן די נא־
ציאנאלע פראגע צו קולטור. פונקט אזוי האט באהאנדלט די פראגע די
1־טע קאנפערענץ פון צפון־מערבדיקן ראיאן (1905).

נישט אנדערש שטייט די פראגע ביי די באלשעוויקעס. אין זייער
פראיעקט־רעזאלוציע צום 4־טן פארייניקונגס־צוזאמענפאר פון דער ר. ס. ד.
א. פ. וועגן די נאציאנאלע ס. ד. פארטייען דערקלערן די באלשעוויקעס:

„די פארטיי דארף פאקטיש פארזיכערן די באפרידיקונג פון אלע
פארטיי־אינטערעסן און נויטן פונם ס. ד. פראלעטאריאט פון יעדער
נאציאנאליטעט, רעכנענדיק זיך דערביי מיט זייערע קולטור־שטייגערישע
באדינגונגען."

חוץ קולטור־פראגן און זעלבסטפארשטענדלעך חוץ רעכטלעך־פאליטישע
פארמען פון אונטערדריקונג האבן אויך די באלשעוויקעס אין זייערע אפי־
ציעלע ארויסטרעטונגען נישט געזען קיין אנדערע נויטן פון די אונטערדריקטע
פעלקער בכלל און פון די יידישע מאסן בפרט.

אין דער הקדמה צום יידישן באריכט פונם 3־טן ס. ד. צוזאמענפאר
שרייבן די באלשעוויקעס:

„די יידישע ארבעטער ליידן נישט נאר פונם אלגעמיינעם עקא־
נאמישן און פאליטישן דרוק, נישט נאר פונם דרוק, וועלכע פאלט
אויף אן אומבארעכטיקטער נאציע, נאר אויך פונם דרוק, וועלכע רויבט
ביי זיי אוועק די עלעמענטארע בירגער־רעכט."

דער מחבר פון דער הקדמה טרעט ארויס קעגן דעם סעפאראטיזם
פון בונד און ברענגט צום סוף די געהעריקע סגולה פאר יידישע ארבעטער,
דהיינו: די פארטיי האט באשלאסן „ארויסצוגעבן ליטעראטור אין זשארגאן"!

אין יולי 1906 איז פארגעקומען די ערשטע יידישע קאנפערענץ פון
דער פוילישער ס. ד. (S. D. K. P. i L.). וועגן די רעזולטאטן פון דער קאנ־
פערענץ שרייבט „די רויטע פאן" נר. 3 פון יאר 1906:

„וואס ווייטער ס'איז געגאנגען די אנטוויקלונג פון דער רעוואָ־
לוציע... אלץ שטארקער האט דער יידישער פראלעטאריאט, זייענדיק

אָרגאַניזירט אין אַ פולשטענדיק אָפּגעזונדערטער פּאַרטיי, אָפּגעטיילט פון נישט־יידישן פּראָלעטאַריאַט, געמוזט פּילן די פּאָליטישע שוואַכקייט פון יידישן פּראָלעטאַריאַט... די פּאָליטישע איבערגעוויכט פון נישט־יידישן פּראָלעטאַריאַט." „דאָס איז די אורזאַך פון זייער שטרעבן זיין אונטער אַ געמיינזאַמער ס. ד. פּאַן."

די קאָנפערענץ האָט געפּאָדערט, אַז ס'זאָל געשאַפן ווערן אַ „צענטראַלע איינריכטונג, וואָס זאָל אָנפירן די אַרבעט צווישן יידישע אַרבעטער", וועגן דער אָרגאַניזאַטאָרישער פראַגע האָט זי באַשטימט:

„מען מוז איבערלאָזן די באַזונדערע אָרגאַניזאַציעס — נעמענדיק אין אַכט די ספּעציעלע באַדינגונגען, אין וועלכער ס'לעבט דער יידישער פּראָלעטאַריאַט — די פרייהייט איינצואָרדנען יידישע ראַיאָנען לויט אַלגעמיינע פּאַרטיי־פּרינציפּן."

די פּוילישע ס. ד. איז, ווי מיר זעען, ווייטער געגאַנגען אין דער אָרגאַניזאַציע־פראַגע, ווי די ר. ס. ד. אַ. פּ. זי האָט געפּילט די נויטיקייט צוליב די „ספּעציעלע באַדינגונגען" פון יידישן אַרבעטער־לעבן איינצושטעלן באַזונדערע יידישע ראַיאָנען און אַ ספּעציעלע „צענטראַלע איינריכטונג" פאַר „יידישער אַרבעט", אָבער זי האָט נישט געוווּסט צו זאָגן, אין וואָס דריקט אויס (חוץ שפּראַך, רעכטלעכע באַגרענעצונגען א.ד.גל.) יענע „ספּעציעלע באַדינגונגען", צוליב וועלכע ס'זענען נויטיק באַזונדערע יידישע ראַיאָנען. די יידישע ס. ד. גרופּן האָבן געפּילט די באַזונדערע „פּאָליטישע שוואַכקייט" פון יידישן פּראָלעטאַריאַט. ס'איז זיי אָבער נישט איינגעפאַלן צו זוכן די סיבות פון דער דאָזיקער כאַראַקטעריסטישער, אייגנאַרטיקער דערשיינונג!

אין דעם רעזאָלוציע־פּראָיעקט פון דער פּוילישער ס. ד. צו איר 5־טן צוזאַמענפאָר (1906) געפינען מיר פאָלגנדע פאָרשלאָגן בנוגע דער נאַציאָנאַלער (און יידישער) פראַגע.*)

„פולשטענדיקע גלייכבאַרעכטיקונג פון אַלע נאַציאָנאַליטעטן",

„פרייהייט צו שאַפן אַלערליי איינריכטונגען, וואָס זאָלן גאַראַנטירן די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן די פרייהייט פון קולטורעלער אַנטוויקלונג (שולן, אוניווערזיטעטן, מוזייען א. אַ. וו.)"

מוזייען — אָט איז דער טיפסטער ענטפער אויף די נויטן פון די יידישע אַרבעטער־מאַסן! די יידישע גרופּן און די פירער פון דער ר. ס. ד. אַ. פּ. און פּוילישע ס. ד, האָבן קיין ברעקל סאָציאַליסטיש באַוווסטזיין קיין פונק פון מאַרקסיסטישער קלאָרקייט נישט אַריינגעטראָגן אין דער

*) „טשערוואָני שטאַנדאַר" נר. 8־1 — 1906.

באַלייכטונג פון דער יידישער אַרבעטער־פראַגע. זייער לעצטער און ענדגילטיקער ענטפער איז געווען דער לאָזונג: אַ ס י מ י ל אַ צ י ע. אין נאָמען פון אַסימילאַציע האָבן זיי באַקעמפט דעם פועלי-ציוניזם (וועגן וואָס מיר רעדן אין ווייטערן טייל). אין נאָמען פון אַסימילאַציע האָבן זיי באַקעמפט דעם בונדישן לאָזונג פון נאַציאָנאַל קולטורעלער אויטאָנאָמיע, וועלכן לענין האָט כאַראַקטעריזירט אַלס „קלאַסיש אין זיין אומזיניקייט", „אומגעלומפערט און רעאַקציאָנער", ווייל ער וויל „פאַנאַנדערטיילן די נאַציעס אין קולטור און באַזונדערס אין שול־פראַגן" אין דער צייט ווען „די עקאָנאָמיק שמעלצט צונויף די נאַציעס."

די פוילישע ס.ד. האַלט (אין דעם שוין דערמאָנטן רעזאָלוציע־פּראָיעקט צום 5־טן צוזאַמענפאָר), אַז די בונדישע נאַציאָנאַל קולטורעלע־אויטאָנאָמיע

„דרינגט נישט אַרויס פון די אינטערעסן פונם פראָלעטאַריאַט... איז נישט אַרויסגערופן דורך די אַנטוויקלונגס-טענדענצן פון דער סאָציאַלער גרופּע, וועלכע די יידן שטעלן איצט פאָר, און מוז געשטיצט ווערן דורך אַן אַגיטאַציע אין אַ נאַציאָנאַליסטישער ריכטונג."

די נאַציאָנאַל-קולטורעלע אויטאָנאָמיע טויג בכן נישט, ווייל זי שטערט די „אַנטוויקלונגס־טענדענצן" אָדער קלאָר געזאָגט, די אַ ס י מ י ל י ר ו נ ג ס-טענדענצן, וועלכע ווערן (לויט לענינען) אַרויסגערופן דורך דער „עקאָנאָמיק, וואָס שמעלצט צונויף די נאַציעס". דאָס זעלביקע דערקלערט, שרייבנדיק וועגן דער „נאַציאָנאַלער פראַגע" ס ט אַ ל י ן.*) לויט זיין מיינונג ווערט די נאַציאָנאַל-קולטורעלע אויטאָנאָמיע

„שעדלעך, ווען מען בינדט זי אָן אַ נאַציע, וואָס איר עקזיסטענץ און צוקונפט שטייט אונטער אַ פראַגע-צייכן"... (עס קומט דאַן אויס) „צו פאַרהיטן און קאָנסערווירן אַלע באַזונדערהייטן פון דער נאַציע, נישט נאָר די נוצלעכע, נאָר אויך די שעדלעכע, אַבי נאָר צו ראַטעווען די נאַציע פון אַסימילאַציע."

באַזונדער שאַרף האָט פאַרטיידיקט דעם לאָזונג פון אַסימילאַציע ל ע נ י ן,**) וועלכער האָט צוו. אַ. געשריבן:

„קעגן „אַסימילאַטאָרישקייט" קאָנען שרייען נאָר יידישע רעאַקציאָנערע בירגער, וואָס שטרעבן צוריק צו דרייען דאָס ראָד פון דער געשיכטע".

„ווער ס'איז נישט פאַרקראָכן אין נאַציאָנאַליסטישע פאָרורטיילן

---

*) ציטירט לויט אסתרס רעפעראַט אויף דער אַלפאַרבאַנדישער באַראַטונג פון די ידסעקציעס אין יאָר 1927. (באַריכטן אין מאָסקווער „עמעס")׳

**) „לעגינסקאיא כרעסטאָמאַטיאַ" (רוסיש) 1925 — זייט 567 און ווייטער.

דער קאָן נישט דערזען אין דעם פּראָצעס פון אַסימילירן פעלקער דורכן קאַפּיטאַליזם דעם גרעסטן היסטאָרישן פּראָצעס".

„די אידעע פון אַ יידישער „נאַציאָנאַליטעט" טראָגט אַן אויס־געשפּראָכן רעאַקציאָנערן כאַראַקטער נישט נאָר ביי אירע קאָנסעק־ווענטע אָנהענגער (די ציוניסטן), נאָר אויך ביי די, וואָס פּרווון זיי צונויפּפּאָרן מיט די אידעען פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע (בונד)."

„דער פּראָלעטאַריאַט... באַגריסט יעדע אַסימילאַציע פון פעלקער, מיטן אויסנאַם פון אַזאַ, וועלכע ווערט אַרויסגערופן מיט געוואַלט, אָדער שטיצט זיך אויף פּריווילעגיעס."

VI.

ס'וואָלט געווען פאַלש צו מיינען, אַז דער אידעישער קאַמף אויף דער יידישער אַרבעטער־גאַס האָט זיך געפירט בלויז צוליב די חלוקי־דעות אין דער אויפפאַסונג פון דער נאַציאָנאַלער פראַגע בכלל און דער יידישער פראַגע בפרט. במשך די 25 יאָר איז די פּועלי־ציון אויסגעקומען צו שטיין אין פייער פון קאַמף קעגן די איבעריקע ריכטונגען, בפרט קעגן בונד. מיטן קאַמף אַרום די ספּעציפישע יידישע אַרבעטער־פּראָבלעמען האָט זיך ענג צונויפגעפלאָכטן דער קאַמף אַרום די קאַמף־פּראָבלעמען פונם אַרבעטער־קלאַס הן אין אינטערנאַציאָנאַלן הן אין לאַנד־מאַסשטאַב.

מיר ווילן אָבער ווענדן די אויפמערקזאַמקייט פון די לעזער אין דער איצטיקער אַרבעט צום קאַמף, וועלכער האָט זיך געפירט אַרום דער יידישער אַרבעטער־פראַגע. מיר טוען עס דערפאַר, ווייל גראָד דער דאָזיקער קאַמף האָט געשפּילט און שפּילט עד־היום אַ זייער וויכטיקע ראָל אין אי־דעישן קאַמף צווישן די יידישע אַרבעטער, אי דערפאַר, ווייל דער יידישער אַרבעטער־קלאַס איז נאָך היינט פאַרטיילט אין פּאַרטייען און ריכטונגען נישט נאָר אין זייער שטעלונג צו אינטערנאַציאָנאַלע פּראָבלעמען, נאָר אויך לויט זייער באַציונג צו די ספּעציפישע פּראָבלעמען פון יידישן אַרבעטער־קאַמף. און דער עיקר: דאָס איז נויטיק דערפאַר, ווייל די אידעישע שלאַכט אויף דער יידישער אַרבעטער־גאַס איז אויסגעבראָכן צוליב די פאַרשידנאַר־טיקע און קעגנזעצלעכע אויפפאַסונגען און אויספירן בנוגע דער יידישער אַרבעטער־פראַגע.

אונטערן דרוק פון די יידישע אַרבעטער־מאַסן און פון זייערע לעבנס־באַדינגונגען האָט זיך די נאַציאָנאַלע פראַגע געשטעלט שאַרף פאַר די פּאַר־טייען, וועלכע האָבן אַפּעלירט צו דער יידישער אַרבעטערשאַפט. אונטערן דאָזיקן דרוק, וואָס איז נאָך פאַרשאַרפט געוואָרן דורך דער אומברחמנותדיקער

קריטיק פון די ניי־אַנטשטייענדיקע און זיך אָרגאַניזירנדיקע טעריטאָריאַליסטישע און פּועלי־ציון גרופּן אין שטרעמונגען, האָט זיך דער בונד, וועלנדיק בלייבן אַ מאַסן־פּאַרטיי, בהדרגה „אַנטוויקלט" צו דער נאַצ. קולטורעלער אויטאָנאָמיע. די יידישע ס. ד. גרופּן, וועלכע זענען געבליבן פאַרעקשנט ביים לאָזונג פון אַסימילאַציע זענען געבליבן קליין און אָן אַ גרעסערן איינפלוס אויף דער יידישער אַרבעטער־גאַס.

די יאָרן פון אָרגאַניזירטן קלאַסן־קאַמף האָבן אָבער ברייטער געמאַכט דעם האָריזאָנט, ווייטזעענדיקער דעם קוק און שטורמישער די שטרעבונגען פון יידישן אַרבעטער־קלאַס. די יידישע אַרבעטער האָבן אָנגעהויבן פאַרשטיין די באַדינגונגען פון זייער לעבן און זיי האָט אויפגעהערט צו באַפרידיקן דער קאַמף אין די דאָזיקע באַדינגונגען; עס איז געוואַקסן ביי זיי דער רעוואָלוציאָנערער ווילן צום קאַמף פאַר ענדערן די באַדינגונגען פון זייער לעבן און אויסגלייכן זיך, ווי אַ מאַכט־פאַקטאָר אין קאַמף קעגן קאַפּיטאַליזם און פאַרן סאָציאַליזם, מיט די פּראָלעטאַריער פון אַנדערע פעלקער.

פון דעם פאַרטיפטן קלאַסן־באַוווסטזיין און דעם שטורמישן קאַמף־ווילן פונם יידישן פּראָלעטאַריאַט איז געבוירן געוואָרן די פּועלי־ציון־באַוועגונג, וועלכע האָט זיך אין יאָר 1906 אָרגאַניזירט אין דער י. ס. ד. אַ. פּ. (פּועלי־ציון).

פּועלי־ציון האָבן אַ סוף געמאַכט צו דער קליינבירגערלעכער, אַנטי־מאַרקסיסטישער אויפפאַסונג פון דער נאַציאָנאַלער פראַגע. זיי האָבן פעסטגעשטעלט, אַז אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע מוזן, ווי אין אַלע אַנדערע געזעלשאַפטלעכע דערשיינונגען, געזוכט און אויסגעפונען ווערן די עקאָנאָמישע וואָרצלען.

פעסטשטעלנדיק, אַז די אַנטוויקלונג פונם קאַפּיטאַליזם פאַרבינדט די „ווירטשאַפטן און מערק אין איין וועלט־ווירטשאַפט און וועלט־מאַרק", שטעלט אַוועק „דעם אַרבעטער־קלאַס פון אַלע לענדער און פעלקער אין איינאַרטיקע באַדינגונגען פון עקאָנאָמישן קיום און פירט דערמיט גופא צו דעם, אַז די אַרבעטער־באַוועגונג זאָל אָננעמען אַן אינטערנאַציאָנאַלן כאַראַקטער" און אונטערשטרייכנדיק זיין צונויפגעבונדנקייט מיטן „לאָזונג פון אינטערנאַציאָנאַלער ברודערשאַפט פונם פּראָלעטאַריאַט", האַלט דאָך דער פּראָגראַם־פּראָיעקט פון פּועלי־ציון*) אַז די אַרבעטער־פּאַרטייען מוזן אָפּגעבן די געהעריקע אויפמערקזאַמקייט דער נאַציאָנאַלער פראַגע, ווייל דאָס ליגט אין די אינטערעסן פונם פּראָלעטאַרישן קלאַסן־קאַמף. „דער קאַפּיטאַ-

*) „יידישער אַרבעטער־פּנקס", ווארשע 1927 — ז׳ 435 און ווייטער.

ליסטישער פּראָדוקציאָנס-אופן, קומענדיק צו פאַרנעמען דעם אָרט פון די פריערדיקע אָדער אָפּגעשטאַנענע פּראָדוקציע-אופנים האָט געפונען די מענטשהייט נישט אַן אייניקע, נאָר אַ צעטיילטע אויף פעלקער. די פאַרשידנקייטן און באַזונדערקייטן פון די פעלקער זענען אַרויסגעוואַקסן פון די פאַרשידנקייטן אין יענע פּראָדוקציע־באַדינגונגען, אין וועלכע עס האָבן זיך צונויפגעלעבט און אַנטוויקלט די באַזונדערע פעלקער.״

פּראָדוקציע-באַדינגונגען זענען דער באָדן, אויף וועלכן ס'האָט זיך אַנטוויקלט די אייגנאַרטיקייט און פאַרשידנאַרטיקייט פון פעלקער — „די אַלגעמיינע באַדינגונג פון דער פּראָדוקציע, וואָס כאַפּט אַרום אַלע אינווייניקסטע באַדינגונגען איז די טעריטאָריע״*). דער באָדן פאַר דער אַנטשטייונג פון דער נאַציאָנאַלער פראַגע איז „דער קאָנפליקט צווישן דער אַנטוויקלונג פון די פּראָדוקטיוו־כוחות און דעם אַלגעמיינעם צושטאַנד פון די פּראָדוקציע-באַדינגונגען פון דער (געגעבענער) געזעלשאַפטלעכער גרופּע.״**) „די נאַציאָנאַלע פראַגע נעמט אָן ביי יעדן קלאַס פון דער געזעלשאַפט אַן אַנדערע פאָרם און רופט אַרויס ביי זיי פאַרשידענע און אָפטמאָל קעגנזעצלעכע נאַציאָנאַלע אינטערעסן,״***) וועלכע דרינגען אַרויס פון זייערע פאַרשידענע און קעגנזעצלעכע קלאַסן-אינטערעסן. „פאַרן אַרבעטער־קלאַס איז די טעריטאָריע אַן אַרבעטס־ און קאַמף־פּלאַץ. די נאַציאָנאַלע אונטערדריקונג פאַרענגט דעם אַרבעטס-פּלאַץ פאַר די פּראָלעטאַריער פון די אונטערדריקטע פעלקער און באַגרענעצט די אַרענע פון זייער עקאָנאָמישן און פּאָליטישן קלאַסן־קאַמף.״***) פון די אינטערעסן פונם פּראָלעטאַרישן קלאַסן־קאַמף דרינגט דעריבער אַרויס די אויפמערקזאַמקייט צו דער נאַציאָנאַלער פראַגע, דער קאַמף קעגן דער נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג און דאָס אויפשטעלן פון אַזאַ פּראָגראַם אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע, וועלכע זאָל גאַראַנטירן די מעגלעכסט גרעסטע אויסברייטערונג און פאַרפעסטיקונג פון דער „קאַמף־אַרענע״ (סטראַטעגישע באַזע), אויף וועלכער דער פּראָלעטאַריאַט פירט זיין קאַמף פאַרן סאָציאַליזם. דערביי איז קלאָר, אַז זיינע נאַציאָנאַלע פאָדערונגען פאַרווירקלעכט דער פּראָלעטאַריאַט דורך זיין קלאַסן־קאַמף.״***)

די יידישע מאַסן, אַלס אַן עקסטעריטאָריאַלע מינדערהייט, געפינען זיך אין *אייגנאַרטיקע פּראָדוקציע־באַדינגונגען*, וועלכע דרינגען אַרויס פון זייער עקסטעריטאָריאַליטעט. אינם לעבן פון די יידישע מאַסן ווירקן צוויי קעגנזעצלעכע טענדענצן. פון איין זייט די טענדענץ פון צו־

*) ב. באָראָכאָוו „אונזער פּלאַטפאָרם״

**) דאָרט

***) פּראָגראַם פון י. ס. ד. אַ. פּ. (פּועלי־ציון) „יידישער אַרבעטער פּנקס״ — ז. 457

פאַסן זיך, אַסימילירן זיך צו דער אַלגעמיינער געזעלשאַפט, וואָס אויף איר טעריטאָריע געפינען זיך די יידישע מאַסן. פון דער אַנדערער זייט ווירקט אָבער צוליב דעם וווקס פון די פּראָדוקטיוו־כּוחות פון דער נאַציאָנאַלער מערהייט אויף דער געגעבענער טעריטאָריע דער איזאָלירנדיקער פאַקטאָר, וועלכער האָט געשאַפן דעם (נעגאַטיוון) באָדן פאַר דער נאַציאָנאַלער אייגנאַרטיקייט פון דער יידישער מאַסע, פאַר דער עקזיסטענץ פון אַ יידישער נאַציע.

רעכענענדיק זיך מיטן דאָזיקן היסטאָריש באַשאַפענעם פאַקט פון דער עקזיסטענץ פון דער יידישער נאַציע האָבן זיך פועלי־ציון אַנטשידן אַנטקעגנגעשטעלט די אַסימילאַטאָרישע שטרעבונגען, אַלס אַזעלכע, וועלכע איגנאָרירן און שטייען אין אַ סתירה מיט די אַנטוויקלונגס־טענדענצן פונם יידישן לעבן און זענען דעריבער רעאַקציאָנער. אין זייער קאַמף קעגן די רעאַקציאָנערע אַסימילאַציע־לאָזונגען פון די פאַרצייטיקע „יעווסעקעס" זענען די פועלי־ציון פאַרפעסטיקט געוואָרן אויך דורכן אומשטאַנד, וואָס דער טיפער אַנאַליז פון דער ווירקלעכקייט און אַנטוויקלונגס־טענדענצן פון יידישן אַרבעטער־לעבן האָט זיי איבערצייגט, אַז עס ווירקן אין דער יידישער אַרבעטער־ווירקלעכקייט טענדענצן, וועלכע פירן צו דער אַנטשטייונג פון אַ פּאָזיטיוון יסוד פאַר דעם אייגנאַרטיקן נאַציאָנאַלן לעבן, צו דער טעריטאָריאַלער קאָנצענטראַציע.

אַוועקשטעלנדיק אין יסוד פון דער יידישער פראַגע דעם קאָנפליקט צווישן דעם וווקס פון די פּראָדוקטיווע כּוחות פון דער יידישער מאַסע און די אייגנאַרטיקע פּראָדוקציע־באַדינגונגען, האָבן די פועלי־ציון אָנגעוויזן, אַז דורך דער אָפּשאַפונג פון די אויסערלעכע סימנים פון דער נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג פון יידישע מאַסן (רעכטלאָזיקייט פון זייער שפּראַך א.ד.גל. צאַרישע אויסנאַם־געזעצן, די גאַראַנטירונג פון פולער גלייכבאַרעכטיקונג א. אַ. וו.) ווערט נאָך נישט געלייזט די נאַציאָנאַלע פראַגע פאַר דער יידישער מאַסע. די וואָרצלען פון דער יידישער אַרבעטער־פראַגע ליגן אין די אייגנאַרטיקע פּראָדוקציע־באַדינגונגען און די פולע לייזונג קאָן קומען נאָר דורך אַ ראַדיקאַלער ענדערונג פון די דאָזיקע באַדינגונגען.

דער מאַרקסיסטישער אַנאַליז פון פועלי־ציון האָט קלאָר געמאַכט, אַז ביי די יידישע מאַסן איז פאַראַן אַן אומגעזונטע איבער־געוויכט פון פאַרמיטלערישע און אומפּראָדוקטיווע עלעמענטן. די יידישע אַרבעטער זענען באַשעפטיקט כמעט נאָר אין די נידעריקסטע (באָראָכאָוו האָט עס גערופן די „לעצטע") שטופן פון דער פּראָדוקציע, אין דער פּראָדוקציע פון פאַרברויכס־מיטלען (באַקלייד, לעבנסמיטל א. ד. גל.), דער ציקל אין אַזעלכע, ווו די אַרבעט טראָגט אַ סעזאָן־כאַראַקטער און ווו די אַרבעט קומט פאַר על־פּי־

דוב אין קליינע וואַרשטאַטן, אין דער לאַנדווירטשאַפט, אין דער פּראָדוקציע פון די פּראָדוציר-מיטלען, אין דער שווערער אינדוסטריע זענען יידישע אַרבעטער אָדער נישטאָ אָדער כמעט נישטאָ. מיט איין וואָרט די יידישע פּראָלעטאַריער און מיט זיי די יידישע מאַסן בכלל זענען באַזייטיקט פון יענע הויפּט-צווייגן פון וירטשאַפטלעכן לעבן, וועלכע בילדן דעם הויפּט-נערוו פון דער מאָדערנער פּראָדוקציע און פון דער מאָדערנער געזעלשאַפט.

די שמאָלע ראַמען פון דער אַנטוויקלונג פון די פּראָדוקטיווע כוחות פון דער יידישער מאַסע רופן אַרויס פון איין זייט דעם קאַמף פון די יידישע מאַסן פאַר זייער פולער בירגערלעכער, פּאָליטישער און נאַציאָנאַלער גלייכבאַרעכטיקונג, פאַר זייער פּראָדוקטיוויזירונג (אָדער ווי באָראָכאָוו רופט עס: „שטרעבונג צו פּראָדוקטיווער פּראָלעטאַריזירונג”) אין די לענדער, ווו עס לעבט די קאָמפּאַקטע יידישע מאַסע, פון דער אַנדערער זייט רופט זי אַרויס די דערשיינונג פון דער מאַסן-עמיגראַציע. „אָבער ווען זי (די יידישע מאַסע) נעמט שוין אין האַנט דעם וואַנדער-שטעקן, געפינט זי אויך נישט מעבר לים קיין גענוגנדע באַפרידיקונג פון אירע באַדערפענישן... און פאַר איר בלייבט אָפן נאָר די אַם מערסטן... אָפּגעשטאַנענע פּראָלעטאַריזאַציע אין די נידעריקע צווייגן פון דער פּראָדוקציע — דהיינו: אין דער פּראָדוקציע פון די געברויך-זאַכן. אָבער אַפילו אין די דאָזיקע צווייגן איז פאַר איר אָפן בלויז די מאַנופאַקטור-פאָרם פון דער פּראָדוקציע און צו דער מאָדערנער מאַשין איז דער וועג פאַר איר פאַרשלאָסן.”*) דורך דער עמיגראַציע ווערט די יידישע פראַגע נישט געלייזט. פאַרקערט, זי (די עמיגראַציע) באַשאַפט נאָר אַ יידישע פראַגע אויך אין די אימיגראַציע-לענדער, „צעטראָגט די יידישע פראַגע איבער דער גאַנצער וועלט”*), באַשאַפנדיק פון איין זייט דעם אַלוועלטלעכן כאַראַקטער פון דעם יידישן אַרבעטער-פּראָבלעם און פון דער אַנדערער זייט דעם באָדן פאַר דער אינטערנאַציאָנאַלער פאַרינטערעסירטקייט אין דער לייזונג פונם דאָזיקן אָנגעווייטיקטן פּראָבלעם.

די וואַנדערונג פון דער יידישער מאַסע האָט סטיכיש צום לעבן אַרויסגערופן די קאָנצענטראַציע-שטרעבונגען. די דאָזיקע קאָנצענטראַציע „זייענדיק צוערשט באַרופן צו פאַרגרינגערן די יידישע מאַכן דאָס צופּאַסן זיך צו נייע באַדינגונגען”*), האָט אָבער צוגלייך דורך צונויפזאַמלען די יידישע מאַסן אין שטעט, געבראַכט צום אויסדרוק די אַלע נעגאַטיווע זייטן, וועלכע פאַרשווערן דעם קאַמף פון די יידישע מאַסן אין די פריערדיקע אויסוואַנדערונגס-לענדער. „די שטרעבונג צו דער פּראָדוקטיווער

*) אַלע ציטאַטן פון ב. באָראָכאָוו: „אונזער פּלאַטפאָרם”

פראָלעטאַריזאַציע בלייבט, ווי פריער, נישט באַפרידיקט הן לויט דער כמות און הן לויט דעם איכות... די אינווייניקסטע סתירות (אין דער יידישער עמיגראַציע — נ. ב.) פירן דערצו, אַז די קאָנצענטראַציע זאָל נישט פאָרקומען אין איין צענטר. די יידישע מאַסן קאָנצענטרירן זיך, אָבער נישט אויף איין אָרט, נאָר אין פיל ערטער... די דעצענטראַליזירטע קאָנצענטראַציע לעזט אָבער נישט די פראַגע; פאַרקערט, זי פאַרמערט זי."*) עס אַנטשטייען וויכטיקע סתירות צווישן די באַדערפענישן אין דער עמיגראַציע און אירע רעזולטאַטן. „די ערשטע סתירה איז—די סתירה צווישן דער באַדערפעניש איבערצוגיין אין די העכערע צווייגן פון דער פראָדוקציע און דער אוממעגלעכקייט צו דערגרייכן דאָס דורך דער קאָנצענטראַציע אין די גרויס־קאַפּיטאַליסטישע לענדער". „די צווייטע סתירה איז — די סתירה צווישן דער שטרעבונג פון דער אימיגראַציע זיך צו קאָנצענטרירן און דער שטרעבונג פון דער קאָנצענטראַציע זעלבסט זיך צו דעצענטראַליזירן."*) אויפן באָדן פון די באַדערפענישן פון די יידישע מאַסן און די טענדענצן צו באַפרידיקן זיי „וואַקסט אויס די באַדערפעניש אין דער טעריטאָריאַלער לעזונג פונם יידישן פראָבלעם."*) אָט די באַדערפעניש רופט אַרויס דעם סטיכישן דראַנג פון די יידישע מאַסן צו דער שאַפונג פון טעריטאָריאַלן צענטר אין פאַלעסטינע.

די פאַרווירקלעכונג פון דער דאָזיקער שטרעבונג פון די יידישע מאַסן איז גאַראַנטירט נישט נאָר דורך דעם פאַקט, וואָס זי אַנטשפּרעכט דעם סטיכישן דראַנג צו קאָנצענטרירטער יידישער עמיגראַציע קיין פאַלעסטינע, נאָר אויך דורכן פאַקט, וואָס די לאַגע אין פאַלעסטינע און אירע עקאָנאָמישע באַדינגונגען שאַפן די מעגלעכקייט פון אַ קאָנצענטרירטער יידישער אימיגראַציע און פאַר איר איבערגיין צו די העכערע פראָדוקציע־צווייגן און צו דער אור־פראָדוקציע, וואָס דאָס ברענגט אין רעזולטאַט די פולשטענדיקע איבעראַנדערשונג פון די פראָדוקציאָנס־באַדינגונגען פון די איינגעוואַנדערטע יידישע מאַסן און די שאַפונג פונם טעריטאָריאַלן צענטר.

די אייגנאַרטיקע פראָדוקציע־באַדינגונגען, אין וועלכע ס'לעבן די יידישע אַרבעטער־מאַסן, פאַרשמעלערן אומגעהייער זיין קאַמף־באַזע, זייער סטראַטעגישע באַזע. דער קאַמף פאַר דער פולער גלייכבאַרעכטיקונג דאָ אויפן אָרט, וואָס באַקומט זיין אויסדרוק אין צוז פאָליטישער אויטאָנאָמיע, וועלכע זאָל דערוועקן אין דער ברייטסטער מאָס די זעלבסטאַקטיווקייט פון די יידישע מאַסן, דער קאַמף פאַר דער פראָדוקטיוויזירונג פון די יידישע מאַסן און דער קאַמף פאַרן טעריטאָריאַלן יידישן אַר־

*) „אונזער פלאַטפאָרם"

בעטער־צענטר אין פאַלעסטינע — דאָס זענען די פאָרמען, אין וועלכע דער יידישער פראָלעטאַריאַט שטרעבט צו באַזייטיקן די באַזונדערע שוועריקייטן פון זיין קלאַסן־וועג און שאַפן אַ געזונטן באָדן פאַר זיין קלאַסן־קאַמף. אויף דעם אופן איז דער קאַמף פאַר דער לייזונג פון דער נאַציאָנאַלער פראַגע פון די יידישע אַרבעטער־מאַסן אַן אָרגאַנישער און אומבאַדינגט נויטווענדיקער טייל פונם רעוואָלוציאָנערן קלאַסן־קאַמף אויף דער יידישער גאַס.

VII

דאָס אַרויסטרעטן פון פועלי־ציון אויף דער געשיכטלעכער אַרענע און די פראָקלאַמירונג פון זייער מאַרקסיסטישן פראָגראַם בנוגע דער יידישער אַרבעטער־פראַגע, וואָס האָט באַדייט אַ רעוואָלוציע אין דער ביז דעמאָלטיקער פאָרמולירונג פון דער נאַציאָנאַלער פראַגע בכלל און דער יידישער פראַגע בפרט, האָט אַרויסגערופן אַ שטורם קעגן דער ניי־אויפגעקומענער פאַרטיי.

פועלי־ציון האָבן זיך נישט באַנוגנט מיט דער פאָזיטיווער פעסטשטעלונג פון זייער פראָגראַם, זיי האָבן אויפגענומען אַן ענערגישן קאַמף קעגן זייערע אידעישע קעגנער, קעגן די אַסימילאַטאָרישע טענדענצן פון די רוסלענדישע און פוילישע ס. ד., קעגן דער באַגרעניצטקייט און קליינקעפּלדיקייט פון בונד און קעגן דעם אידעישן כאַאָס און אַנטי־מאַרקסיסטישן פלאָנטער, וואָס האָט געהערשט אין די רייען פון די ס. ס. און סיימאָוועס. זעלבסט־פאַרשטענדלעך האָט זיך די שאַרפקייט פון קאַמף געמוזט ווענדן קעגן דער צו יענער צייט גרעסטער פאַרטיי, קעגן דעם בונד.

פועלי־ציון האָבן דערקלערט דעם בונדיזם, אַלס „די סאַמע פּשוטסטע און פרימיטיווע" אויפפאַסונג פון יידישן אַרבעטער־פראָבלעם, וועלכע „וויל היילן בלויז די פאָלגן, נישט אָנרירנדיק די סיבות גופא". זיי האָבן פאַרגעוואָרפן דעם בונד „אָפּאָרטוניזם אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע" און „אומפעיקייט קלאָר אוועקשטעלן זי". ביים בונד איז „שטענדיק פאַראַן עפּעס נישט דערזאָגטעס, האַלבעס" די בונדישע אידעענלאָזיקייט איז אַ „עלנטער מקום מקלט פאַר אומוויסנקייט". דאָס אויג פון בונד איז געבליבן שטיין „ביי די דרויסנדיקע און אָפענע פאָרמען" פון דער נאַציאָנאַלער פראַגע, ער איז נישט פעיק געווען צו דערזען די יסודות פון אָט די פאָרמען. דער בונד איז געבליבן ביי די גייסטיק־קולטורעלע דערשיינונגען, אָנשטאָט „צו קוקן אין דער סאַמע טיפעניש פון דער עקאָנאָמישער באַזע". „די בונדישע טעאָרעטיקער פאַרראַטן... בולט... מאַטעריאַליסטישע פרינציפן." אָנשטאָט

מאַטעריאַליסטישער אויפפאַסונג פון דער יידישער פראַגע טרעט אַרויס בייס בונד „די נטיה צו קולטוריסטישן פאַרשטיין די יידישע פראַגע”, וואָס דאָס איז „בלי־ספק רעאַקציאָנער און ווייזט אַרויס אַלע שטריכן פון קליינ־בירגערלעכער אָפשטאַמונג”.

אַרויסטרעטנדיק קעגן דער אויבערפלעכלעכקייט פון בונד און זיין באַגרעניצטקייט, וואָס האָט פאַרמאַכט זיינע אויגן פאַרן אייגנהייטלעכן כאַראַקטער פון דער יידישער פראַגע אין גאָר דער וועלט און האָט אים פאַרשווערט דאָס פאַרשטיין די יידישע פראַגע אויף דעם געביט, ווו ער האָט געווירקט, האָבן פועלי־ציון אַנטשידן באַקעמפט דעם „גלות-פעסימיזם” פון די ס. ס. פועלי־ציון האָבן געשטעמפלט די ס.ס.־ישע טעאָריע וועגן „נישט פראָלעטאַריזירן זיך” פון יידישע מאַסן אַלס רעאַקציאָנער. באָראָכאָוו האָט שאַרף פאַרורטיילט דעם ס. ס.־ישן „פינסטערן פעסימיזם צו דער יידישער קעגנוואַרט, וואָס לאָזט נישט אויפקומען קיין באַגייסטערנדיקע און רעוואָלוציאָניזירנדיקע אידעע”.*) אומברחמנותדיק איז געווען די פועלי־ציוניסטישע קריטיק פון ס. ס.־ישן אוטאָפּיסטישן טעריטאָריאַליזם, וועלכער האָט זיי געפירט צום פאַרבייטן דעם קלאַסן־קאַמף אויף דיפּלאָמאַטישע באַמיונגען מכח אַ „טשאַרטער”. אין דערזעלביקער צייט האָבן פועלי־ציון וייער שאַרף באַקעמפט דעם קליינבירגערלעך־אינטעליגענטישן עקלעקטיזם פון די סיימאָוועס און דאָס וואָס זיי רייסן פאַנאַנדער דעם קאַמף פאַרן טעריטאָריאַליזם פון קאַמף פאַר די רעכט דאָ אויפן אָרט. פועלי־ציון האָבן פעסטגעשטעלט, אַז דער קאַמף פאַר די רעכט דאָ און פאַרן פּראָלעטאַרישן פּאַלעסטיניזם, „דאָס זענען צוויי צילן, וואָס זענען פאַרבונדן מיטן סטיכיטן פּראָצעס, וועלכער שפּרייט זיך גלייכצייטיק פאַנאַנדער אין זיין גאַנצער ברייט אי דאָ אי דאָרט”.**)

דער בונד און די ס. ד. אַסימילאַטאָרן האָבן אויפן פאַרביסנסטן אופן באַקעמפט די פועלי־ציון. מ׳האָט געפּרוווט פאַרשרייען די פועלי־ציון אַלס נאַציאָנאַליסטן, שאָוויניסטן, אַגענטן פון ציוניסטישער בורזשואַזיע וכדומה, פון דער אַנדערער זייט האָט מען געפּרוווט באַקעמפן און באַזיגן די פועלי־ציון טעאָרעטיש.

---

*) אַט דעם פאַקט מוז מען באַזונדער אונטערשטרייכן איצט, ווען די ס. ס.־ישע יורדים, צעוואָרפענע איבער אַלע פּאַרטייען, ווילן די פּראָדוקטיוויזירונגס-טענדענצן דאָ אויפן אָרט פאַרשטעלן ווי די פאַרווירקלעכונג פון זייער אַמאָליקן פּראָגראַם אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע. דאָס איז אַ גראָבע פעלשונג, וואָס ווערט געמאַכט, כדי כאָטש מיט עפּעס צו באַרעכטיקן זייערע אַמאָליקע בלאָנדזשעניש.

**) „אונזער פּלאַטפאָרם”.

אַט האָט למשל דער צ. ק. פון דער ר. ס. ד. אַ. פּ. באַטראַכטנדיק אין יאָר 1907 די ווענדונג פון ס. ס. וועגן צולאָזן זיי צום אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן קאָנגרעס, פאַר אײַנוועגס דערקלערט אויך די אידעען פון פּועלי-ציון פאַר „קלײנבירגערלעך אוטאָפּיסטישע אידעען", הגם אַלס יסוד פאַר דעם האָט דער צ. ק. פון דער ס. ד. גענומען בלויז דעם ס. ס.-ישן פּראָגראַם, נישט געבנדיק זיך קיין מי צו באַקענען זיך מיטן פּראָגראַם פון פּועלי-ציון. צוליב דעם ווערן פאַררעכנט אויפן חשבון פון פּועלי-ציון די פאַלשע און דורך פּועלי-ציון (זע אויבן — נ. ב.) שאַרף באַקעמפטע מײַנונגען פון ס. ס. וועגן „נישט פּראָלעטאַריזאַציע", „וועגן דער מעגלעכקייט פון דערשלאָגן זיך צו זײַן (דעם פּראָלעטאַריאַטס) באַפרייונג דורך מיטלען (דיפּלאָמאַטישע — נ. ב.), וועלכע ליגן אויסער דעם קלאַסן-קאַמף" און וועגן ס. ס.-ישן „גלות-פּעסימיזם".

אין דער רעזאָלוציע פון 6-טן בונדישן צוזאַמענפאָר*) דערקלערט דער בונד אַ קאַמף די פּועלי-ציון, ווײַל

„דער אַנטוויקלונגס-גאַנג... באַשאַפט נישט... אַן אָביעקטיווע נויטווענדיקייט פאַר ייִדן צו קאָנצענטרירן זיך אויף אַ זעלבשטענדיקער טעריטאָריע" און אַז אַזאַ טעריטאָריע „קאָן נישט דערגרייכט ווערן דורך קיין שום קאַמף בכלל און בפרט נאָך דורך דעם קלאַסן-קאַמף פון פּראָלעטאַריאַט". „דער טעריטאָריאַליזם טראָגט דעם שטעמפּל פון אוטאָפּיזם און רעאַקציאָנעריזם".

דערמיט האָט זיך דער בונד נישט באַנוגנט. ער האָט מאָביליזירט אַלע זײַנע טעאָרעטישע פעיקייטן אין קאַמף קעגן פּועלי-ציון, כדי אָפּצופּרעגלען זייערע אַרגומענטן און אויספירן. אַט ליגט פאַר אונז אַ בראָשור פון אַ. ה. „די סאָציאַליסטישע פּראָקציעס אין ציוניזם" (פאַרלאַג „די וועלט", 1906), ווו דער מחבר „דערווייזט" מיט „סטאַטיסטיק", אַז

„די צאָל ייִדישע אַרבעטער אין פאַבריקן און זאַוואָדן איז גאָר נישט אַזוי קליין... פאַרקערט, די צאָל ייִדישע פאַבריקס-אַרבעטער איז פאַרהעלטניסמעסיק זייער גרויס" (!!).

די טענות פון פּועלי-ציון וועגן אײַגנאַרטיקע עקאָנאָמישע באַדינגונגען פון ייִדישע אַרבעטער כאַראַקטעריזירט דער בונדישער „טעאָרעטיקער", ווי „אַ בויך-סברא פון אונזערע ציוניסטיש-סאָציאַליסטישע בטלנים".

אין קאַפּיטל „עקאָנאָמישע אָדער פּאָליטישע אורזאַכן" חוזקט דער „מאַרקסיסטישער" בונדיסט פון דער טענה, אַז מען דאַרף זוכן די סיבות פון

*) „דער וועקער", נ. 1, 1905 (ציטירט, ווי אַ רייע ציטאַטן אין קאַפּיטל 5 לויט דער פּאַוויעטישער כרעסטאָמאַטיע „דער ייִדישער אַרבעטער" — צענט. פּעלקער-פאַרלאַג, מאָסקווע)

דער באַזונדערער שווערער לאַגע פון די יידישע מאַסן, פון זייער באַזונדערער רעכטלאָזיקייט קודם כל אין דער עקאָנאָמיק.

„ניין, רבותי, — רופט אויס מיט טריומף דער בונדאָוויעץ — די מעשה איז אַ ביסל אַנדערש. פאַלט די ביוראָקראַטיע, ווערט איינגעפירט אַ דעמאָקראַטישע אָרדנונג, אַזוי ווערן זיך די יידן אַלע בירגערלעכע רעכטן, אַזוי ענדערט זיך די גאַנצע עקאָנאָמישע לאַגע פון די יידן".

אין אַן אַנדערער בונדישער בראָשור „דער ציוניזם" גייט אַ בונדישער „טעאָרעטיקער" אַזוי ווייט, אַז אַפילו די אייגנאַרטיקע עקאָנאָמישע באַדינגונגען פון דער יידישער מאַסע אין אַ מ ע ר י ק ע, איר נישט אַריינדרינגען אין דער גרויס־אינדוסטריע פון אַמעריקע דערקלערט ער מיט „ר ד י פ ו ת פ ו ן ד ע ר ר ו ס י ש ע ר ר ע ג י ר ו נ ג"! (ז. 68). ווען אין רוסלאַנד קומען די גלייכבאַרעכטיקונג פון די יידישע מאַסן, וועלן די יידן באַקומען אַ צוטריט צו טעכנישער בילדונג, וועלן זיי אויך אין אַמעריקע קריגן אַ צוטריט צו דער גרויסער אינדוסטריע.

וועגן דער עמיגראַציע, שרייבט צופרעשט דער שוין דערמאָנטער אַ. ה. אין זיין בראָשור „סאָצ. פראַקציעס אין ציוניזם":

„היינט גלאַט, די גאַנצע מעשה מיט עמיגראַציע, איר האָט דאָ אויך פאַרגעסן אָדער בכיוון פאַרמאַכט די אויגן אויף די פ אָ ל י ט י ש ע א ו ר ז אַ כ ן (דורך אונז אונטערגעשטראָכן — ג. ב.) פון דער יידישער עמיגראַציע. איבערהויפט עמיגרירט אַ קליינער טייל פון דער באַפעלקערונג, וואָס האָט בערך קיין גרויסע באַדייטונג נישט. אויב די יידן האָבן עמיגרירנט און עמיגרירן אין אומגעהייערער צאָל, פאַלט דאָך דאָ די גרעסטע שולד אויף דער רוסישער זעלבסטהערשונג".

אַלזאָ, ווידער בלויז רעכטלעך־פּאָליטישע סיבות. אין דעם בונדישן מעמאָראַנדום צום אינטערנאַצ. סאָצ. קאָנגרעס אין שטוטגאַרט*) האָט שוין דער מחבר אונטערן דרוק פון דער ווירקלעכקייט און פועלי־ציון קריטיק נישט געקאָנט פאַרשווייגן סיי דעם באַזונדערן פאַרנעם, סיי דעם גאַנץ אייגנאַרטיקן כאַראַקטער פון דער יידישער עמיגראַציע. אָבער אויך ער זעט אין דעם, דער עיקר, די ווירקונג פון פּאָליטישע סיבות, בפרט „פּאָגראָמען און רדיפות".

פון דער פועלי־ציון פעסטשטעלונג, אַז די טענדענצן פון דער עמיגראַציע שטויסן זי פון הויך־קאַפּיטאַליסטישע אין האַלב־אַגראַרע לענדער און אַז די טענדענצן פון יידישער ווירקלעכקייט שטויסן צו פּראָדוקטיוויזאַציע

---

*) ב. גראָנבערג „עמיגראַציע און אימיגראַציע" פאַרלאַג „די וועלט" 1907.

און דורך איר אויך צו ערד-אַרבעט, האָבן געחוזקט די בונדאָוצעס (און פאַרלויפער פון די יעווסעקן) זייער שטאַרק.

אַ. ה. פרעגט אין זיין בראָשור:

„דער קאַפּיטאַליזם באַשאַפט די עמיגראַציע? אמת! אָבער... ווו-הין פירט זי? זי פירט פון דאָרף אין שטאָט. פון אַ פּראָווינץ אַ לאַנדווירט-שאַפטלעכער אין אַ פּראָווינץ אַ אינדוסטריעלער, אין אַ לאַנד מיט אַ מעכטיקער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציאָן. צי האָט דאָס אַ וועלכע נישט איז שייכות צו דער עמיגראַציע, וואָס איר... פּראָיעקטירט?"

און דער הייינטיקער פאַרווירקלעכער פון קרים און בירא-בידזשאַן אַ. פּ ע ר ע ז ש י ן*) האָט געחוזקט:

„פון הענדלער, בעלי-מלאָכות און אינטעליגענטן ווילן די ציוניסטן שאַפן אַ קלאַס פון ערד-אַרבעטער. זעט-זשע ווי דאָס לעבן לאַכט זיך אויס פון זיי".

VIII

עס איז געענדיקט דאָס ערשטע פערטל-יאָרהונדערט פון פּועלי-ציון-קאַמף. איז נויטיק אויסצורעכענען אַ סך-הכל: ווער איז געבליבן אין אידעישן קאַמף אויף דער יידישער אַרבעטער-גאַס גערעכט און וועמענס אידייען האָבן זיך במשך פון די 25 יאָר אַרויסגעוויזן, אַלס פאַלשע און שעדלעכע! ווער האָט געמוזט קאַפּיטולירן און וועמענס אידייען מאַרשירן זיגרייך פאָרויס?

נאָכן באַקענען זיך מיטן אידעישן קאַמף מיט 25 יאָר צוריק און זיין כאַראַקטער איז דער ענטפער נישט קיין שווערער.

עס עקזיסטירט נאָך אַ „בונד" אין פּוילן, אָ ב ע ר פ ו ן ב ו נ ד י ז ם א י ז ק י י ן ז כ ר נ י ש ט ג ע ב ל י ב ן! דער „בונד" האָט זיך שוין לאַנג געמוזט אָפּזאָגן פון „נייטראַליזם" און איז פאַרקערט אַריינגעפאַלן אין די אָרעמס פון קליינבירגערלעך-פאָלקיסטישן יידישיזם. פאַרמעל האָט זיך נאָך דער „בונד" נישט אָפּגעזאָגט פון „קולטורעלער אויטאָנאָמיע", אָבער אין זיינע וואַל-פּלאַטפאָרמען צו די קהילות האָט ער אַרויסגעשטעלט אַ גאַנצע שורה פון סאָציאַל-עקאָנאָמישע פאָדערונגען און האָט געפירט אַרום זיי אַ קאַמף אין די קהילות. אונטערן דרוק פון דעם עמיגראַציע-פּראָבלעם האָט דער „בונד" געמוזט כאָטש דערוועקן דעם איינדרוק, אַז ער נעמט אין אַכט דעם עמיגראַציע-פּראָבלעם, אַלס אַן ערנסטע פראַגע פון יידישן אַרבעטער-לעבן, כאָטש ער שרעקט זיך נאָך אַלץ צו קוקן אין דער פראַגע דעם ג אַ נ צ ן אמת אין די אויגן. גע-

*) „בונד און ציוניזם" ז. 18.

צווונגען אויפצוגעמען אַ קאַמף פאַר אַריינדרינגען פון יידישע אַרבעטער אין נייע אַרבעטס-פּאָזיציעס און דורך דער דערפאַרונג הן פון פּאַלעסטינע או. הן פון דער פּראָדוקטיוויזאַציע אין ראַטן-פאַרבאַנד, לערנט זיך דער „בונד" צו ברעכן מיט זיין יאָר-צענדלינג-לאַנגער גייסטיקער ירושה און הויבט אָן אונטערשיידן צווישן ר ע כ ט און מ ע ג ל ע כ ק ײ ט ן. קעגן פּאַלעסטינע קאָן שוין מער דער „בונד" נישט קעמפן מיט אַמאָליקע אַרגומענטן, וואָס זענען צו נישט געוואָרן דורך דעם וווקס פון יידישן אַרבעטער-קלאַס אין פּאַלע-סטינע, און אין אַמעריקע ווערן גרויסע מאַסן פון אַמאָליקער דער בונדישער סביבה און אָפּשטאַמונג מיטגעריסן מיטן פּאָרויס-רייסנדיקן שטראָם פון פּאַלעסטיניזם.

פולשטענדיקע פאַרניכטונג פון בונדישע פּרינציפּן — אָט איז דער סך-הכל פון 25-יאָריקן קאַמף.

נישט אַנדערש האַלט עס מיט דער יעווסעקציע. נישט מיט איר פאַר-דינסט איז איר אין האַנט געפאַלן דער אָפּראַט פון מאַכט איבער דער יידי-שער מאַסע אין ראַטן-פאַרבאַנד, און דאָס האָט זי געשטעלט אויג אין אויג מיטן לעבן פון דער יידישער מאַסע. אונטערן דרוק פון אָט דעם דאָזיקן לעבן זענען זיך, ווי שפּינוועבס, צוקראָכן אַלע יעווסעקישע טעאָריעס און אידעאָ-לאָגיעס; די יעווסעקציע האָט געמוזט קאַפּיטולירן פאַרן אמת פונם יידישן לעבן.

יידישע שול- און קולטור-אַרבעט האָט אַ תל געמאַכט פון דעם אַמאָ-ליקן אַסימילאַציע-פּראָגראַם. דאָס שטרעבן אַריינצוציען די יידישע מאַסן אין דעם סאָציאַליסטישן אויפבוי פונם ראַטן-פאַרבאַנד צווינגט אויפצונעמען די יידישע פראַגע, ווי אַ פראַגע פון פאַרברייטערן די סטראַטעגישע באַזע פון יידישן פּראָלעטאַריאַט, פון פּראָדוקטיוויזירן די יידישע מאַסן דורך אַרי-בערפירן זיי צו ערד-אַרבעט און אין גרויסע פאַבריקן. די דערפאַרונג פון דער דאָזיקער אַרבעט האָט אָבער געמוזט פירן צו דער אַנטוויקלונג פון די טעריטאָריאַליזירונגס-טענדענצן אין יידישן לעבן און האָט געפירט די יעווו-סעקעס (צום טייל צוליב זייער אייגנבאַקענער שנאה צו פּאַלעסטינע, צום טייל צוליב זייער פון בונד געירשנטער אומפעיקייט צו זען ווייטער פון דער טאָגטעגלעכער ווירקלעכקייט און אין אַ גרויסער מאָס צוליב דעם, וואָס פּאַ-לעסטינע ליגט אויסער די גרעניצן פונם ראַטן-פאַרבאַנד) צו דער פּראָקלאַ-מירונג פון אַ י י ד י ש ע ר ט ע ר י ט אָ ר י ע אין בירא-בידזשאַן.

ווי אַנדערש קלינגען די הייגנטיקע, ווי פון פועלי-ציון-פּראָגראַם אויס-געשניטענע, ווערטער פון דער יעווסעקציע אין פאַרגלייך מיט אַמאָליקע בונ-דיש-יעווסעקישע אַרגומענטן קעגן פועלי-ציון!

אין „עמעס" האָט (אין יאָר 1928) געשריבן א. טשעמעריסקי אין אַר-טיקל „צו אַ יידיש לאַנד":

„אַ היסטאָרישע שווער-וואָגיקע באַשטימונג! מיר פילן אַלע, ווי עס עפנט זיך אַ נײַ בלעטל אין דער געשיכטע פון יידישן אַרבעטס-פאָלק", און דאָס דאָזיקע נײַע בלעטל איז די (בירא-בידזשאַנער) פאַר-ווירקלעכונג פונם באַשלוס פון צ. ב. פון יידסעקציעס פון 4-טן סעפ-טעמבער 1926 „אָריענטירן די ערד-אײַנאָרדנונג פון די יידישע האָרע-פאַשניקעס אויף שאַפן אַ גרעסערן יידישן טעריטאָריאַלן אויטאָנאָמען אײַנס ביים פאַראַנענזיין פון אַ קאָמפּאַקטער י י ר י ש ע ר מ ע ר ה י י ט אויף דורכאויסיקער טעריטאָריע".

אויף דער אַלפאַרבאַנדישער באַראַטונג פון די יידסעקציעס (1927) האָט א ס ת ר צווישן אַנדערע געזאָגט (ציטירט לויט „עמעס")

„די דאָזיקע מעגלעכקייט צו קאָנסאָלידירן זיך אַלס נאַציע עפנט זיך אויך פאַר דעם אייגנאַרטיקן דורך לאַנגע דורות עקסטעריטאָריאַל געוואָרענעם יידישן פאָלק—די ערד-אײַנאָרדנונג פון גרויסע יידישע מאַסן אויף דורכוויסיקע שטחים איז ענג פאַרבונדן מיט דער מעגלעכקייט צו באַשאַפן אַן אויטאָנאָמע יידישע מלוכהשקייט, אַ נאַציאָנאַלע טעריטאָריע"...

אויפן 2-טן צוזאַמענפאָר פון געזערד זאָגט ק אַ ל י נ י ן:

„די אָרגאַניזירונג פון אַ יידישער רעפּובליק וועט האָבן אַ קאָ-לאָסאַלע באַדייטונג... זאָל יעדער וויסן, אַז אין אונזער קאָנסטיטוציע איז דאָס אַ נאַציאָנאַליטעט, אַז עס האָט אויף אונזער טעריטאָריע זיין קאָנסטיטוציאָנעלן טיטל".

און אין אַמעריקאַנער קאָמוניסטישן „פרייהייט" דערקלערט מען (אַרטיקל פון פּראָפ. קונץ), אַז די יידישע טעריטאָריע אין בירא-בידזשאַן

„שטעלט מיט זיך פאָר אַ מער זיכערן און סאָלידן פונדאַמענט פאַר עקאָנאָמישער און ממילא פאַר נאַציאָנאַלער זעלבסטבאַשטימונג".

עס ווערט בכן אָנערקענט די רעוואָלוציאָניזירנדיקע באַדייטונג פונם טעריטאָריאַליסטישן פּרינציפּ.

יאָ, דאָס לעבן און דער קאַמף פון פּועלי-ציון האָבן פאַרניכטעט די יעווסעקישע אַסימילאַטאָרישע פּאָזיציעס און געצוווּנגען זיי אויפנעמען שטי-קער פון פּועלי-ציון-פּראָגראַם. נאָך מערער וועט אין דער ריכטונג ווירקן פּ אַ ל ע ס ט י נ ע !

שוין היינט מוז דער יעווסעקישער ווידערשטאַנד קעגן דער מאַכט פון פּאַלעסטיניזם אָנקומען צו אַזעלכע שענדלעכע מיטלען, ווי דאָס דערקלערן פאַר אומלעגאַל די רעוואָלוציאָנערע פּועלי-ציון-פּאַרטיי אין ראַטן-פאַרבאַנד, ווי די אין קיין שום מיטלען נישט איבערקלייבנדיקע העץ-קאַמפּאַניע קעגן פּועלי-ציון אין אַנדערע לענדער, אָדער צו אַזעלכע אויסריידן, ווי די דער-קלערונג, וועלכע ס'האָט אויף אַ מיטינג וועגן בירא-בידזשאַן אין לענינגראַד

געגעבן דימאַנטשטיין, ענטפערנדיק אויף אַ פראַגע, פאַרוואָס ביראָ-ביד-זשאַן און נישט פּאַלעסטינע ?:*)

„אַדרבא, פּאַלעסטינע אויך, נאָר אַ סאָוויעטישע, ווייל נאָר דאַן וועט זיין מעגלעך אַ פרידלעך צונויפלעבן צווישן דער אַראַבישער מערהייט און יידישער מינדערהייט״.

ס'איז שוין שווער צו ענטפערן, אַז פּאַלעסטינע בכלל נישט, ווי מען פלעגט דאָס זאָגן אַלעמאָל אין קאַמף קעגן פּועלי-ציון. ווייל מען אָפּלייגן עד ימות המשיח און מען כאַפּט זיך אַפילו נישט, ווי אַנטי-מאַרקסיסטיש דאָס איז אָפּלייגן אויפגאַבן און לאָזונגען, אויב זיי דרינגען נאָר אַרויס פון דער אַר-בעטער-ווירקלעכקייט.

* * *

שווער און דערנערפול איז געווען דער וועג פון פּועלי-ציון. ער איז אָבער באַלויכט געוואָרן מיט אידעישן זיג איבער די קעגנער. דער אמת פון פּועלי-ציון-פּראָגראַם איז אין דער פולסטער מאָס באַשטעטיקט אין ליכט פון דער יידישער ווירקלעכקייט אין אַלע לענדער פון דער קאָמפּאַקטער יידישער מאַסע, דורך דער אַרבעטס-דערפאַרונג אין ראַטן-פאַרבאַנד און דורך דער אַנטוויקלונג און ווירקלעכקייט פון פּאַלעסטי-נע. פּראָלעטאַרישער פּאַלעסטיניזם איז געוואָרן אַ מעכ-טיקער עלעמענט פון געזעלשאַפטלעכער און אידייאי-שער רעוואָלוציאָניזירונג פון די יידישע מאַסן און פון זייער לעבן.

אין דער צייט, ווען דער אָפּאָרטוניזם פונם „בונד״ אין דער נאַציאָ-נאַלער פראַגע האָט אים געמוזט פירן אין זומפּ פון אינטערנאַציאָנאַלן פאַר-ראַט, אין דער צייט ווען די יעווסעקציע איז פון דעם זעלביקן גורל געראַ-טעוועט נאָר דורך קאַפּיטולירן אין איר אַרבעט פאַר אַ ריי לאָזונגען פון פּועלי-ציון, האָט די רעוואָלוציאָנערע שטעלונג פון פּועלי-ציון אין דער יידי-שער פראַגע פאַרבונדן זיי אָרגאַניש מיטן אינטערנאַציאָנאַלן מאַרקסיזם.

אין דער באַשטעטיקונג פון פּועלי-ציון-פּראָגראַם דורך דער יידישער ווירקלעכקייט און אין דעם מאַרקסיסטישן כאַראַקטער פונם פּועלי-ציון - פּראָג-ראַם ליגט די פולע גאַראַנטיע פאַרן ענדגילטיקן זיג פון פּועלי-ציון-אידעען און פאַר דעם, אַז די גאַנצע יידישע אַרבעטער-מאַסע וועט דעראָבערט ווערן פאַר די לאָזונגען פון פּועלי-ציון.

---

*) איבערגעדרוקט אין ווילנער „טאָג״ לויטן מאָסקווער „עמעס.

לאָזער סטאָלאַר

די התחלה אין וואַרשע

נאָך אין די יאָרן 1903-4 — בעת איך אין געקומען אויף דער בונדישע „בירזשע" און אויף בונדישע קרייזן — האָבן זיך דאָרט געפירט ליידנשאַפטלעכע דיסקוסיעס וועגן דער נויטווענדיקייט און באַדייטונג פון דער קולטורעלער אויטאָנאָמיע. אָבער קוים האָט מען אונז דערלויבט בכלל צו טראַכטן וועגן דער נאַציאָנאַלער פראַגע, האָבן זיך צווישן אונז געפונען „אַפיקורסים", וואס זענען אינגאַנצן אוועק פון די בונדישע רייען. איינער פון זיי בין איך געווען, און אָנהייבנדיק טראַכטן וועגן דער פאַרענטפערונג פון די יידישע אַרבעטער-פראַגן, האָב איך זיך אָנגעשטויסן אויף דער ראַדיקאַל-ציוניסטישער יוגנט-גרופּע, וועלכע האָט זיך גערופן „התחיה". סוף פון 1903, ווען איך האָב אָנגעהויבן צו קומען אויף קרייזן פון דער „התחיה", וועלכע איז געשטאַנען אונטער דער אָנפירונג פון טאַבענקין, ראַסקין, יצחק גרינבוים, שפּרינצאַק, אַבוש, יצחק זייגערמאַכער און פּעטער לאָזער — האָט זיך אויך דאָרט געפירט אַן אינערלעכער קאַמף צי „התחיה" זאָל זיך שטעלן אויפן קלאַסן-שטאַנדפּונקט צי ניין. גרינבוים און שפּרינצאַק האָבן געהאַלטן, אַז „התחיה" זאָל בלייבן אַ ריין-ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע, בעת טאַבענקין, ראַסקין, יצחק זייגערמאַכער, איך און אַנדערע האָבן געהאַלטן, אַז „התחיה" דאַרף זיך באַטייליקן אין פּאָליטישן קאַמף און דאַרף בכלל זיך שטעלן אויפן קלאַסן-שטאַנדפּונקט. אָנהייב 1904 האָבן מיר געצוווּנגען די אָנפירונג פון „התחיה" צו רופן אַן אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג, וועלכע האָט באַדאַרפט אָנטשיידן די אויבנדערמאָנטע פראַגע. די פאַרזאַמלונג איז פאָרגעקומען אין אַ שבתדיקן נאָכמיטאָג אויף קאַרמעליצקע 27 און זי איז געווען זייער אַ שטורמישע. פון

80 אַנוועזנדע חברים, זענען מיט אונז געבליבן אַ 60, און בלויז 20 חברים זענען אַוועק מיט גרינבוימען און שפּרינצאַקן.

עטלעכע חדשים האָבן מיר אין אייגענעם קרייז געפירט דיסקוסיעס סיי וועגן די אויפגאַבע פון אונזער גרופּע, סיי וועגן דעם, וואָס פאַרא נאָמען אונזער גרופּע זאָל אָננעמען. סוף־כּל־סוף האָבן מיר באַשלאָסן צו רופן זיך „פּועלי־ציון" און מיר האָבן גיך אָנגעהויבן צו פירן אַ פּראָפעסיאָנעלע טעטיקייט. אונזער בירזשע האָבן מיר געהאַט אויף מוראַנאָווסקע גאַס, און אין דער קאַוויאַרניע גענשע 19 איז געווען אונזער צוזאַמענקונפטס־אָרט. אַ היפּשע צייט האָבן מיר עקזיסטירט אַלס פאַראייניזאַמטע אָרגאַניזאַציע, נישט האָבנדיק קיין שום קאָנטאַקט מיט אַנדערע גרופּן און נישט געוווּסט אַפילו צי עס עקזיסטירן נאָך ערגעץ־ווו פּועלי־ציון־אָרגאַניזאַציעס.

צו יענער צייט האָבן מיר געהאַט אָרגאַניזירט די פּראָפ. פאַריינען פון קאַמאַשנשטעפּער, אייַנבינדער, קאַפּעלן־אַרבעטער, סטעמפּל־מאַכער, מעל־אָנגעשטעלטע, זייגערמאַכער און אַנדערע פאַכן און אַ דאַנק דעם האָבן מיר דעם ווינטער פון יאָר 1904־5 פאַרנומען אַ גאָר אָנגעזעענע ראָל אינם וואַרשעווער אַרבעטער־לעבן און ביים שאַפן דעם זעלבסטשוץ קעגן די פּאָגראָמען האָבן מיר געשפּילט אַ באַדייטנדע ראָל. דער צאַרישער רעזשים האָט אונז אָבער נישט געשוינט און ביי אונז האָבן זיך אָנגעהויבן זייער אָפטע רעוויזיעס און אַרעסטן. אַ גרויסע צאָל חברים פון אונזער גרופּע איז אַרעסטירט געוואָרן און אַ טייל האָבן צוליב אומלעגאַליטעט געמוזט פאַרלאָזן וואַרשע.

איינמאָל האָבן מיר אָפּגעהאַלטן אין קאַוויאַרניע אויף גענשע 29 א פאַרזאַמלונג פון אונזער אַקטיוו. עס זענען אָנוועזנד געווען 70 פון אונזערע בעסטע און אַקטיוווסטע חברים, איז אָנגעקומען פּאָליציי און אונז אַלעמען אַרעסטירט. מען האָט אונז אָפּגעפירט אַ טייל אין די פּאָרטן פון ציטאַדעל און אַ טייל אין די פאַרשידענע תּפיסות־פעסטונגען. אויפן וועג האָבן אונז די קאָזאַקן מערדערלעך געשלאָגן, אַזוי, אַז קומענדיק אין די תּפיסות זענען מיר שוין געווען צעבלוטיקטע און פאַרמוטשעטע. אַ טייל פון די אַרעסטירטע זענען נאָכן אָפּזיצן עטלעכע חדשים באַפרייט געוואָרן, בעת די איבעריקע זענען פאַרבליבן אויף אַ לענגערער צייט אין די טורמעס. אינדרויסן האָט זיך אָבער די אַרבעט נישט אָפּגעשטעלט. די איבערגעבליבענע חברים האָבן אויסגעפירט די וויטערדיקע אַרבעטן אין די אָרגאַניזאַציע איז נאָך יענעם אַרעסט געקומען צו זיך.

דערווייל איז אָנגעקומען די צייט, ווען די צאַרישע מאַכט האָט געגעבן איר כלומרשטע קאָנסטיטוציע און זי האָט אַרויסגעגאַרט די אַרבעטער אין גאַס אַריין צו מאַניפעסטאַציעס, מאַכנדיק דערביי אַ שרעקלעכע שחיטה. אונזערע חברים — דערונטער אויך אַסך אַזעלכע וועלכע זענען שוין באַפרייט

געוואָרן פון ערשטן אַרעסט, האָבן דעמאָלט גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין די גאַסן-קאַמפן און האָבן דערפאַר באַצאָלט מיט זייער לעבן.

אויפן צווייטן טאָג נאָך יענע קאַמפן האָבן מיר אויף מוראַנאָווסקע 34 אָרגאַניזירט אַ דיסקוסיע-פאַרזאַמלונג מיט די דאַמאָלסדיקע „איסקראָווצעס", אָבער אינמיטן ברען פון דער דיסקוסיע איז אָנגעקומען אַ מיליטערישע אָפּטיילונג — אַ ראָטע „וואָלינצעס" און מ'האָט אונז אַלע אָפּגעפירט אין פינפטן פּאָרט. אויפן וועג אין 5-טן פאָרט אַריין האָבן די „וואָלינצעס" דריי פון אונזערע חברים דערשטאָכן מיט זייערע באַגנעטן אויף טויט. די איבעריקע, וואָס זענען געבליבן לעבן, זענען געווען אַזוי צושלאָגן און צושטאָכן, אַז אַ פּאָר טעג האָבן מיר זיך געפונען אין אַ באַוווסטלאָזן צושטאַנד. אַפּויצנדיק אַ לענגערע צייט, זענען אַ טייל פון אונז באַפרייט געוואָרן, און אַרויסקומענדיק האָט מען ווידער געטראָפן אַ גאַנצע ריי נייע חברים ביי אַקטיווער פּאַרטייאישער און פּראָפעסיאָנעלער אַרבעט. צו יענער צייט זענען אַ ריי בונדישע טוער — צווישן זיי אויך דער חבר ישראל װ ע ש ע ר — אַריבער צו אונז און די אַרבעט איז ביי אונז אַוועק מיט ברען.

ווען ס'האָט זיך אָנגעהויבן די רעאַקציע נאָכן דורכפאַל פון דער רעוואָלוציע האָבן מיר אַ **נזער** אַרבעט נישט איבערגעריסן. מיר האָבן שוין דאַן געוווסט, אַז אין אַלע גרעסערע שטעט פון אַמאָליקן רוסלאַנד האָבן זיך געשאַפן פּועלי-ציון--אָרגאַניזאַציעס און מיר זענען מיט זיי געשטאַנען אין קאָנטאַקט. פון צעזאָרפּענע אָרגאַניזאַציעס און גרופּן זענען מיר אויסגעוואַקסן צו אַ געשלאָסענער פּאַרטיי.

אַ באַזונדער ראָל האָט אונזער אָרגאַניזאַציע געשפּילט אין דער צייט, ווען ס'האָט זיך אויף דער יידישער אַרבעטער-גאַס אין וואַרשע פאַרשפּרייט אַן עפּידעמיע פון קאָמבינאַטאָרן, שטאַרקע און פּרעטענסיע-גייערס. אָט דיזאָזיקע עלעמענטן האָבן אַריינגעכאַפּט אין זייערע לאַפּעס אַריין טויזנטער יידישע אַרבעטער און פון זיי, סיי פון איינצלנע, סיי פון גאַנצע וואַרשטאַטן און פאַבריקן, אַרויסגעפּרעסט אונטער פאַרשידענע דראָונגען איינמאָליקע סומעס און אפילו באַשטימטע וואָכן-געהאַלטן. די אַרבעטער-באַוועגונג אַלס אָרגאַניזירטע האָט זיך געמוזט אַנטקייגנשטעלן קעגן דערדאָזיקער הפקרות און אויך דער וואַרשעווער פּועלי-ציון-אָרגאַניזאַציע איז אויסגעקומען צו פירן פאָרמעלע שלאַכטן מיט די קאָמבינאַטאָרן ביז זיי זענען פאַרטריבן געוואָרן פון דער אַרבעטער-גאַס. פאַרשטייט זיך, אַז די פּאָליציי איז געשטאַנען אויף דער זייט פון די אונטערוועלט-העלדן און דאָס ליקווידירן פון דער דאָזיקער פּעסט האָט אונז געקאָסט גענוג בלוט און כח. עס איז געקומען צו בלוטיקע געשלעגן מיט מעסערס און אייזנס. גרעסערע גרופּן אַרבעטער פלעגן אויף אַן אָרגאַניזירטן אופן באַפאַלן די „מלינות" פון די קאָמבינאַטאָרן און מ'פלעגט

זיי אזוי אָנגעריכן די ביינער, אַז עס האָט זיך זיי שוין אָפּגעגלוסט אַרויסצו־ פּרעסן ביים אַרבעטער דעם שווער־פאַרהאָרעוועטן רובל. מיר, פּועלי־ציון, האָבן אין דעמדאָזיקן קאַמף גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל און נישט איין חבר האָט דערפאַר באַצאָלט מיט אָפּליגן חדשים־לאַנג אין שפּיטאָל.

מיט דעם דאָזיקן קאַמף זענען מיר אָבער געוואָרן זייער פּאָפּולער ביי די אַרבעטער־מאַסן און אונזער אָרגאַניזאַציע איז זיך ברייט פונאַנדערגע־וואַקסן. צו יעדער פּאָליטישער געשעעניש האָבן מיר אַרויסגעלאָזן אומלעגאַלע אויפרופן צו דער אַרבעטערשאַפט. אָבער גלייכצייטיק מיטן וואַקסן פון אונ־זער אָרגאַניזאַציע, האָבן זיך אויך פאַרגרעסערט די רדיפות אויף אונז און עס האָבן זיך געמערט די אַרעסטן.

גראָד אין דער צייט, ווען די אַרבעט איז ברייט אַוועקגעשטעלט געוואָרן האָב איך אָבער געמוזט אַוועק אויף 3 יאָר צום מיליטער און אין יאָר 1909, ווען איך בין צוריקגעקומען פון מיליטער האָב איך באַלד צוריק אויפגענומען די פאַרבינדונג מיט דער אָרגאַניזאַציע. בראש פון וועל־כע עס זענען דעמאָלט געשטאַנען די חברים ישראל וועשער, עלע מאָסטאָוו און מרדכי באַרלאַס. אונזער אָרגאַניזאַציע האָט דעמאָלט אַרויסגעגעבן אַ גאַנ־צע רייע פון אומלעגאַלע זשורנאַלן, ווי: „די צייט", „איצט" און „קאַמף".

אויפן פּראָפּ. געביט האָבן מיר אָרגאַניזירט די האַנדלס־אָנגעשטעלטע און די האָלץ אַרבעטער און זאַגאַר אַרויסגעגעבן פאַר זיי פּראָפעסיאָנעלע זשורנאַלן, ווי: „דער האַנדלס־אָנגעשטעלטער" און „דער האָלץ־אַרבעטער". מיר האָבן אין יענעם יאָר דורכגעפירט אַ רייע עקאָנאָמישע שטרייקן און דאָס האָט אויפגערודערט קעגן אונז די מאַכט, וועלכע האָט באַשלאָסן אָן אונז זיך נוקם צו זיין מיט א פּראָוואָקאַציע. זי האָט אונז אַריינגעשיקט אַ געוויסן „יאָסלע בערשטער", וועלכער האָט זיך שפּעטער אַנטפּלעקט אַלס באַרימטער פּראָוואָקאַטאָר. ער האָט אויסגעגעבן דער פּאָליציי צוויי אָרגאַניזירטע גרופּן: די מעטאַל־גרופּע און די לעדער־גרופּע און אויך איינצלנע חברים. אַ דאַנק אים בין איך צוזאַמען מיט נאָך דריי אַנדערע חברים אַרעסטירט געוואָרן, און אַלע פיר זענען מיר פאַרשיקט געוואָרן אויף קאַטאָרגע.

וואָס איך האָב איבערגעלעבט אין דער קאַטאָרזשנער טורמע און וואָס עס איז פאָרגעקומען אין דער וואַרשעווער אָרגאַניזאַציע נאָך מיין פריי ווערן — וועגן דעם אַן אַנדערש מאָל, ביי אַ פּאַסיקער געלעגנהייט.



א גרופּע אָנפירנדיקע חברים פון ווארשע אין יאָר 1909.

פון רעכטס: (זיצן) אליהו מאָסטאָוו און ישראל וועשער (רייכמאַן)
(שטייען) אביגדור פּאָנקעוויטש און מרדכי בארלאָך.

ליאָווע

1904—1905 איז אדעס

ווינטער 1904-5. אין אָדעס האָט זיך שוין געשפּירט די אָנקומענדע רעוואָלוציע. אין דער יידישער גאַס האָט מען אַמשטאַרקסטן געפֿילט דעם ציוניזם. אין די אַרבעטער-רייען — די ס. ד. און ס. ר. דעם בונד האָט מען כמעט נישט געהערט. דער צענטער פֿון פּאָליטישן לעבן אויף דער יידישער גאַס איז געווען די ציוניסטישע שול „יבנה” אויף דער באָלשאַיאַ אַרנאַאוטס-קאַיאַ. יעדן טאָג בין מנחה למעריב פֿלעגן דאָרט פּאָרקומען הייסע דיסקוסיעס וועגן כל-ערליי פּראָבלעמען פֿון יידישן לעבן. איבערהויפּט שבת און יום-טוב איז דער גרויסער הויף פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ „בירזשע”. אַלערליי ריכטונגען, ווי ס. ד., ס. ר. און אַפילו אַנאַרכיסטן, פֿלעגן קומען אַהין ספּעציעל פֿירן פּראָפּאַגאַנדע. יעדע ריכטונג פֿלעגט בילדן אַ באַזונדערע גרופּקע און די דיסקוסיעס זענען געווען גאָר הייסע. גאַנץ אָפט פֿלעגן זיי זיך ענדיקן מיט גרויסע סקאַנדאַלן. די הויפּט-פֿראַגע, אַרום וועלכער עס האָט זיך געפֿירט דער שטאַרקסטער קאַמף אין די דיסקוסיעס, איז געווען די פֿראַגע פֿון פּראָלעטאַריזאַציע און די נאַציאָנאַלע פֿראַגע.

די ציוניסטישע אַרבעט האָט זיך געפֿירט אין קרייזלעך. איך בין געווען אַ מיטגליד אין אַ שילער-קרייז, אין וועלכן עס זענען אויך געווען עטלעכע אַרבעטער. אונזער קרייז איז געווען אין אַ גאָר נאָענטן קאָנטאַקט מיט אַ צווייטן קרייז, וועלכער האָט פֿאַרמאָגט קנאַפּע 100 מיטגלידער. די איבערוויגנדע מערהייט זענען דאָרט געווען אַרבעטער. פֿאָרזיצער פֿון דעם קרייז איז געווען אַ שוסטער, זייער אַן אינטעליגענטער און באַוווסטזיניקער חבר.

פֿאַרשטייט זיך, אַז די אַרויסגערוקטע דורך די ס. ד. סאָציאַליסטישע

לאָזונגען האָבן געמוזט עקבערן אין די מוחות פון די ציוניסטישע אַרבעטער. יעדערער פון אונז האָט מיט אַלע חושים געפילט, אַז פון איין זייט — בנוגע אונזער אַרבעטער-לאַגע — זענען טאַקי די ס. ד.-עקעס גערעכט, אָבער פון דער צווייטער זייט איז די ווירקלעכקייט פאָרט געווען אַזוי טרויעריק און יעדערער האָט געפילט, אַז עפּעס פעלט אונז דאָך אַזוינס, וואָס נאָר דער ציוניזם איז בכוח צו געבן. האָט זיך ממילא געשפּירט אַ נויטווענדיקייט צו פאַרבינדן דעם ציוניזם מיטן סאָציאַליזם.

איך געדענק נאָך גוט, ווי אין די דיסקוסיעס מיט מיינע באַקאַנטע ס. דעקעס פלעג איך טענהן, אַז איך בין אַ יידישער סאָציאַליסט, איך וויל קעמפן פאַרן יידישן פּראָלעטאַריאַט, אָבער אַזוי ווי דאָ קאָנען מיר זיך נישט פּראָלעטאַריזירן, מוזן מיר האָבן פּאַלעסטינע, בכדי די יידישע מאַסן זאָלן זיך פּראָלעטאַריזירן און קעמפן מיט מער אויסזיכט פאַרן סאָציאַליזם.

קיין ליטעראַטור האָבן מיר נישט געהאַט. עס האָט זיך געפירט אַ מינדליכע דיסקוסיע, ס'איז געווען אַ תורה שבעל-פּה. אָט צו יענער צייט האָט זיך אין אָדעס באַוויזן בער באָראָכאָוו. באָראָכאָוס קומען נאָך אָדעס האָט אויפגערודערט אונזער וועלטל. כמעט יעדן טאָג האָט ער געהאַט רעפעראַטן. די רעפעראַטן פלעגן פאָרקומען אין אַרבעטער-שטובן. די שטובן זענען געווען געפּאַקט. די רעפעראַטן האָבן געמאַכט אַ געוואַלטיקן רושם: אַלע גרופּירונגען האָבן אָנערקענט זיין געוואַלטיקע טעאָרעטישע קראַפט און מען האָט אָנגעהויבן שיקן אָפּאָנענטן. אין די רעפעראַטן האָט באָראָכאָוו אַנטוויקלט זיינע געדאַנקען וועגן די קלאַסן-מאָמענטן אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע. דריי וואָכן נאָכאַנאַנד האָט באָראָכאָוו געהאַלטן זיינע רעפעראַטן און כסדר איז ער אַרויס אַלס זיגער.

דעם לעצטן רעפעראַט האָט ער געהאַט אַ שבת צו נאַכט אויף דער מאָלדאַוואַנקע אין אַ גרויסן צימער. דער צימער איז געווען פול געפּאַקט. עס האָט געזאָלט פאָרקומען אַ גענעראַל-דיסקוסיע. אַלע גרופּירונגען האָבן געשיקט זייערע בעסטע רעדנער און טעאָרעטיקער אַלס אָפּאָנענטן. באָראָכאָוו הויבט אָן זיין רעפעראַט. דער עולם שטייט צונויפגעפּרעסט, איינער צוגעטוליעט צום צווייטן, און ווי צוגעשמידטע הערט מען זיך צו צו באָראָכאָווס לאָגישן געדאַנקען-גאַנג און מען ווערט פאַרכאַפּט פון זיין ערודיציע.

פּלוצים עפנט זיך האַסטיק די טיר און עס קומט אַריין דער באַוווסטער אין אָדעס פּריסטאַוו פון צווייטן אוטשאַסטאָק אין באַגלייטונג פון אַדזיראַטעלעס, גאָראָדאָוואָיעס און זשאַנדאַרמען. ער רופט אויס: נו, טשטאָ, ניע אָזשידאַלי מעניאַ ?! (נו, וואָס, איר האָט אויף מיר נישט געוואַרט ?!).

— „נו, ווער איז דאָ ביי אייך דער אָראַטאָר"

— איך — רוקט זיך אַרויס ח' באָראָכאָוו.

נאָך אַ פּערזענלעכער רעוויזיע ווערן אַלע איינציקווייז באַפרייט. איך מיטן חבר באָראָכאָוו שרייבן אונטער דעם פּראָטאָקאָל און מיר ווערן אויך באַפרייט. מיר גייען אַרויס אויפן גאַס און עס ווילט זיך פּשוט נישט גלויבן, אַז מיר זענען פריי. איך ראַט דעם חבר באָראָכאָוו גלייך גיין אויפן וואָקזאַל און אַפּפאָרן פון אָדעס. באָראָכאָוו דערקלערט מיר אָבער, אַז ער מוז פריער גיין אין זיין וווינונג נעמען אַ „וויכטיקן" כּתב־יד. דער „וויכטיקער כּתב־יד" איז געווען די „קלאַסן־מאָמענטן אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע", וועלכער איז אין קורצן דערשינען אין דעם חודש־זשורנאַל „יעווריעסקאַיאַ זשיזן".

באָראָכאָווס רעפעראַטן האָבן געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אויף אונז און דאָס דערשיינען פון זיין טעאָרעטישער אַרבעט האָט אונז געגעבן נאָך מער מוט. מיר האָבן באַקומען אַ שאַרף געווער אין האַנט. מיר האָבן זיך אָנגעהויבן פילן מונטערער און זיך ענגער צוזאַמענגעבונדן.

דאָך האָבן מיר קיין פּועלי־ציון־אָרגאַניזאַציע נישט געשאַפן. מיר זענען שטאַרק פאַרנומען געווען מיט דער אוגאַנדע־פראַגע. מען האָט געוואַרט אויפן קאָנגרעס. מיר זענען געווען צוגעבונדן צו באָראָכאָווס אידעען און מיט אומגעדולד געוואַרט, וואָס ער וועט אויפטון אויפן קאָנגרעס. מיר זענען געווען זיכער, אַז אויף דעם קאָנגרעס וועט באָראָכאָוו אויפטון עפּעס גרויסעס.

כאַראַקטעריסטיש. נאָכן ערשטן רעפעראַט קומט דער לייטער פון אונזער קרייז, אַ סטודענט, סאַשאַ צ. און זאָגט צו מיר מיט אַ שטראַלנדן פּנים: איך האָב פאַר דיר אַ בילעט אויף ב אָ ר אָ כ אָ וו ס רעפעראַט. איך האָב נאָך וועגן באָראָכאָוון נישט געהערט, פרעג איך ביי אים: ווער דער באָראָכאָוו איז, צי איז ער אַ גוטער רעדנער? ווער איז אַ בעסערער רעדנער: באָראָכאָוו, צי זשאַבאָטינסקי (זשאַבאָטינסקי איז דאַן געווען אין אָדעס)? דערויף ענטפערט ער קורץ און שאַרף; ב אָ ר אָ כ אָ וו איז אַ ג א ו ן, ער וועט שאַפן עפּעס אַזוינס, וואָס וועט זיין עפּאָכע־מאַכנדיק. אַזוי האָט מען שוין פון אָנהויב אָן געגלויבט אין באָראָכאָווס כּוחות.

נאָך איין שטריך וויל איך דערמאָנען: אין משך פון די דריי וואָכן האָט באָראָכאָוו קיין איין גראָשן פון די רעפעראַטן נישט גענומען פאַר זיך. אויף זיינע הוצאות האָט מען אים איינגעאָרדנט אַ ספּעציעלע פאַרלעזונג וועגן ב י ט ש ע. איבער דריי שעה האָט באָראָכאָוו גערעדט וועגן ניטשען, ציטירט גאַנצע שטיקער „זאַראַטוסטראַ" אויף אויסנווייניק און אַלעמען באַצויבערט מיט זיין טיפן אַנאַליז און גרינטלעכן פילאָזאָפישן וויסן.

פון דעמאָלט אָן האָבן מיר זיך אָנגעהויבן מער אינטערעסירן מיט „קעגנוואַרט־אַרבעט, ווי מען האָט דאַן גערופן דעם קאַמף אויפן אָרט. אין די אָקטאָבער־טעג זענען מיר אַלע געווען אַקטיוו, כאָטש מיר זענען אין קיין קאָנטאַקט מיט קיין שום אָרגאַניזאַציעס נישט געשטאַנען. בשעת זעם אַלגע-

מיינעם שטרייק האָבן מיר אַלע אַקטיוו מיטגעהאָלפן מיט וואָס נאָר מען האָט געקאָנט. מיר האָבן אויף רישעליעווסקאַ גאַס מיטגעהאָלפן אָפּשטעלן די טראַמוואַיען, ריכטיקער די „קאָנקעס". מיר האָבן אויסגעשפּאַנט די פערד און איבערגעדרייט די וואַגאָנעס, אין צוויי ערטער צוזאַמען מיט די ס. ד.-עקעס און ס. ר.-ן פאַרצויגן די גאַסן מיט שטעכעדיקן דראָט און אויפגעהאַלטן אַ לענגערע צייט די אָנקומענדע רייטער-פּאָליציי. אויפן „גרעצעסקן באַזאַר" האָבן מיר צוגעמאַכט די געשעפטן. עס זענען אָנגעלאָפן קאָזאַקן. זיי האָבן אָנגעהויבן שמייסן מיט די נאַהייקעס. איך בין אַדורכגעשפּרונגען צווישן די פערד און על-פּי-נס כמעט ווי נישט געשפּירט דעם שמיץ פון דער נאַהייקע. איך בין געלאָפן ווי אַ פאַרח'שטער אָן אָפּשטעל ביז צו דער וווינונג (איך האָב געוווינט נישט ווייט פון דאָרט). אין אַ שעה אַרום, אַ ביסל אָן אָפּגערוטער, בין איך שוין ווידער געווען אויפן פּלאַץ.

בעתן פּאָגראָם זענען מיר אַלע געווען אין דער זעלבסטשוץ, וועלכע האָט זיך סטיכיש געגרינדעט.

דעם 17-טן אָקטאָבער, ווען ס'איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן דער מאַניפעסט, האָט זיך אָנגעהויבן די גרויסע פייערלעכע דעמאָנסטראַציע, וועלכע האָט זיך פאַרענדיקט ביים אוניווערזיטעט מיט ריזיקע מיטינגען. בעת די מיטינגען איז אָנגעקומען אַ ידיעה, אַז די פּאָליציי, וועלכע מען האָט אַ גאַנצן טאָג נישט אָנגעזען אין די גאַסן, האָט אויף דאָלניצקאַיאַ איינגעאָרדנט אַ פּאָגראָם. עס איז גלייך אויפן אָרט געוואָרפן געוואָרן דער לאָזונג וועגן שאַפן אַ זעלבסטשוץ. אַלע רעדנער האָבן גערופן דעם פּראָלעטאַריאַט צום שיצן דעם זיג פון דער רעוואָלוציע, פּראָוויסאָגנדיק, אַז דער פּאָגראָם איז אַן אָנהייב פון דער קאָנטררעוואָלוציע.

מיר זענען גלייך אַלע אַוועק אויף באָלשאַיאַ אַרנאַאוטסקאַיאַ אין שול „יבנה" און זיך דאָרט אָרגאַניזירט אין איין אָטריאַד פון דער זעלבסטשוץ. פון דאָרט זענען מיר אַוועקגעגאַנגען אויף באַזאַרנאַיאַ גאַס אין אַן אייזן און געווער-סקלאַד. די אייזערנע טיר איז געווען פאַרשלאָסן. מיר האָבן נאָך אַ לענגערן שטורם געעפנט די טויער. וואָס עס איז נאָר מעגלעך און טויגבאַר געווען, האָבן מיר צוגענומען. אין משך פון דער גאַנצער צייט פון פּאָגראָם, ד.ה. 3 טעג מיט 3 נעכט, זענען מיר געווען טעטיק אין דער זעלבסטשוץ. מיר האָבן העלדיש און מיט דערפאָלג געקעמפט. אין דער זעלבשוץ האָט אויך דער בונד אַ גרויסן אָנטייל גענומען. אין דעם אָטריאַד, וווּ איך בין געווען, איז דער אָנפירער געווען אַ בונדאָוויעץ, זייער אַ העלדישער חבר. פון אונזערע חברים איז איין חבר געפאַלן אַלס קרבן פון אַ באַנדיטישער קויל.

ב. קאַטשינסקי (יוליוס)

די ערשטע קאָנפערענץ פון פוילישן פאַרבאַנד

נאָך אין אָנהויב 1905 איז אין בענדין שוין געווען אַ פועלי־ציון־אָרגאַניזאַציע. בשעת דער ערשטער רעוואָלוציע אין אָקטאָבער 1905 האָבן מיר דעמאָנסטרירט אונטער דער פועלי־ציוניסטישער פאָן און ארויסגעגעבן פאַרשידענע אייגענע אויפרופן. מיר האָבן דאַמאָלט שוין געהאַט אַ שטאַרקע און פעסטע אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט אַנטוויקלט אַ ברייטע און שטאַרקע אַגיטאַציע פאַרן פועלי־ציוניזם, נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס מיר האָבן נאָך נישט געהאַט קיין פרעציזירטן פראָגראַם.

מיר זענען געווען אין קאָנטאַקט בלויז מיט דער טשענסטאָכאָווער אָר־גאַניזאַציע.

אין אַ שיינעם פרימאָרגן איז געקומען צו אונז חבר אַלעק פון טשענ־סטאָכאָוו און האָט אונז געמאָלדן, אַז אין דעצעמבער וועט פאָרקומען אין וואַרשע אַ פועלי־ציוניסטישע קאָנפערענץ, און אַז מיר זאָלן אַהין שיקן אַ דעלעגאַט. ער האָט אונז אויך געמאָלדן, אַז די זאַך מוז זיין שטרענג בסוד.

חברים האָבן אויפגענומען די ידיעה מיט גרויס פרייד. מיר האָבן באַלד צוזאַמענגערופן אַ זיצונג פון קאָמיטעט און איך בין אויסגעוויילט געוואָרן אַלס דעלעגאַט צו דער קאָנפערענץ.

די קאָנפערענץ איז פאָרגעקומען אין אַ זייער אומרויקער צייט. צוליב די דעמאָלסדיקע באַדינגונגען האָט מען געמוזט די קאָנפערענץ אָרגאַניזירן שטאַרק קאָנספּיראַטיוו. כמעט יעדע זיצונג איז פאָרגעקומען אין אַן אַנדערן לאָקאַל

די קאָנפערענץ איז געווען זער אינטערעסאַנט: עס זענען געלעזן געוואָרן טעאָרעטישע רעפעראַטן. עס איז אויך פאָרגעלייענט געוואָרן אַ גרויסער טעאָרעטישער בריוו פון חבר באָראָכאָוו פון פּאָלטאַווע, וועלכער האָט געדינט אַלס מאַטעריאַל צו דער דיסקוסיע. עס האָט זיך שוין דעמאָלט אַרויסגעוויזן אַ מיינונגס-פאַרשידנהייט צווישן די רוסישע און פוילישע חברים. די רוסישע חברים האָבן געהאַט אַ פּראָגנאָסטישע באַגרינדונג פונם פּאַלעסטיניזם און די פּוילישע — אַ פּרינציפּיעלע.

אויף דער קאָנפערענץ האָבן געשפּילט אַ באַדייטנדע ראָל די חברים: ניר (ראַפּאַלקעס), פּאָדאָלסקי (טראַכטנבערג), מולע און האָלענדערסקי.

אינטערעסאַנט זענען געווען די באַריכטן פון די דעלעגאַטן מכּוח דער טעטיקייט פון די אָרטיקע אָרגאַניזאַציעס.

אַ גרויסע אויפמערקזאַמקייט האָט אַרויסגערופן מיין באַריכט וועגן דער בענדינער אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט דעמאָלט ווירקלעך זער פיל אויפגעטון אויף יעדן געביט. באַזונדערס איבערראַשט זענען געוואָרן אַלע דעלעגאַטן, אויסהערנדיק מיין באַריכט וועגן דער פינאַנציעלער לאַגע פון אונזער אָרגאַניזאַציע. אין דער צייט, ווען אַלע דעלעגאַטן האָבן דערציילט, אַז זייערע קאַסעס זענען ליידיק, האָב איך געמאָלדן, אַז מיר האָבן ליגן אין מזומן 300 רובל, וואָס ס'איז צו יענער צייט געווען אַ זייער באַדייטנדיקע סומע. ווען איך האָבן ווייטער געמאָלדן אין נאָמען פון דער בענדינער אָרגאַניזאַציע, אַז מיר אַסיגנירן די גאַנצע 300 רובל אויף דער גרינדונג פון אַ פּועלי-ציוניסטישן אָרגאַן, זענען אַלע דעלעגאַטן געוואָרן באַגייסטערט און האָבן מיט אמתער פרייד אויפגענומען די מעלדונג.

עס איז דאַן באַשלאָסן געוואָרן צו גרינדן אַן אָרגאַן, וועלכער איז דערשינען אונטער דעם נאָמען: „דאָס יידישע אַרבעטער-וואָרט". דערנאָך זענען פאָרגעקומען גרויסע רעפּרעסיעס, עס זענען אַרעסטירט געוואָרן פאַרשידענע וויכטיקע חברים און צוליב דעם האָט זיך געמוזט איבערטראָגן די רעדאַקציע פון דעם דערמאָנטן אָרגאַן קיין קראָקע. דער אָרגאַן איז רעדאַגירט געוואָרן דורך די חברים יאַרבלום און פּאָדאָלסקי.

דער אָרגאַן האָט געהאַט אַ גרויסע באַדייטונג פאַר דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון דער פּועלי-ציון באַוועגונג אין פוילן און האָט געוויסערמאַסן פאָרמולירט דעם פּראָגראַם פון פּועלי-ציון.

עס איז כּדאַי צו דערמאָנען, אַז די דערמאָנטע קאָנפערענץ האָט אויך באַשלאָסן צו שיקן אַ דעלעגאַט צום חבר באָראָכאָוו קיין פּאָלטאַווע, כּדי מיט אים אַרומצורעדן פאַרשידענע טעאָרעטישע פּראַגן. אַלס דעלעגאַט קיין פּאָלטאַווע איז אויסגעוויילט געוואָרן חבר בן-ציון ראַסקין. נאָך אַ געוויסער צייט איז בן-ציון אינגאַנצן פאַרשוווּנדן פון דער פּועלי-ציון-אַרענע.

בשעת דער קאָנפערענץ איז פֿאָרגעקומען דער באַקאַנטער אויפשטאַנד אין מאָסקווע, וועלכער איז דורכגעפאַלן. נאָכדעם זענען פֿאָרגעקומען אין ווארשע פֿיל רעוויזיעס און אַרעסטן. אויך אין דעם האָטעל, אין וועלכן איך האָב געוווינט איז פֿאָרגעקומען אַ רעוויזיע און עס זענען אַרעסטירט געוואָרן בערך 20 יונגעלייט. איך בין על פּי נס ניצול געוואָרן, ווייל מיין צימער איז געווען אָן אַ זייט און די פּאָליציי האָט אים צופעליק נישט באַמערקט.

די קאָנפערענץ איז געשלאָסן געוואָרן אין אַ געהויבענער שטימונג און האָט איבערגעלאָזט אַ טיפן איינדרוק אויף אַלע אָנטיילנעמער.

די קאָנפערענץ האָט געהאַט אַ גרויסע באַדייטונג פאַר דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון דער פּועלי-ציון-פּאַרטיי אין פּוילן, זי האָט פאַראייניקט אַלע צעוואָרפענע פּועלי-ציון-אָרגאַניזאַציעס אין פאַרשידענע שטעט און שטעטלעך און געלייגט אַ יסוד פאַר אַן איינהייטלעכן פּועלי-ציון-פּראָגראַם.

פון דעמאָלט אָן זענען אַוועק 25 יאָר. די פּועלי-ציון-פּאַרטיי האָט דורכגעמאַכט פאַרשידענע אַנטוויקלונגס-סטאַדיען און אין דער צייט, ווען אַנדערע פּאַרטייען (ווי צום ביישפּיל ס. ס., סיימאָוצעס, וועלכע האָבן דעמאָלט געשפּילט אַ גאַנץ באַדייטנדע ראָל אויף דער יידישער גאַס) זענען איינגאַנצן פאַרשוואונדן געוואָרן, האָט אונזער פּאַרטיי זיך כסדר אַנטוויקלט און אויסגעוואַקסן אין אַ וועלט-באַוועגונג, וועלכע נעמט אַרום פאַרשידענע לענדער און וועלט-טיילן.

פיל פון אונזערע חברים זענען געפאַלן אין קאַמף פאַר אונזער אידעאַל; פיל זענען אַוועק אין אַנדערע לאַגערן; פיל זענען פּאַסיוו געוואָרן, אָבער אויף זייער אָרט זענען געקומען פרישע יונגע חברים, וועלכע מאַרשירן ווייטער אונטער אונזער פאָן.

און מיר, עלטערע חברים פון 1905, קוקן מיט פרייד אויף די יונגע חברים, וועלכע אַרבעטן מוטיק און ענערגיש פאַר דער פאַרברייטונג פון אונזער אידעע, וועלכע איז געשמידט געוואָרן אין די יאָרן פון רעוואָלוציע.

מ. פעדער

די גראָדנער קאָנפערענץ

אין אָקטאָבער 1906 האָב איך, צוליב פּאָליטישע טעמים, געמוזט פאַרלאָזן מיין אַרבעטס-פּלאַץ אין טאָמאַשאָוו, נעבן לאָדזש. די פּאָליציייאישע באַדינגונגען אין לאָדזש און אין דער גאַנצער אומגעגנט זענען געווען אומגעהויער שווערע, און איך האָב געמוזט זיין פאַרקאָנספּירירט, צוליב מיין פּאָליטישע, טעטיקייט אין טאָמאַשאָוו.

צו יענער איז דער חבר כּתריאל צוריקגעקומען פון ווילנע קיין לאָדזש, און מיט אים איז מיטגעקומען דער חבר יהודה קרעניצע, אַ גראָדנער, וועלכער איז צוריקגעקומען פון פּאַלעסטינע, נאָכדעם ווי ער האָט דאָרט פאַרבראַכט אַנדערהאַלבן יאָר.

חבר יהודה האָט מיר געראָטן, אַז איך זאָל מיך אַריבערטראָגן קיין גראָדנע, וווּ די פּאָליציייאישע באַדינגונגען זענען נישט אַזעלכע שטרענגע, און וווּ איך וועל קענען זיין אין אָרדנונג.

כּך הוה. די גראָדנער חברים האָבן פאַר מיר אויסגעפונען אַרבעט אין כּ׳בין אַהין אַריבערגעפאָרן. דאָרט האָב איך זיך גערופן „יאַקאָוו”. די חברים אין גראָדנע האָבן זיך דאַן געפונען אונטערן איינדרוק פון די טעאָרעטישע דיסקוסיעס מיט די סיימאָוועצעס, וועלכע האָבן געפרווט אַרבעטן אין אונזערע רייען. די גראָדנער חברים האָבן זיך קאָנסאָלידירט אַלס פּועלי-ציוניסטן און גענומען אַ גאָר שטאַרקן אָנטייל אין פּאָליטישן און אויך פּראָפעסיאָנעלן לעבן פון דער גראָדנער יידישער אַרבעטערשאַפט.

אין גראָדנע האָב איך שוין געטראָפן אַ זער גרויסע און אויסגעבויטע אָרגאַניזאַציע, ביז 150 אָרגאַניזירטע חברים.

באַלד נאָך מיין אָנקומען האָבן די גראָדנער חברים גענומען אויף זיך די אָרגאַניזירונג און דורכפירונג פון דער טעאָרעטישער קאָנפערענץ פון אונזער פּאַרטיי. זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז די אָרגאַניזירונג איז דורכגעפירט געוואָרן שטרענג קאָנספּיראַטיוו אויך פאַר אַלע חברים. מ׳קאָן זאָגן, אַז מיט קליינע אויסנאָמען איז דאָס געלונגען.

צו דער קאָנפערענץ זענען געקומען ביז 25 חברים פון אַלע עקן פון רוסלאַנד. בלויז 2 חברים האָבן געפעלט: חבר באָראָכאָוו, וואָס איז צו יענער צייט געווען אַרעסטירט, און הבר א ב נ ר (בן-צבי), וועלכער איז אַרעסטירט געוואָרן, אָנקומענדיק פון ווילנע אויפן גראָדנער וואָקזאַל. פון די פּוילישע חברים זענען געווען אָנוועזנד: מ ו ל ע, נ י ר, י צ ח ק ט אַ ב ע נ ק י ן און ב ן צ י ו ן ר אַ ס ק י ן. צו דער קאָנפערענץ איז אויסער די דעלעגאַטן קיינער נישט צוגעלאָזן געוואָרן.

נאָכן פאַרענדיקן די קאָנפערענץ איז איינגעאָרדנט געוואָרן אַ באַנקעט, ווו עס האָבן שוין אויך אָנטיילגענומען איינצלנע חברים פון דער אָרגאַניזאַציע.

ליידער איז אָבער די פאַרענדיקונג פון דער קאָנפערענץ נישט אַדורך אין דער פולער אָרדנונג. דער האָטעל-באַזיצער, ווו עס האָבן געוווינט די חברים מ ו ל ע און ט אַ ב ע נ ק י ן האָט אונז אינפאָרמירט, אַז פּאָליציי זוכט זיי, און ווען זיי זענען געקומען אַהיים, האָט מען זיי טאַקי אַרעסטירט. אבנר איז געבליבן אַרעסטירט אין גראָדנע דריי וואָכן, דערנאָך האָט מען אים באַפרייט. זיין רעפעראַט „די רעאַליזירונג פון פּאַלעסטיניזם״, וועלכן ער האָט נישט געקאָנט ליינען אויף דער קאָנפערענץ, האָט מען איינגעאָרדנט פאַר אַן ענגן קרייז, צוליב פּאָליציייאישע טעמים, אין דער וווינונג פון ציוניסט בצלאל יאַפע.

גראָדנע האָט זיך דאַמאָלס אויסגעצייכנט אויף דער יידישער אַרבעטער-גאַס מיט אַ באַזונדערער אייגנאַרטיקייט. מ׳האָט דאָרט געטראָפן אָרגאַניזירטע יידישע גרופּן, נהויבנדיק פון פּ. פּ. ס., ס. ד., אַנאַרכיסטן, ס. ר., בונד, ס. ס., סיימיסטן, פּועלי-ציון און מינטשוקעס. זעלבסטפאַרשטענדלעך זענען געפירט געוואָרן הייסע דיסקוסיעס אויף דער בירזשע, און אויף יעדן פריי-טיק איז אָקופּירט געוואָרן אַ בית-מדרש, ווו עס זענען דורכגעפירט געוואָרן אַלגעמיינע דיסקוסיעס.

צו יענער צייט זענען פאָרגעקומען וואַלן צו דער צווייטער „דומע״, קאָנקורירט האָבן צווישן זיך צוויי יידישע ליסטעס: בונד מיטן קאַנדידאַט „לנר״ (גאָזשאַנסקי) און בירגערלעכע ציוניסטן — מיט לייב יפה.

פּועלי-ציון, אַלס יונגע פּאַרטיי, האָט קיין אייגענעם קאַנדידאַט נישט אַרויסגעשטעלט, נאָר לויט דער פּאָליטישער דעקלאַראַציע פון דער פּאַרטיי האָבן מיר געדאַרפט שטימען פאַר דעם בונדאָוויץ און נישט פאַרן ציוניסט.

אויף דעם געביט זײַנען פֿאָרגעקומען די ערשטע מיספֿאַרשטענדנישן אין דער אָרגאַניזאַציע. אויף אַ זיצונג פֿון גראָדנער קאָמיטעט איז באַשלאָסן געוואָרן אין הסכּם מיט דער פּאַרטיי-דעקלאַראַציע, אַז מיר שטיצן די קאַנדידאַטור פֿון בונד, און אין דער ריכטונג זײַנען געפֿירט געוואָרן אָפֿיציעלע אונטערהאַנדלונגען: אָבער שוין דאַן האָבן זיך עטלעכע חברים נישט אונטערגעוואָרפֿן דעם באַשלוס און געשטיצט די קאַנדידאַטור פֿון די ציוניסטן. כּדאַי צו באַמערקן, אַז אין דער שפּיץ פֿון יענע חברים איז געשטאַנען דער אויבנדערמאָנטער יהודה קרעניצע (היינט אַ מעבל-פֿאַבריקאַנט אין פּאַלעסטינע).

די גראָדנער אָרגאַניזאַציע איז געווען אָרגאַניזירט אויף פֿאָלגנדע יסודות: גרופּן פֿון 10 ביז 15 חברים, וועלכע פֿלעגן זיך צונויפֿקומען יעדע וואָך. די גרופּן-פֿאָרשטייער האָבן געבילדעט אַ צענטראַלע סכאָדקע, און איבער זיי איז געווען אַ קאָמיטעט, אַ קאָנספּיראַטיווער, וועלכער האָט אָנגעפֿירט מיט דער גאַנצער אַרבעט. אויסער דעם איז אויך געווען אַ קאָנספּיראַטיווער „ב. אָ." („באָיעוואַי-אָטריאַד" — קאַמפּס-דרוזשינע) אונטער דער דירעקטער לייטונג פֿון קאָמיטעט. גראָדנע איז צו יענער צייט געווען דער זיץ-אָרט פֿון ראַיאָן-קאָמיטעט. מיר האָבן באַאַרבעט דעם גאַנצן ראַיאָן.

דערבײַ וויל איך דערמאָנען אַ געוויסן עפּיזאָד. די חברים אין סאָקאָלקע האָבן דורכויס פֿאַרלאַנגט, אַז ס'זאָל קומען אַ חבר און רעפֿערירן וועגן די וואַלן. ס'איז דאַמאָלס צוליב די סכּסוכים קיין פּאַסיקער מענטש צום שיקן נישט געווען. מען האָט מיך אײַנגעפּאַקט, כּ'זאָל אַריבערפֿאָרן. נישט זייענדיק צוגעגרייט צו אַזעלכע פּאָליטישע רעפֿעראַטן האָט דער ראַיאָן-קאָמיטעט מיך פֿאַרזיכערט, אַז בײַ אַזעלכע אומלעגאַלע באַדינגונגען וועט מען קענען רעדן מאַקסימום 10 מינוט, און אויף אַזאַ צייט וועט זיך נאָך בײַ מיר געפֿינען מאַטעריאַל צום רעדן, אָדער כ'וועל באַווײַזן ווי ס'איז זיך צוגרייטן.

קומענדיק קיין סאָקאָלקע שבת נאָכמיטאָג, האָבן די חברים צו מנחה פֿאַרמאַכט די טירן פֿון בית-המדרש און קיינעם פֿון דאָרט נישט אַרויסגעלאָזט און איך האָב גענומען דאָס וואָרט צום רעפֿעראַט. כ'האָב גערעדט אַ 20 מינוט און געוואָלט פֿאַרענדיקן, ווײַל מער קיין מאַטעריאַל צום רעדן האָב איך נישט געהאַט, אָבער דער עולם איז געווען אַזוי געשפּאַנט, נישט רעכנענדיק זיך אײַנגאַנצן מיט די באַדינגונגען, האָט ער דורכויס פֿאַרלאַנגט, כ'זאָל ווײַטער רעדן. כ'האָב זיך קוים דערפֿון אַרויסגעדרייט...

אין יאַנואַר 1907 איז פֿאָרגעקומען די ראַיאָן-קאָנפֿערענץ אין גראָדנע מיט דער באַטייליקונג פֿון 15 חברים. אויף דער קאָנפֿערענץ זײַנען באַטראַכט געוואָרן אַלע פּאָליטישע און אָרגאַניזאַציאָנעלע פֿראַגן, וועלכע זײַנען געשטאַנען פֿאַר דער באַוועגונג. אַ זייער הייסע דיסקוסיע האָט אַרויסגערופֿן די פֿראַגע וועגן נאַציאָנאַלן טעראָר אַלס אַ פּוּער-מיטל אין

קאַמף מיט דער רעאַקציע. אויך בעת דער קאָנפערענץ זענען 2 דעלעגאַטן געוואָרן אַרעסטירט. די פּאַרטייאישע אַרבעט איז געוואָרן אַלץ מער קאָנספּיראַטיוו און זעלבסטפאַרשטענדלעך האָט די אָרגאַניזאַציאָנעלע אַרבעט נישט געקאָנט האָבן אַזאַ ברייטן פאַרנעם.

גראָדנע איז שטענדיק געשטאַנען אין קאָנטאַקט מיט דעם צענטער, ביי די שווערסטע באַדינגונגען פון אַרבעט האָט זי אויסגעפירט אַלע התחייבותן, וואָס זענען אויף איר אַרויפגעלייגט געוואָרן, און געשפּילט אַ באַדייטנדיקע ראָל אין קאַמף פון דער פּועלי-ציון באַוועגונג.

יאַניע

די ערשטע קאַמפּ איז קרעמענטשוג

די פּאָלטאַווער ראַיאָן־קאָנפערענץ האָט, ווי ס׳האָט זיך שפּעטער אַרויסגעשטעלט, אָפּגעשפּילט אַ וויכטיקע ראָל אין דער געשיכטע פון דער פּאַרטיי, פון איר אָרגאַניזאַציע און קאָנסטיטוציע. מיר זענען דאַמאָלס געווען צופיל פאַרטון אין דער צעמ־אַרבעט, אַז מיר זאָלן עס זען און פילן אויף ווי ווייט די השפּעה פון פּאָלטאַווע וועט גרייכן. אָבער ביי זיך און אַרום זיך האָט זיך באַלד געלאָזט פילן די השפּעה. נאָכן דעצעמבער־שטרייק, ווען די קאָמוניקאַציע איז צוריקגעשטעלט געוואָרן, איז קיין קרעמענטשוג צוריקגעקומען אונזער דעלעגאַט צו דער קאָנפערענץ חבר באָריאַ (ריאַבטשינסקי) און ער איז געווען אָנגענעם איבערראַשט, ווען ער האָט דערזען, וואָס פון אונזער אָרגאַניזאַציע איז אין פאַרלויף פון דער קורצער צייט געוואָרן. אויף אונזער בירזשע האָט גערוישט. פאַר דער צייט פון זיין אָפּוועזנהייט האָט זיך אונזער אָרגאַניזאַציע פאַרגרעסערט. מיר אַליין זענען געוואָרן פעסטער בלויז פונם באַוווסטזיין, אַז מיר זענען אויך אָרגאַניזירט. די „טעאָרעטישע״ גרופּע האָט ענערגיש געאַרבעט. אין אונזערע קרייזן זענען אַריינגעצויגן געוואָרן אַלץ מער נייע אַרבעטער. און אַ דערפרישונג איז פאַר אונז געווען די רעזאָלוציע פון דער ערשטער פּאָלטאַווער ראַיאָן־קאָנפערענץ, וואָס איז איינגנטלעך געווען אַ קאָנספּעקט פון „די קלאַסן־מאָמענטן אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע״ פון ב. באָראָכאָוו, וואָס איז טאַקי בקרוב דערשינען אין רוסישן זשורנאַל „יעווריעיסקאַיאַ זשיזן״ דעצעמבער 1905.

דאָס דערשיינען פון דער דאָזיקער אַרבעט האָט געמאַכט אַ גוואַלטיקן רושם אין די סאָציאַליסטישע קרייזן, בפרט אין די יידישע, וועלכע האָבן נאָך ביז דאַן קיין ערנסטע גרינטלעך־מאַרקסיסטישע אָפּהאַנדלונג וועגן דער נאַציאָנאַלער פראַגע נישט געהאַט. אָבער נאָך פאַר דעם האָבן מיר געהאַט די מעגלעכקייט די דאָזיקע אַרבעט צו דערקענען. אין אונזער טעאָרעטישער גרופּע האָט דער קליינער באָריאַ (באָריאַ ריאַבטשינסקי—זע „יידישער אַרבעטער פּנקס״ ז. 374) געהאַלטן אַ גאַנצע סעריע רעפעראַטן. דאָס איז געווען אַ ווידערהאָלונג פון באָראָכאָוו, אָבער מיט פיל פּירושים און פאַרטייטשונגען, וואָס האָבן דעם ענין לייכטער און פּאָפּולערער געמאַכט, בפרט, אַז נאָך די רעפעראַטן פלעגן פאָרקומען לאַנגע וויכּוחים און אויפקלערונגס־שמועסן.

די טעאָרעטישע רעזאָלוציעס פון פּאָלטאַווער ראַיאָן־קאָנפערענץ האָבן אַריינגעטראָגן אַ סדר אין אונזערע מוחות, אין אונזערע אַגיטאַציע־מעטאָדן און מיר האָבן זיך געלאָזט אין אָנגריף.

די ס. ס., וועלכע האָבן צו יענער צייט געבילדעט אַ שטאַרקע אָר־גאַניזאַציע, האָבן „דערפילט״, אַז מיר עקזיסטירן. מיר האָבן זיך געוואָרפן אויך אויפן בונד און אַ טייל פון אונזערע אַגיטאַטאָרן האָבן אָנגעהויבן באַ־זוכן די בירזשע פון בונד און דאָרט זיי צווינגען אויפנעמען אונזערע דיס־קוסיעס. צו יענער צייט איז ביים בונד געווען, אויב איך האָב נישט קיין טעות, ליטוואַק, און איינמאָל האָבן מיר אים אויף דער בירזשע געצווּנגען אויפנעמען אַ דיסקוסיע, אין וועלכער ס׳האָבן זיך פון אונזער זייט באַטייליקט יאַשאַ גאַליאַק און אַנ״ד.

באָריאַ ר. איז אויסגעוויילט געוואָרן אין ערשטן ראַיאָן־קאָמיטעט און ער האָט איבערגענומען די ראַיאָן־אַרבעט. זענען מיר במילא שוין מער געוואָרן אָנגעוויזן אויף זיך אַליין און אָנגעהויבן ווערן זעלבשטענדיקער. דער וויבּ־שער איז אַדורך אין אינטענסיווער אַגיטאַציע און אָרגאַניזאַציע־אַרבעט. דערווייל האָט זיך געגרייט דער פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר, וועגן וועלכן ס׳האָבן ביי אונז געוווּסט נאָר די מיטגלידער פון קאָמיטעט. אַפילו די מיטגלידער פון דער צענטראַלער סכאָדקע און פון דער טעאָרעטישער גרופּע האָבן וועגן דעם נישט געוווּסט. מ׳האָט עפּעס געהערט וועגן פּראָיעקטירטע טעאָרעטישע באַ־ראַטונגען, באַקומען גרויסן וועגן דער נייער מגפה פון „סיים״, „סיימיזם״.

גלייך ביים דערהאַלטן די ערשטע גרויסן פון די סיימיסטן האָבן מיר זיך צוגעגרייט זיי אָפּצוּווענדן און געריכט זיך, אַז פיל פון זיי זאָלן צו אונז אַריבערקומען. און ס׳איז נישט געווען אומזיסט: איינער נאָכן אַנדערן האָבן צו אונז גענומען קומען אונזערע קרעמענטשוקער חברים, וועלכע מ׳האָט ביי אונז געקענט פאַר פּועלי־ציון־חברים, מעלדן זיך אין אָרגאַניזאַ־ציע, און ווען זיי פלעגן אַריינגענומען ווערן, אָנהויבן אויף דער בירזשע אַן

אַגיטאַציע נישט דערקלערנדיק זיך פאַר סיימאָוועס, נאָר אָנגעבנדיק זיך אַלס „פועלי־ציון". מיר זענען אָבער שוין באַצייטנס געווען דערצו פאָרגע־ברייט און זייערע פרווון האָבן זיך דעריבער אָנגעטראָפן אויף אַ האַרטער וואַנט. ראָגאַטשעווסקי, מיינער און באָריאַס אַ געוועזענער שול־חבר, און אַנדערע שליחים פון יעקאַטערינאָסלאַוו און פון טשערקאַסי זענען ביי אונז באַלד דעמאַסקירט געוואָרן און זייערע באַמיונגען צו כאַפּן נשמות זענען נישט געלונגען.

פון צוזאַמענפאָר, וועלכער איז פאָרגעקומען אין פּאָלטאַווע, האָט שוין אונז באָריאַ געבראַכט פרישע תורה. דער „קאָמוניסטישער מאַניפעסט" פון פועלי־ציון, ווי מ'האָט אין די סאָציאַליסטישע קרייזן גערופן די „קלאַסן־מאָמענטן פון דער נאַציאָנאַלער פראַגע", האָט פאַר אונז געשאַפן די יסודות פון אונזער טעאָרעטישער באַגרינדונג; נאָכן צוזאַמענפאָר איז פאַר אונז געקומען אויך די אָפּשאַצונג פון די אַנדערע פאַרטייען — באָראָכאָווס „אונזער פּלאַטפאָרם", וועלכע איז שפּעטער געדרוקט געוואָרן אין „יעווריסקאַיאַ ראַבאָטשאַיאַ כראָניקאַ" האָט אין פאַרלויף פון אַ קורצער צייט יעדער פון אונז, צוהערערס פון דער טעאָרעטישער גרופּע, געקענט, ווי אַ ישיבה־בחור — אשרי. די גלענצנדע און טרעפלעכע כאַראַקטעריסטיקס פון בונד, ס. ס. און סיימאָוועס, האָבן פאַר אונז אַלעמען געעפנט ממש נייע האָריזאָנטן. ווייניקער ווי אין אַ חודש האָט יעדער פון אונז די רעפעראַטן געמוזט ווידערהאָלן.

אויב אין דער ערשטער צייט איז דער אונטערשיד צווישן אונז מיט הויפּטזעכלעך די ס. ס. געווען אין דער פראַגע פון פּאַלעסטינע אָדער אוּגאַנדע, איז איצט דער אונטערשיד געוואָרן שאַרפער אונטערגעשטראָכן אין דער אויפפאַסונג פון אונזער לאַגע און דיאַגנאָז. ליטוואַקאָווס פּעסימיזם, וועלכן ער האָט אויסגעדריקט אין זיין אַרטיקל („יידישער פּראָלעטאַריער" נומ. 1, אַרטיקל פון ניצוץ), זיין דעגענעראַציע־טעאָריע איז דורך אונז שטאַרק באַקעמפט געוואָרן און צווישן אונז האָט אָנגעהויבן אויסוואַקסן אַלץ אַ גרעסערער תהום, וועלכער האָט געצויגן זיין יניקה נישט נאָר אינם אופן פון לעזן דאָס טעריטאָריאַלע פּראָבלעם, נאָר אין דער אָפּשאַצונג פון דער סטאַטיק און דינאַמיק פון יידישן לעבן.

נישט אַלע האָבן זיך דערין אָריענטירט, בפרט אין די צייטן פון פאַר־שידענע „טאָלקן", ווען אַפילו ביי די ס. ס., וועלכע האָבן שוין עקזיסטירט באַלד 2 יאָר אַלס איינהייטלעכע פּאַרטיי, איז נישט אַלץ קאָנסאָלידירט געווען און זייערע „טעאָרעטיקער" פלעגן טאַקי אָפט נעבעך געשטרויכלט ווערן, אַריינכאַפּנדיק אַ ביסל פועלי־ציוניסטישע תורה.

די פועלי־ציוניסטישע תורה איז געווען מיינסטנס טעאָריע שבעל פה.

איינצלנע אָפּהאַנדלונגען האָבן זוכה געווען צו זען די ליכטיקע שיין. אָט זענען דערשינען דריי ערנסטע טעאָרעטישע אַרבעטן פון אַ גאָר נייעם פועלי־ציוניסט, וואָס קיינער האָט וועגן אים פריער נישט געהערט. אינם זעלבן רוסישן חודש־זשורנאַל „יעווריעיסקאַיאַ זשיזן" האָבן זיך באַוויזן אַרטיקלען פון ז א ר: „נאַציאָנאַלע ווירטשאַפט און טעריטאָריע", „סטאַטיק און דינאַמיק פון יידישן פּראָלעטאַריאַט", „סטאַטיק און דינאַמיק פון דער יידישער ווירקלעכקייט". באָראָכאָווס „אונזער פּלאַטפאָרם" איז נאָכן פאָלטאַווער צוזאַמענפאָר, נאָך איידער זי איז אָנגעשריבן און אָפּגעדרוקט געוואָרן, פאַנאַנדערגעטראָגן געוואָרן איבער גאַנץ רוסלאַנד און פונקט, ווי ס'איז געווען ביי אונז דער פאַל מיט דער גאַנצער פועלי־ציוניסטישער תורה בכלל אויפגענומען געוואָרן און איז געוואָרן אַנאָנים — פועלי־ציוניסטיש.

ביים נאָמען פועלי־ציון, וועלכער איז געווען פּאָפּולער, האָבן זיך געהאַלטן אַלע נאַציאָנאַלע סאָציאַליסטישע גרופּן. אַפילו די ס.ס., וועלכע האָבן זיך אויף זייער פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר אַ נאָמען געגעבן „ציוניסטן־סאָציאַליסטן", האָבן די ערשטע צייט ביי אונז געברויכט דעם נאָמען פועלי־ציון. בעת עס האָט זיך אָנגעהויבן די סיים־מגפה אין אונזערע רייען, האָבן די סיימאָוועצעס, בפרט די יעקאַטערינאָסלאַווער, ווו דער נאָמען פועלי־ציון איז געווען מערער פּאָפּולער, זיך באַמיט צו דערהאַלטן דעם נאָמען פאַר זיך און אונז, די קעגנער פון דער סיים־וואָזראָזשדענטשעסקע קאָנצעפּציע, גערופן „באָראָכאָווצעס".

נישט מיר, און נישט באָראָכאָוו אַליין אין זיין באַשיידנקייט האָבן די דעפיניציע נישט געוואָלט אָננעמען. מיר זענען די ס. ד. פועלי־ציון. מיטן „ס אָ צ י אַ ל ד ע מ אָ ק ר אַ ט י ש ע" האָט דאַמאָלט געהייסן אונטערגעשטראָכן די מ אַ ר ק ס י ס ט י ש ע סאָציאַליסטן, אָן אָפּגרענצונג פון די רעוויזיאָניסטישע און ס. ר. גרופּן. כ'דערמאָן זיך אַ כאַראַקטעריסטישן פאַל פון יענער צייט, וואָס האָט פאַר אונזער אָרגאַניזאַציע געבראַכט אַ גרויסן דערפאָלג. איינמאָל, אָנהויב זומער 1906, זענען צו אונז געקומען צוויי יונגע ס. ס. טעאָרעטיקער — מאַקעדאָנטשיק (פּראָפ. סאָקאָלאָווסקי, וועלכער איז איצט באַרימט געוואָרן אינם מאָסקווער מענשעוויקעס־פּראָצעס) און אַ צווייטער — כ'קען זיך נישט גענוי דערמאָנען — יאַפּאָנטשיק אָדער קיטאַיטשיק. די ס. ס האָבנדיק אַזעלכע צוויי גדולים, האָבן איינגעאָרדנט אַ גרויסע מאַסאָווקע אויף אַ דניעפּר־אינזל. מיר האָבן שוין אַזוי זיך פאַרזיכערט אין דער טעאָרעטישער פּראַקטיק פון אונזערע חברים, אַז מיר האָבן באַשלאָסן צו שיקן אַלע אונזערע חברים און אַרויסשיקן צוויי אָפּאָנענטן - קלמן שולמאַן און יאַשאַ גאַליאַק.

די פאַרזאַמלונג איז אויסגעפאַלן אַן אימפּאָזאַנטע — אין איר האָבן אָנטיילגענומען 400—500 מאַן. מאַקעדאָנטשיק איז געווען די וויסנשאַפטס-

אַרטילעריע, קיטאַיטשיק — אַ גלענצנדער שאַרפער פּאָלעמיקער — האָט אים געדאַרפט אַרויסהעלפן, אויב ס'וועט נויטיק זיין.

און מאַקעדאָנטשיק איז נעבעך געשטרויכלט געוואָרן. ער האָט אין זיין באַגרינדונג פון נאַציאָנאַלן פּראָגראַם געבראַכט דעם גאַנצן ערשטן קאַפּיטל פון „אונזער פּלאַטפאָרם".

מיר האָבן ערשט וואָס באַקומען דעם ערשטן נומער פון אונזער צווייוואָכנבלאַט „יעוורעיסקאַיאַ ראַבאָטשאַיאַ כראָניקאַ". יעדער פון אונז, וואָס איז געווען אַזוי שטאַרק אויסגעהונגערט אויף אַ געדרוקט וואָרט, האָט ממש געשלונגען, דאָס הייסט, אַז כמעט יעדעס וואָרט האָט מען געקענט אויף אויסווייניק. זענען מיר טאַקי דערשטוינט געוואָרן, דערהערנדיק אינם רעפעראַט פון מאַקעדאָנטשיק דעם ס.ס., די מאַרקסיסטישע פּ אָ ז י ט י ו ע באַגרינדונג פון דער נאַציאָנאַלער פראַגע, די אויפפאַסונג פון דער יידישער אַרבעטערפראַגע א. אַ. וו. ס'איז אַדורך אַ מינוט נאָכדעם ווי מאַקעדאָנטשיק האָט געענדיקט זיין רעפעראַט און איינער נאָכן צווייטן האָבן זיך פאַרשריבן צום אָפּאָנירן—קלמן, יאַשאַ גאָליאַק און אַ יעקאַטערינאָסלאַווער סיימאָוויעץ. גאָליאַק, אַ רויקער, פאַרטראַכטער, האָט לאַנג גערעדט און דערוויזן, אַז דער פּרעלעגענט איז נישט קיין ס. ס. דער עולם האָט געהערט, אָבער צוליב די לייקנדע צווישנרופן פון קיטאַיטשיק האָט גאָליאַק קיינעם נישט איבערצייגט. און דאָ איז געקומען די באָמבע. קלמן האָט פון ג ע ד ר ו ק ט ן נומער אַרויסגעלייענט די שטעלן פון „אונזער פּלאַטפאָרם", און סיי דער עולם, סיי דער רעפערענט האָבן געמוזט אָנערקענען, אַז די טעאָרעטישע באַגרינדונגען טרעפן זיך צונויף. פון דאַנען איז געקומען דער אויספיר, אַז אויב מיר אַלע אָנערקענען מאַרקס לערע און רופן זיך מאַרקסיסטן, מוזן מיר אויך אָנערקענען באָראָכאָווס טעאָריע און באַגרינדונג פונם פּועלי-ציוניסטישן „קאַפּיטאַל" און זיך רופן „באָראָכאָוויסטן". ד אָ האָבן מיר דאַמאָלס מיט כבוד אויפגענומען דעם נאָמען באָראָכאָוויסטן, קעגן וועלכן מיר פלעגן זיך אַלע מאָל ווערן. אָבער דער פינאַל איז געווען אַ גאָר פיקאַנטער.

נישט האָבנדיק קיין געדולד אָפּצוואַרטן ביז דער נייער נומער וועט אָנקומען, פלעגן חברים ביי אַ געלעגנהייט ברענגען פון פּאָלטאַווע אָפּצוגן פון די אַרטיקלען, וואָס דאַרפן ערשט געדרוקט זיין אינם קומענדיקן נומער. און צו אונזער גליק האָט פּאַסירט, אַז מיר האָבן געהאַט אין אונזער רשות דעם אָפּשניט פון „אונזער פּלאַטפאָרם" וועגן די ס. ס. און קלמן האָט זיך נישט געפוילט אים איבערצולייענען. דער עפעקט איז געווען אַ געוואַלדיקער קיטאַיטשיקס פיילן האָבן שוין מער נישט געקענט אָפּראַטעווען דעם דורכפאַל יענעם טאָג האָבן מיר געפייערט דעם ערשטן גלענצנדן דערפאָלג פון אונזער געדרוקטן וואָרט. ביי אַלעמען איז נעבליבן דער איינדרוק, אַז געזיגט האָבן

די פּועלי-ציון. און נאָך שענער איז געווען דער אײַנדרוק, ווײַל געזיגט האָבן די אָ ר ט י ק ע חברים, בעת אַנטקעגן זענען געשטאַנען די „באַוווּסטע טעאָרעטיקער", ווי ס'האָבן זיי רעקלאַמירט פֿריער די ס. ס.

יעדער נומער פֿון דער „י. ר. כ." האָט פֿאַר אונז געבראַכט נײַע מעגלעכקייטן צו פּאַרפּעסטיקן און פֿאַרטיפֿן אונזער פּועלי-ציוניזם שוין אַלס גאַנצע קאָנסאָלידירטע אידעע. מיר האָבן שוין באַקומען דעם אָפּגעדרוקטן 3-טן נומער, מיר האָבן שוין געהאַט אָפּצוגן פֿונם 4-טן נומער מיטן אַרטיקל פֿון זאַר וועגן „דרייסטע ווערטער און פֿחדנישע געדאַנקען" (אַ צעשמעטערנדע קריטיק פֿון די סיימיסטישע טעאָריעס), ווען ס'איז דערהאַלטן געוואָרן די ידיעה, אַז אין פּאָלטאַווע איז אַדורכגעפֿאַלן די גאַנצע אָנפֿירונג און ס'זענען אַרעסטירט געוואָרן באָרעכאָוו, באָריאַ (וועלכער איז געווען סעקרעטאַר פֿון רע-דאַקציע און זיך אַהינגעצויגן אין פּאָלטאַווע). דער אַרכיוו און די קאָרעספּאָנ-דענץ זענען אַרײַנגע-פֿאַלן אין די הענט פֿון דער זשאַנדאַרמעריע. די „י.ר.כ." איז אָפּגע-שטעלט. ווי אַ דונער אין מיטן העלן טאָג ס'האָט אונז געטראָפֿן די ידיעה. ס'האָט זיך געדאַכט, אַז אַלץ וועט בלײַבן שטיין, אָבער האָט נאָר גע-דויערט אַ פּאָר טעג. באַלד האָט זיך די אַרבעט געריִרט ווײַטער. נײַע חברים האָבן איבערגענומען די אָנפֿירונג און די אַרבעט אין די אָרגאַניזאַציעס האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט.

בײַ אונז האָבן מיר ווײַטער פֿאָרטגעזעצט די לינקע אַרײַנצורײַסן זיך אין די פּראָפֿעסיאָנעלע פֿאַרײַנען. די גרויסע מאַסן אַרבעטער זענען געווען אומ-פֿאַרטייאיש און די אָנפֿירער פֿון די פּראָפֿעסיאָנעלע פֿאַרײַנען האָבן צווישן זיי ווערבירט אָנהענגער פֿאַר די פּאַרטייען, צו וועמען די אָנפֿירער האָבן געהערט. קיין פּראָפֿעסיאָנעלע טוער זענען בײַ אונז נישט געווען, — האָבן מיר זיי גענומען שאַפֿן. דער ראַיאָן-קאָמיטעט — ווען באָריאַ איז אַריבערגעפֿאָרן קיין פּאָלטאַווע — האָט צו אונז קאָמאַנדירט דעם חבר אַברהם לײזער, אַן אינטע-ליגענטן אַרבעטער פֿון פּרילוקי, וועלכער איז געוואָרן בײַ אונז פּראָפֿעסיאָ-נאַל. צוליב קאָנספּיראַטיווע טעמים האָבן מיר אים בײַ אונז אָנגערופֿן „איז-ראַאיל" און אונטער דעם נאָמען האָט ער בײַ אונז אָנגעהויבן ווירקן.

אריה

ב. באָראָכאָוו אין לאָדזש

ב. באָראָכאָוו איז געווען אין לאָדזש אָנהויב זומער 1907. הגם ס׳זענען שוין זייט דאַן פאַריבער 25 יאָר און פאַרשידענע פּרטים האָבן זיך שוין פאַרווישט אין מיין זכרון, איז דאָך נאָך ביזן הייגטיקן טאָג פריש ביי מיר דער איינדרוק, וואָס זיין באַזוך האָט דאַן געמאַכט אין אונזער יונגער לאָדזשער אָרגאַניזאַציע.

ס׳איז געווען די צייט פון שאַרפער רעאַקציע—נאָך דער אונטערדריקונג פון דער רעוואָלוציע איז געפאַלן די קאַמף-שטימונג ביי די אַרבעטער-מאַסן. דאָ און דאָרט האָט נאָך פון צייט צו צייט אויפגעפלאַקערט דער קאַמפס-ווילן פונם אַרבעטער-קלאַס, אָבער די צאַרישע מאַכט האָט מיט בלוט און אייזן אונטערדריקט יעטוועדן פּרווו פון רעוואָלוציאָנערער אָרגאַניזירונג און אַרויסטרעטונג.

שיצנדיק זיך פאַר דער נקמה פון די צאַרישע סאַטראַפּן, פאַר טורמעס און פאַרשיקונגען, איז די גרעסטע צאָל רעוואָלוציאָנערע פירער אַרויסגעפאָרן אין אויסלאַנד און פון דאָרט פאַקטיש אָנגעפירט מיט דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין לאַנד. אויך באָראָכאָוו איז נאָכן אַרעסט אין פּאָלטאַווע אין 1906 געווען געצוווּנגען צו פאַרלאָזן רוסלאַנד. אויפן וועג קיין עסטרייך האָט ער טאַקע באַזוכט לאָדזש.

באָראָכאָווס נסיעה איז געווען אַן אומלעגאַלע. נישט וועלנדיק שטעלן באָראָכאָוון אין אַ נייער סכנה, האָבן מיר זיין באַזוך געהאַלטן שטאַרק קאָנספּיראַטיוו און נישט דערלאָזט, אַז ער זאָל עפנטלעך אַרויסטרעטן. אָבער אין די ריי׳ען פון די חברים האָט זיך די ידיעה וועגן זיין קומען גיך פאַרשפּרייט

און אַרויסגערופן אַ גרויסע פרייד. באַראַכאָוו איז שוין דאַן געווען דער אָנערקענטער פירער פון דער פועלי-ציון באַוועגונג. זיין באַזוך, הגם מיר האָבן אים נישט געקאָנט אויסנוצן, ווי דאָס וואָלט נויטיק געווען, האָט דאָך שטאַרק געהויבן אונזער זעלבסטבאַוווסטזיין און אויף דעם אופן גאַנץ אָנ-זפּעודיק געווירקט אויף אונזער אַקטיוויטעט.

באַראָכאָוו איז געקומען קיין לאָדזש צוזאַמען מיט זיין פרוי, חברטע ליובע. גלייך נאָך זיין קומען האָט זיך פאַר אונז געשטעלט אַ זער האַרבע פראַגע — ווו טוט מען אים אַהין? קיין שום קאָנספּיראַטיווע דירה איז נישט געווען גענוג זיכער. צו געפינען אַ זיכערן אָרט פאַר אַן אומלעגאַלן טוער איז געווען כמעט אוממעגלעך. די צאַרישע שפּיאָנען-נעץ איז געווען ברייט פאַרלייגט; די פּראָוואָקאַציע איז אַריינגעדרונגען אין אַלע ווינקעלעך פון דער אַרבעטער-באַוועגונג. דער באַלעבאַטישער עולם, וואָס האָט געהאַט סימפּאַטיעס צו דער רעוואָלוציע—אַמאָל אויסבאַהאַלטן אַ פעקל ליטעראַטור אָדער געלאָזן איבערנעכטיקן אַ גערודפטן טוער – איז געווען שטאַרק טעראָריזירט און מער נישט געוואָלט העלפן.

מיר האָט מען איבערגעגעבן אויסצוגעפינען אַ וווינונג פאַר באַראָכאָוון. ווי לאַנג ער האָט געזאָלט פאַרווײלן אין לאָדזש איז נישט געווען באַשטימט. מ'האָט זיך פאַרבונדן מיט די בענדינער חברים, וועלכע האָבן געזאָלט צוגרייטן דעם ענין מיטן אומלעגאַלן איבערגיין די גרענעץ – אָבער ווען דאָס האָט געקאָנט אַרויסקומען איז נישט געווען קלאָר.

אין אָט דער קלעם האָב איך זיך געווענדעט צו מיין מוטער— אַ פרוי, וועלכע האָט מיטן גאַנצן האַרצן מיטגעפילט דעם גערעכטן קאַמף פון אַרבע-טער-קלאַס, און דאָ טאַקע געפונען, ווי געוויינלעך, די פריינטלעכע הילף. אגב, די דאָזיקע באַציונג פון מיין מוטער צו אונזער אַרבעט האָט געעפנט אונזער הויז פאַר אַלע צוגערייזטע חברים. שפּעטער האָט זיך אַ לאַנגע צייט ביי אונז אויסבאַהאַלטן אויך דער ח' אַדאָלף א. (אַראַנאָוו), וועלכער איז גע-וואָרן ממש אַ בן בית ביי אונז אין שטוב, און די עלטערן מיינע האָבן זיך צו אים באַצויגן ווי צו אַן אייגן קינד. צוליב די אָפטע באַזוכן איז אָבער שוין די דירה נישט געווען אַזוי זיכער. ס'איז דעריבער געבליבן, אַז ח'טע ליובע זאָל וווינען ביי אונז און פאַר באַראָכאָוון האָבן מיר ענדלעך אויסגע-פונען אַ צווייטע דירה ביי אַ ברודער פון אונזערס אַ חבר, מאַרקסקי, וועל-כער האָט זיך געפונען אויף אַ זומער-וווינונג. די גאַנצע דירה איז געווען ליידיק; באַראָכאָוו האָט דאָרט נאָר גענעכטיקט, די גאַנצע טעג האָט ער צו-געבראַכט אין אונזער וווינונג. לאַנגע שעהן האָט ער דאָ פאַרבראַכט אין שמועסן מיט מיין פאָטער, אַן אַלטן משכיל, וועלכער איז גוט געווען באַהאַוונט אין דער העברעישער און אייראָפּעישער ליטעראַטור. איך דערמאָן זיך, ווי

אזוי ס'האָט מיך איבערראַשט, ווען איך בין דאָס ערשטע מאָל געווען ביי אַזאַ שמועס און צוגעהערט זיך צו די אינטערעסאַנטע און טיפע באַמערקונגען פון באָראָכאָוון וועגן די וויכטיקסטע און ערנסטע קולטור-פראַגן. די אַלזייטיקייט פון זיין וויסן און די אָריגינאַליטעט פון זיין דענקען איז דאָ געקומען אויף אַ בולטן אופן צום אויסדרוק. דערביי האָט באָראָכאָוו פאַר יעדן געהאַט אַ ליב וואָרט; זיין גוטע, ריין מענטשלעכע צוגעלאָזנקייט האָט ממש באַצויבערט מיין פאַמיליע; און ווען עס איז געקומען די צייט און באָראָכאָוו האָט געדאַרפט אוועקפאָרן, האָבן עס אַלע דערפילט כמעט ווי אַ פערזענלעכן פאַרלוסט...

ביי אונז אין שטוב האָט זיך באָראָכאָוו אויך געטראָפן מיט די חברים. הגם מיר האָבן געהאַלטן שטרענג בסוד דאָס אויפהאַלטס-אָרט פון ח' באָראָכאָוו און נאָר ווינציקע חברים האָבן פון אים געוווסט, פלעגט מען זיך פאָרט טאָג-טעגלעך צונויפקומען און שעהנלאַנג פאַרברענגען ביים ב טראַכטן אַלגעמיין פּאָליטישע און פאַרטייאישע פראַגן. באָראָכאָוו האָט זיך שטאַרק אינטערעסירט מיט די פרטים פון אונזער אַרבעט און גענומען אַ לעבעדיקן אָנטייל ביים באַהאַנדלען די פראַגן פון אונזער טאָג-טעגלעכער פּראַקטישער אַרבעט.

דערוויילט האָבן אונז געמאָלדן די בענדינער חברים, אַז אַלץ איז צו-געגרייט צו איבערגיין די גרענעץ. גלייך נאָכדעם ווי מיר האָבן באַקומען די ידיעה איז באָראָכאָוו אַרויסגעפאָרן; כדי ער זאָל זיין מער כשר אין וועג האָב איך אים געגעבן מיין פּאַס. מיר האָבן זיך צונויפגערעדט מיט די בענ-דינער חברים, זיי זאָלן אונז גלייך מעלדן, ווי נאָר באָראָכאָוו וועט זיין אויף יענער זייט גרענעץ. דערווייל זענען פאַרביי טעג נאָך טעג, און מיר האָבן קיין שום ידיעה נישט באַקומען. אין אונזערע רייען האָט מען אָנגעהויבן צו ווערן אומרויק. די דאָזיקע אומרויקייט איז אַזוי ווייט געשטיגן, אַז מיר האָבן זיך ענדלעך אַנטשלאָסן אַרויסצושיקן דעם ח' מולע קיין בענדין, ער זאָל דאָרט אויפן אָרט דערגיין וועגן גורל פון באָראָכאָווס נסיעה.

אין בענדין האָט ח' מוליע גאָרנישט נישט געקאָנט דערגיין. קיינער פון די חברים האָט אים נישט געקאָנט געבן קיין גענויע אינפאָרמאַציעס, הגם אייניקע בענדינער חברים האָבן פּאַקטיש אָרגאַניזירט דעם איבערגאַנג איבער דער גרענעץ. די ידיעות פון ח' מוליע האָבן אונז נאָך מער באַאומ-רויקט. ערשט אין סאָסנאָוויעץ האָט ח' מוליע פעסטגעשטעלט, אַז באָראָכאָוו איז בשלום אַריבער די גרענעץ און געפינט זיך שוין אין קראָקע.

מיר האָבן לייכטער אויפגעאָטעמט.

י. קענער

מיין ערשטע אומלעגאַלע נסיעה

אין אַ זומערדיקן טאָג פון יאָר 1906, ווען איך בין אַזוי געזעסן ביי מיין אַרבעט אַלס סעקרעטאַר פון עסטרייכישן פועלי־ציון־פאַרבאַנד, אין דער קאַנצעלאַריע פון האַנדלס־אַנגעשטעלטן פאַריין „אַחדות“, אין קראָקע, אויף דער דיטלגאַס 56, איז אַריינגעקומען אַ פרעמדער יונגערמאַן און זיך פאָר־געשטעלט אַלס פועלי־ציון־חבר פון קאָנגרעס־פוילן.

אינם שמועס, וואָס עס האָט זיך אַנטוויקלט צווישן מיר און דעם פרעמדן חבר, בין איך געוואָר געוואָרן, אַז ער הייסט יהודה־לייב פיינער, אַז ער איז אַ בענדינער און איז געקומען פריוואַט צו אַ קראָקעווער פראָפעסאָר, אין צוזאַמענהאַנג מיט זיין געזונט־צושטאַנד.

מיר זענען גיך באַפריינדעט געוואָרן און מיר האָבן זיך קעגנזייטיק אינפאָרמירט וועגן די פאַרהעלטנישן אין דער רוסלענדישער און אין דער עסטרייכישער פאַרטיי. איינע פון די ערשטע און עיקרדיקסטע פראַגן, וואָס האָבן ח׳ פיינערן אינטערעסירט צו וויסן, איז געווען: ווי אַזוי מיר, די עסט־רייכישע פועלי־ציון, פאַסן אויף דעם פאַלעסטיניזם? צי מיר זענען פרינ־ציפיעלע פאַלעסטינצעס, צי פראַקטישע, צי פראָגנאָסטישע פאַלעסטינצעס, ווי עס זענען די רוסלנדישע פועלי־ציון, בעת דער פוילישער פאַרבאַנד איז — לויט דער אינפאָרמאַציע פון חבר פיינער — געשטאַנען אויפן באָדן פון פרינציפיעלן פאַלעסטיניזם.

איך האָב דערויף געענטפערט, אַז אין דער עסטרייכישער פאַרטיי איז

בנוגע דער דאָזיקער פראַגע נישטאָ קיין אייגנהייטלעכע שטעלונג און פּאָק־טיש איז עס טאַקי אַזוי געווען. דער רוב זענען געווען פּרינציפּיעלע פּאַ־לעסטינצעס, ס'זענען אָבער אויך געווען אַ היפּש ביס, „פּראַקטישע" און „פּראָגנאָסטישע" פּאַלעסטינצעס, און עס זענען אויך געווען אַסאַך אַזעל־כע, ביי וועלכע דער צוגאַנג, ווי אַזוי און צוליב וואָס מיר קומען צום פּאַלעסטיניזם, איז זיי געווען פולשטענדיק גלייכגילטיק. דער עיקר איז פאַר זיי געווען דער אויספיר גופא, דער פאַקט, אַז מיר זענען פּאַלעסטינצעס אָן שום דריידלעך...

הגם איך האָב זיך פאַרן חבר פיינער דעקלאַרירט אַלס פּראָגנאָסטי־שער פּאַלעסטיניצע, האָט דאָס אים פונדעסטוועגן נישט געשטערט מיך איינ־צולאָדן קיין בענדין אויף אַ רעפעראַט. ערשטנס, האָט ער געוואָלט, זאָלן זיך די בענדינער חברים באַקענען מיט אַ פּועלי־ציוניסט פון דער עסטרייכישער פּאַרטיי. צווייטנס, האָט ער געהאַלטן, וועט אַ פּראָגנאָסטישע באַגרינדונג פונעם פּאַלעסטיניזם, — שטאַרקער קענען צעקלאַפּן די ס.ס., וועלכע זענען צו יענער צייט נאָך געווען גאָר־גאָר שטאַרק אין גאַנצן זאַגלעמביער געגנט.

קורץ פאַר זיין צוריקפאָרן אַהיים האָבן מיר אָפּגעשמועסט, ווען איך דאַרף קומען קיין בענדין און ווי אַזוי איך דאַרף זיך צו אים דערפרעגן.

כדי דורכצופאָרן די גרענעץ, האָט מען געדאַרפט האָבן אָדער אַן אויסלענדישן פּאַס, אָדער, לכל־הפּחות, אַזאַ פּאַסירשיין (פּול־פּאַסעק), וועלכן ס'האָט געקענט באַקומען יעדער געשעפטסמאַן אויף אַ משך פון 8 טעג. איך האָב אָבער אַזאַ פּאַסירשיין נישט געקענט באַקומען ווייל מיין שייכות צו דער עסטרייכישער אַרמיי איז נאָך דעמאָלט נישט געווען „רעגולירט"... קיין שום פאַרברעך לגבי דער אַרמיי בין איך חלילה נישט באַגאַנגען, נאָר איך האָב פּשוט נישט געהאַט קיין צייט זיך צוצושטעלן צום פאַבאַר און דערפאַר בין איך נישט געווען אין אָרדנונג מיט מיינע דאָקומענטן. אַ גאַנץ יאָר האָט דאָס מיר גאָרנישט געשטערט אין מיינע נסיעות איבער אַלע עסטרייכישע פּראָווינצן, אָבער אַרויסבאַקומען אַ פּאַסירשיין אויף עטלעכע טעג קיין קאָנגרעס־פּוילן, האָב איך צוליב דעם נישט געקענט.

אין נויט ווערן אָבער געבוירן גוטע „איינפאַלן" און איך האָב זיך געווענדעט צום חבר יידל נוסבוים (בשעתו אַ טוער אין אונזער עסטריי־כישער באַוועגונג), אַז ער זאָל פאַר זיך אַרויסנעמען אַזאַ פּאַסירשיין און ער זאָל אים דאַן מיר אויסבאָרגן אויף עטלעכע טעג.

יידל נוסבוים איז געווען בטבע אַ גוטער און דיסציפּלינירטער חבר. ווען ער האָט געהערט וועגן וואָס ס'האַנדלט זיך, איז ער אַוועקגעגאַנגען אין דער פּאָליציי־דירעקציע און אויפן אַנדערן טאָג האָט ער מיר געבראַכט דעם פאַרלאַנגטן פּולפּאַסעק אויף זיין נאָמען.

באַקומענדיק דעם פּאַסירשײַן בין איך געווען אַזוי איבערראַשט פֿון דעם געדאַנק, אַז אָט־אָט וועל איך באַלד זײַן אין רוסלאַנד... איך וועל פֿאַרזוכן דעם טעם פֿון אומלעגאַלע פֿאַרזאַמלונגען און וועל זיך נאָך דערצו באַנוצן מיט אַ פֿרעמדן פּאַס... אַז איך האָב אים אַפֿילו נישט אָנגעקוקט, נאָר בין גלײַך געלאָפֿן צום צוג.

ערשט זיצנדיק אין צוג צווישן קראָקע און ג ר אַ נ י צ אַ (די פֿאַרמלחמהדיקע גרענעץ־סטאַציע צווישן עסטרײַך און רוסלאַנד) האָב איך אַרײַנשטודירט אין מײַן נײַעם דאָקומענט, כּדי זיך אײַנצוחזרן די נעמען פֿון מײַנע נײַע טאַטע־מאַמע... בײַ דער געלעגנהייט האָב איך אויך דורכגעקוקט די איבעריקע רובריקן און צו מײַן גרעסטן דערשטוינען האָב איך דערזען, אַז לויטן דאָקומענט בין איך גאָר אַ העל־בלאָנדער, אַ הויך־וווּקסיקער, מיט אַ לענגלעך פּנים און מיט 4 יאָר עלטער, ווי כ'בין אין דער אמתן...

פֿאַרשטייט זיך, אַז דערפֿון איז מיר געוואָרן גאָרנישט פֿויגלדיק אויפֿן האַרצן און מײַנע פֿאַנטאַזיעס האָבן שוין געמאָלן בילדער, ווי אַזוי איך פֿאַל אַדורך און ווי אַזוי די צאַרישע זשאַנדאַרמען פֿאַרשיקן מיך אַש קיין סיביר... בינר־לבינו בין איך אָבער שוין אָנגעקומען קיין גראַניצאַ און אײדער ווער־וואָס־ווען, האָב איך שוין באַדאַרפֿט ווײַזן מײַן פּאַסירשײַן. אָנגעקומען זענען מיר מיטן עסטרײַכישן צוג אויף ד ע ר זײַט פֿון וואָקזאַל און וועלנדיק אײַנשטײַגן אינעם רוסישן צוג, האָט מען באַדאַרפֿט דורך דער גרעניץ־קאַמער אַריבערגײן אויפֿן פּעראָן פֿון י ע נ ע ר זײַט וואָקזאַל. איך האָב זיך „געמאַכט האַרץ" און האָב מאַרשירט מיט אַלע פּאַסאַזשירן צוגלײַך. ווען די גרעניץ־זשאַנדאַרמען האָבן מיך באַטאַפּט פֿון אַלע זײַטן, גענישטערט אין די קעשענעס, בין איך געווען אַ בריה און כּלומרשט געשמייכלט... אָבער ווען עפּעס אַן ע ל ט ס ט ע ר מיט רויטע בענדלעך האָט אָנגעהויבן אַרײַנצוקוקן אין מײַן פּאַסירשײַן, בין איך געוואָרן נאָך רויטער ווי זײַנע בענדלעך און איך האָב געהאַט דעם אײַנדרוק, אַז איך האָב פֿאַרלוירן דאָס לשון...

ס'ווײַזט אָבער אויס, אַז אָט דער עלטסטער האָט זיך ווייניק־וואָס אויסגעקענט אין די פּוילישע און דײַטשע אותיות, מיט וועלכע ס'איז געווען אויסגעפֿילט דער עסטרײַכישער פּולפּאַסעק פֿון הויכן און העל־בלאָנדן ייִדל נוסבוים מיטן לענגלעכן פּנים, און ער האָט מיר אים תּיכּף צוריקגעגעבן, אָנווײַזנדיק מיר מיט וועלכער טיר איך דאַרף אַרויס אויפֿן פּעראָן.

איבערגעקומען די רעוויזיע, האָב איך געמיינט, אַז איך בין שוין פּטור געוואָרן פֿון אַלע צרות און איך בין גלײַך געלאָפֿן צו [illegible] קאַסע כּדי צו קויפֿן אַ באַן־בילעט קיין בענדין. שטעלט אײַך אָבער פֿאָר מײַן פֿאַרצווייפֿלונג, אַז אַ צוג גייט ערשט דעם אַנדערן טאָג זייגער 8 אינדערפֿרי, בעת איצט איז ערשט 5 אַזייגער נאָכמיטאָג. מער ווי אויף אַ באַן־

בילעט 3-טע קלאַס האָב איך נישט געהאַט און וואַרטן אויפן פּעראָן, צי אַפילו אין וואָרטעזאַל מיט אַ פרעמדן פּולפּאַסעק אַ גאַנצע נאַכט, איז נישט געווען קיין גאַנץ „זיכערער" ענין און איך האָב געמוזט זוכן אַן אַנדערן אויסוועג...

איך האָב זיך באַלד פאַרשטענדיקט מיט אַ פּויליש-רעדנדיקן באַן-קאָנדוקטאָר, וועלכער האָט באַדאַרפט אין אַ שעה אַרום אָפּפאָרן מיט אַ משא-צוג קיין בענדין. אַנשטאָט צו קויפן אַ בילעט האָב איך אים אָוועקגעגעבן די באַטרעפנדיקע סומע און ער האָט מיך אַריינגעזעצט אין זיין בודקע...

ס'איז געווען אַ שיינע אויסגעשטערנטע זומער-נאַכט. די רייזע האָט געדויערט שרעקלעך לאַנג, פון 6 אינאָוונט ביז 2 ביינאַכט. ס'איז געווען מוראדיק לאַנגווייליק, געמישט מיט שרעק פאַרן אומבאַשטימטן... דעם רוב צייט פון דער נסיעה האָב איך פאַרבראַכט אויף די טרעפּלעך פון דער בודקע, געקוקט אין וויטן חלל פון די פרעמדע פעלדער, זיך דערפרייט מיט יעדן בלישטשנדיקן פייערל, וואָס האָט זיך דאָ און דאָרט באַוויזן פון דער ווייטנס אין די פּויערישע הייזלעך, און זיך דענערווירט פונם אומהיימלעכן בילן פון די דאָרפישע הינט... די איבריקע צייט — ווען מיר זענען געשטאַנען אויף אַ סטאַציע — האָב איך זיך געמוזט אַריינרוקן אין קאָנדוקטאָרס בודקע, כדי די איבריקע באַנערס, וואָס זענען געווען באַשעפטיקט מיט אויסלאָדן און איינלאָדן די סחורות, זאָלן מיך נישט דערזען. אין אַזאַ „פּאַרפּאַקטן" צושטאַנד האָב איך, צוזאַמען מיט אַלע קאַסטנס און פּעקלעך, געמוזט מיטמאַכן דאָס אַהער- און אַהין-שיבן פון די וואַגאָנען און ערשט ווען מיר האָבן פאַרלאָזט די סטאַציע, פלעג איך אַ פאַרמאַטערטער אַרויסקריכן פון מיין באַהעלטעניש, כדי אַביסל פרייער אָפּצואָטעמען...

ערשט 2 אַזייגער נאָך האַלבער נאַכט, האָט מיר דער קאָנדוקטאָר אָנגעזאָגט די בשורה, אַז מיר זענען שוין אין בענדין. אָבער אַזוי ווי אויסשטייגן אויף דער סטאַציע גופא איז אַ געפאַר, האָט ער מיר געהייסן אַראָפּשפּרינגען אין מיטן גאַנג פון צוג און „אַ פּאָר שריט" צוגיין צו פוס ביז איך וועל קומען נאָענט צו דער סטאַציע. ער האָט מיר געוויזן די ריכטונג, ווו איך דאַרף גיין און מיך געעצהט, אַז האַרט פאַר דער סטאַציע זאָל איך זיך אַריבערדראַפּען איבער אַ גאָרטן-פאַרצוימונג און איך וועל זיך שוין געפינען אויפן וועג, וואָס פירט גלייך אין שטאָט אַריין.

באין ברירה, האָב איך געפאָלגט און מיט אַ זעלטענער לייכטזיניקייט בין איך אַראָפּגעשפּרונגען פון גייענדיקן לאַסטצוג. ביים שפּרינגען האָב איך אויסגענוצט מיינע דערפאַרונגען אַלס געוועזענער ג י מ נ אַ ס ט י ק ע ר (לויט דער היינטיקער טערמינאָלאָגיע וואָלט עס געהייסן אַלס געוועזענער „ספּאָרטלער"...) און ס'איז מיר גאָרנישט געשען קיין שלעכטס. אָבער די „פּאָר

שריט" ביז צו דער סטאַציע האָבן זיך צעצויגן אויף אַן ערך 4–3 קילאָמעטער און נאָך אַ האַלבער שעה איינזאַמען מאַרש אין דער זייט פון דער באַן־ליניע, אונטער דער באַגלייטונג פון אַ זעלטזאַמער הינטישער מוזיק, האָב איך אָנגעטראָפן די גאָרטן־פּאַרצוימונג. איבער וועלכער איך בין אַריבערגעקראָכן און זיך טאַקי שוין געפונען אויפן שאָסיי אין שטאָט אַריין.

ראשית־כל האָב איך זיך אַ טאָפּ־געטאָן ביי דער קעשענע, צי איך האָב נאָך מיין איינציקן פאַרמעגן — דעם פּאַסירשיין אויפן נאָמען פון יידל גוטסבוים און דערנאָך האָב איך זיך געלאָזט אַ פריילעכער אין שטאָט אַריין. הגם אַ צופרידענער, וואָס די דאָפּלט־אומלעגאַלע נסיעה איז מיר געלונגען, האָב איך זיך אָבער, שפּאַצירנדיק 3 פאַרטאָג איבער די בענדינער גאַסן, פאַרטראַכט איבער דער פראַגע, וואָס טו איך איצט? קיין געלט אויף אַ האָטעל האָב איך נישט געהאַט, גיין קלאַפּן אין דער קאַוויאַרניע, ווו חבר פיינער האָט זיך מיט מיר באַשטעלט, איז געווען צוועקלאָז, ווייל דאָרט איז דעמאָלט סיי ווי קיינער נישט געווען, אַזוי, אַז איך בין באמת געווען אין דער גרעסטער פאַרלעגנהייט.

גייענדיק אַזוי פאַרטאָג פאַרטאָן אין מחשבות, האָב איך פּלוצים באַמערקט, ווי פון דער וויטנס שלייכט זיך אַ ווייסער סילועט. פאַרשטענדלעך, אַז פאַר מתים האָב איך שוין דעמאָלט קיין מורא נישט געהאַט, אָבער ווי עס קומט אין מיטן שטאָט, 3 פאַרטאָגס, אַ פיגור אין תּכריכים, האָב איך אויך נישט געקענט פאַרשטיין... דאָס רעטעניש האָט זיך מיר אויפגעקלערט ערשט ווען די ווייסע פיגור האָט זיך דערנענטערט צו מיר און איך האָב פאַר מיר דערזען אַ... יידישן בעקער־אַרבעטער. נו, אויב אַן אַרבעטער און דערצו אַ יידישער, האָב איך זיך אָנגענומען מיט דרייסטקייט און אים געפרעגט, צי ווייסט ער אפשר ווו עס וווינט איינער אַ יונגערמאַן מיטן נאָמען יהודה לייב פיינער. דערהערט פיינערס נאָמען, איז דער בעקער געוואָרן מיט מיר גאָר היימיש. „אַ, איר זענט אַוודאי דער רעדנער פון קראָקע? איך ווייס, איך ווייס, פאַר מיר דאַרפט איר זיך נישט קאָנספּירירן. איך בין אויך אַ חבר. כ'ווייס, כ'ווייס, מיר דערוואַרטן אייך דאָ שוין עטלעכע טעג. אויף שבת גרייטן מיר צו אַ גרויסע פאַרזאַמלונג. זאָגט נאָר, זענט איר נאָר אַ גוטער מאַסאָוויעץ? מיר דאַרפן דאָ צעקלאַפּן די ס׳ ס.-אָוצעס." איך האָב געשפּילט דעם תם און געפּרוּווט אָפּהיטן די פאַרשריפטן פון קאָנספּיראַציע, טענהנדיק, אַז איך בין בלויז פיינערס אַ קרוב און איך בעט אים נאָר, ער זאָל מיך צופירן צו אים אין שטוב אַריין. דער בעקער־אַרבעטער האָט זיך אָבער נישט געלאָזט „פריי־ערן". ער האָט מיך צוגעפירט צו אַ האָטעל, אָנגעקלונגען, זיך פאַררופן אויף יהודה לייב פיינער און מיר געהייסן געבן אַ צימער. מיר האָט ער אָנגעזאָגט אַז איך זאָל שלאָפן אַזוי לאַנג, ביז מיין „קרוב" וועט מיך קומען אויפוועקן.

10 זייגער אינדערפרי, בעת איך האָב זיך שוין געהאַלטן ביים אָרומוואַשן, האָט מען אָנגעקלאַפּט אין טיר. דאָס קלאַפּן איז געווען אַ ביסל צו האַסטיק, אַזוי אַז נישט ווילנדיק איז מיר דורכגעפלויגן אַ משונהדיקער געדאַנק, אַז זשאַנדאַרמען קומען מיך אַרעסטירן. אָבער ווען די טיר האָט זיך געעפנט און ס׳איז אַריינגעקומען חבר פיינער, איז מיר געוואָרן אַ ביסל לייכטער אויפן האַרצן...

ס׳איז שוין געווען דאָנערשטיק אינדערפרי. חבר פיינער האָט מיך אַריינגעפירט אין אַ פּראָלעטאַרישער קוואַרטיר, ווו איך האָב פאַרבראַכט סיי דאָנערשטיק, סיי פרייטיק פון אינדערפרי ביז שפּעט אין אָוונט. דאָס איז געווען אונזער פּאַרטייאישע קוואַרטיר, ווו עס האָבן זיך דורך גאַנצע טעג — און דער עיקר אין די אָוונטן — געפירט לייִדנשאַפטלעכע דיסקוסיעס. אין אַן אונטערשטן שטיבל האָט געוווינט די באַלעבאָסטע פון דער קוואַרטיר און דאָרט פלעגן פאָרקומען זיצונגען, סיי פון קאָמיטעט, סיי פון די פּראָפעסיאָנעלע קאָמיסיעס. די בענדינער אָרגאַניזאַציע האָט אין יענער צייט געפירט אַ ברייט־פאַרצווייגטע פּראָפעסיאָנעלע טעטיקייט. עס זענען געווען ביי אונז אָרגאַניזירט די בעקערס, הויז־אָנגעשטעלטע, פורמאַנעס, האַנדלס־אָנגעשטעלטע און די לעדער־אַרבעטער. פון די אָנפירנדע חברים — אַ חוץ פיינערן — דערמאָן איך זיך בלויז הערשל שטאַטלער, פאַר וועלכן אַלע האָבן געהאַט גרויס דרך־ארץ צוליב זיין באַלעבאַטישער אָפּשטאַמונג און ער האָט געשמט מיט זיינע איינפאַלן ביים אַרויפלייגן גרעסערע געלט־שטראָפן אויף די אָרטיקע גבירים לטובת דער אָרגאַניזאַציע. גאַנץ זאַגלעמביע האָט אין יענעם זומער געקלונגען מיט אַ „מעשה", וואָס חבר הערשל שטאַטלער האָט אָפּגעטאָן אַ בענדינער גביר, דערפאַר, וואָס יענער האָט זיך אָפּגעזאָגט איינצוצאָלן אַ געוויסע סומע פאַר דער פועלי־ציון־אָרגאַניזאַציע אַלס שטראָף פאַר אַ באַגאַנגענעם חטא לגבי זיינע אָנגעשטעלטע. הערשל האָט דעם גביר אַרויסגעבאַרט צום טייך, כדי זיי זאָלן זיך דאָרטן באָדן און ווען דער בעל־דבר איז שוין געווען אינגאַנצן אויסגעטון, אָדם נאַקעט, זענען ווי פון אונטער דער ערד אויסגעוואַקסן עטלעכע יאַטן מיט קראָפּיווע־בעזימער אין די הענט און זיי האָבן דעם גביר אַזוי אויסגעשמיסן פון אַלע זייטן, אַז ער האָט אַוש געטאַנצט בואי בשלום... פאַרשטייט זיך, אַז נאָכדעם ווי ס׳איז אים נאָר בעסער געוואָרן, האָט מען אים צוויסן געטאָן, אַז פאַרן שמייסן מוז ער באַצאָלן כך־וכך. דאָסמאָל האָט ער שוין באַצאָלט און טאַקי נישט קיין אַנדערער האָט ביי אים איינקאַסירט די שטראָף, נאָר חבר הערשל שטאַטלער בכבודו ובעצמו...

אין יענער קוואַרטיר האָב איך זיך אָנגעהערט אַסאַך אַזעלכע מעשיות, וועלכע האָבן פאַר מיר, דעם עסטרייכער, געקלונגען פּשוט ווי מעשיות פון טויזנט און איין נאַכט. אָבער טאָמער האָב איך אין אַ מאָמענט געצווייפלט

אין וועלכער ס'איז פון זיי, האָט מיך די שבתדיקע פאַרזאַמלונג איבערצייגט, אַז די בענדינער פועלי־ציון מעג מען און מען דאַרף אַלץ גלויבן.

אויף שבת נאָכן עסן איז געווען גערופן אַ דיסקוסיע מיט די ס. ס. די פאַרזאַמלונג איז געווען אַן אומלעגאַלע און זי איז גערופן געוואָרן אין אַ בית־מדרש. פאַרן גיין אויף דער פאַרזאַמלונג האָב איך באַקומען פון קאָמיטעט עטלעכע רובל, כדי ווי אַ זאַך מאַכט זיך, זאָל איך האָבן אין קעשענע אַ פּאָר רובל, און טאָמער געלונגט עס אונז יאָ און די דיסקוסיע ווערט פאַרענדיקט בשלום, זאָל איך פון דאָרט גלייך שפּאַנען צום צוג. איך בין געזעסן אין קאָוויאַרניע און געוואַרט אויף אַ שליח, אַז איך מעג שוין קומען. פונקט 3 אַזייגער איז דער שליח געקומען און מיך אַריינגעפירט אין בית־המדרש אַריין. איך בין זיך מודה ומתודה, אַז דער אופן, ווי אַזוי דער רעפעראַט איז אָרגאַניזירט געוואָרן, האָט מיך מער פאַרינטערעסירט, ווי דאָס, וואָס דער רעפעראַט דאַרף זיין. מיר האָט געוואַלדיק אימפּאָנירט דער פאַקט, וואָס דער בית־המדרש איז פון אַלע 4 זייטן געווען אַרומגערינגלט מיט אונזערע שומרים, מיט חברים פון דער קאַמף־דרוזשינע און דאָס גאַנצע געסל וואָס האָט געפירט צום אַריינגאַנג פון בית־המדרש איז געווען באַוואַכט מיט חברים. ביי דער טיר גופא זענען פון ביידע זייטן געשטאַנען צו 2 חברים מיט „שפּייערס" אין די קעשענעס. אַריינגעלאָזט האָט מען נאָר „פועלי־ציוניסטן און ס. ס.־אָווצעס. (קיין בונדאָווצעס זענען דעמאָלט — פונקט ווי היינט — נישט געווען) און ווער ס'איז אַריינגעקומען איננווייניק, דער האָט פון די 2 ביי דער טיר דיזשורירנדע חברים, באַקומען אַ מעלדונג, אַז אין מיטן דער דיסקוסיע טאָר מען נישט אַרויסגיין און דערביי האָבן זיי דיסקרעט געוויזן, וואָס זיי האָבן אין די קעשענעס...

דאָס בית־המדרש איז געווען פול געפּאַקט פון הונדערטער און הונדערטער אַרבעטער און אַרבעטערינס מכל־המינים. עלטערע, ייִנגערע און אַפילו אַ היפּש ביסל גאָר יונגטלעכע, וואָס ס'איז דאָן געווען אַ זעלטענע דערשיינונג, אַבער אין בענדין (און אויך אין סאָסנאָוויץ) האָט שוין דעמאָלט עקזיסטירט אַ „קליינע פועלי־ציון"־אָרגאַניזאַציע און זי איז מאָביליזירט געוואָרן צו דער דאָזיקער פאַרזאַמלונג.

מיין רעפעראַט האָט געדויערט איבער 2 שעה. אַזויפיל האָט ער געמוזט דויערן, ווייל אויב נישט וואָלט איך — לויט ס'האָבן מיך געראָטן די חברים — נישט געווען אויסגענומען ביי דער „מאַסע"... וואָס איך האָב דעמאָלט גערעדט, איז אָסור, אויב איך געדענק נאָך אַפילו, איין זאַך. איך געדענק בלויז, אַז נאָך מיר האָט גערעדט אַ ס. ס.־אָוויעץ, וועלכן די בענדינער ס. ס. האָבן אויף יענעם שבת אַראָפּגעבראַכט אַזש פון טשענסטאָכאָוו (נישט אומזיסט איז טשענסטאָכאָוו געבליבן עד־היום די פעסטונג פון די געוועזענע

ס. ס. און די היינטיקע „אומאָפּהענגיקע״...). אַזוי ווי מיין אָפּאָנענט האָט געענדיקט און איך בין אַרויף אויפֿן בעלעמער, כּדי אים אָפּצוענטפֿערן, האָט „עמיצער״ פֿון דער מאַסע געטון אַ ברום, אַז ס׳דאַכט זיך, אַז פּאָליציי גייט, און מער האָט מען נישט באַדאַרפֿט. דער דאָזיקער ברום האָט זיך אין איין אויגנבליק פֿאַנאַנדערגעטראָגן איבערן גאַנצן בית-המדרש און דער גאַנצער פֿיל-הונדערטער קעפּיקער עולם האָט זיך מיטאַמאָל אַ לאָז געטאָן צום אַרויס-גאַנג. ס׳איז שיער געקומען צו אַ קאַטאַסטראָפֿע. נאָר אַ דאַנק די קאָמיטעט-מיטגלידער איז עס אָפּגעלאָפֿן רויק. איינער פֿון זיי האָט באַלד אויסגערופֿן: לאָזט אייך נישט פּראָוואָצירן! ס׳איז נישטאָ קיין פּאָליציי! די טיר-היטער האָבן מיט זייערע „שפּייערס״ זיך אַנטקעגנגעשטעלט און נישט דערלאָזט, אַז דער עולם זאָל זיך צעלויפֿן אין פּאַניק. ערשט ווען ס׳איז געקומען אַ באַפֿעל פֿונם קאָמיטעט, אַז מען קען אויף אַ רויקן אויפֿן אַרויסלאָזן, איז די טיר פֿון בית-המדרש געעפֿנט געוואָרן. די גאַנצע שיער-נישט קאַטאַסטראָפֿע האָט זיך געענדיקט בלויז דערמיט, וואָס איך האָב מער נישט געקענט קומען צום שלוס-וואָרט. ווי ס׳האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, איז דאָס טאַקי געווען אַ שפּיצל פֿון די ס. ס., ווייל דאָס טאַקי האָבן זיי געוואָלט, כּדי ס׳זאָל ביי אַ טייל פֿונם עולם בלייבן כאָטש אַ שטיקל איינדרוק פֿון זייער טשענסטאָכאָווער אָפּאָנענט...

ווילנדיק גיין פֿון בית-המדרש צום צוג, איז צו מיר צוגעקומען אַ 12-יאָריקער דעלעגאַט פֿון דער סאָסנאָוצער אָרגאַניזאַציע פֿון די „קליינע פּועלי-ציון״ און מיר געמאָלדן, אַז אין סאָסנאָוויץ וואַרט אויף מיר אַ פֿאַרזאַמלונג פֿון „קליינע פּועלי-ציון״ און זיי פֿאַרלאַנגען דורכויס, אַז איך זאָל שוין אַרי-בערקומען צו זיי.

איך האָב זיך געזעגנט מיט די בענדינער קאָמיטעטשיקעס און בין גלייך אָפּגעפֿאָרן קיין סאָסנאָוויץ. מיין פֿאָר-שעהדיקער באַזוך אין סאָסנאָוויץ אין יענעם יאָר און מיין צוריקרייזע קיין קראָקע, איז ווערט אַ באַזונדער קאַפּיטל — יעדנפֿאַלס אַ קלענערס ווי בענדין — וואָס איך וועל אַמאָל טון ביי אַ פּאַסיקער געלעגנהייט. איצט וויל איך בלויז פֿאַרענדיקן דערמיט, אַז מיין אויבנגעשילדערטע נסיעה, מיין רעפֿעראַט אין בענדין און דאָס באַקע-נען זיך מיט דער בענדינער אָרגאַניזאַציע, זענען צו יענער צייט געווען אַ געשעעניש נישט נאָר אין מיין פּאַרטייאישער טעטיקייט, נאָר בכלל אין מיין לעבן, אַ געשעעניש, וואָס האָט אויף מיר געמאַכט אַזאַ שטאַרקן איינדרוק, אַז איך האָב במשך פֿון יאָרן געהאַט וואָס צו דערציילן אין די גאַליצישע אָרגאַניזאַציעס, און אַז דער איינדרוק איז געווען אַ שטאַרקער איז צו זען דערפֿון, וואָס נאָך ביזן היינטיקן טאָג געדענק איך די פּרטים, גלייך ווי זיי וואָלטן ערשט נעכטן געשען.

ח. א. טאַביאַש

די גרינדונגס־צייט אין לאָדזש

אין 1904־טן יאָר איז בראש פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין לאָדזש באַשטאַנען אַ קאָמיטעט, וואָס האָט אָנגעפירט מיט דער אַרבעט אין שטאָט; דער קאָמיטעט איז געווען צונויפגעשטעלט פון פאָרשטייער פון אַגודות — אַזוי האָבן געהייסן אַלע ציוניסטישע פאַריינען, כאָטש זיי זענען געווען געוויינלעכע חברות צום דאַווענען. אין יעדער אגודה האָט זיך גרופּירט אַ באַזונדערער שיכט. אין „אוהל יעקב" — בורזשואַזע ציוניסטן; אין „מזרחי" — אָרטאָדאָקסן; אין „עטרת ציון" — אַלטשטעטישע יידן; אין „קדימה" — אינטעליגענץ. די אַרבעטער (90 פּראָצענט וועבער) אונטער דער אָנפירונג פון ליפּמאַן — הײנט אַן אומאָפּהענגיקער, און פּנחס וורזשאַנסקי (געשטאָרבן אין קריג) — אין „תקות ציון". דער וועבער פּנחס וורזשאַנסקי, אַ ייד מיט אַ גאַנץ לאַנגער באָרד, אין עלטער פון אַ פערציק יאָר איז געווען גוט באַהאַוונט אין דער יידישער ליטעראַטור *) און געהאַט אַ שטאַרקן איינפלוס אויף דער אַרבעטער־יוגנט פון יענער צייט. אונטער זיין איינפלוס איז געגרינדעט געוואָרן אַ ציוניסטישער יוגנט־פאַריין „ענפי ציון" פון לויטער אַרבעטער. דער פאַריין האָט זיך געפונען אין לאָקאַל פון „תקות ציון" אויף דרעוונאָווסקאַ גאַס. זיין אויפגאַבע איז געווע־

---

*) אין דעם בוך איבער פאָלקלאָר „ביי אונז יידן" ווערן געבראַכט מערערע לידער אין זיין נאָמען. — ח. א. ט.

יעדן שבת צו דאַווענען מיט אַ באַזונדער מנין און צו פאַרשפּרייטן דעם ציוניזם צווישן דער אַרבעטער־יוגנט. סוף 4־טן יאָר, אונטער דער ווירקונג פון די אָפטע שטרייקן און אויך צוליב דעם, וואָס מיר האָבן זיך שטענדיק געפונען צוזאַמען מיט אַרבעטער פון אַנדערע ריכטונגען, האָט אונז דער אַלגעמיין־ציוניסטישער אידעאַל שוין נישט באַפרידיקט אינגאַנצן, נישט געלעזט אַלע אונזערע פראַגן און מיר האָבן אָנגעהויבן זוכן עפּעס אַ סינטעז צווישן ציוניזם און סאָציאַליזם. די ס. ס., כאָטש זיי זענען אויך אויסגעהאָדעוועט געוואָרן אין דער שטוב פון דעם אויבנדערמאָנטן פּנחס, יעדן שבת נאָכמיטאָג אָפּגעהאַלטן פאַרזאַמלונגען אין „תקות ציון" און געווען מיט אונז אַלע פערזענלעך באַפריינדעט, האָבן אויף אונז קיין השפּעה נישט געהאַט, ווייל זיי האָבן צו יענער צייט שוין איבערגעריסן מיט פּאַלעסטינע און געפּרעדיקט אוגאַנדע.

די פאַריינס־פאַרשטייער פלעגן זיך טרעפן אויף די זיצונגען פון לאָדזשער ציוניסטישן קאָמיטעט, און אָט דאָרטן פלעגן שוין פאָרקומען רייבונגען צווישן די אַרבעטער און באַלעבאַטים. איך געדענק, ווען איינער אַ חבר האָט גערעדט וועגן הונגער און נויט, האָט זיך ד"ר י ע ל ס ק י, דער דאַמאָלסטיקער פריידיקער אין דער לאָדזשער סינאַגאָגע, אָפּגערופן צו איינעם אויפן אויער „יאָ, דער מאַן איסט הונגעריק, זאָגען זי אים, פיליכט וויל ער עסן אַווענד־בראָט ביי מיר". דאָרט האָבן מיר זיך באַקענט מיט די „קדימה"־מיטגלידער און מיט אייניקע פון זיי האָבן מיר געשלאָסן חבר־שאַפט. זיי האָבן אונז און מיר זיי אויסגענוצט קעגנזייטיק. די „קדימה" האָט געהאַט אַ ביבליאָטעק, וועלכע האָט פאַרמאָגט בסך הכל אַ 50 ביכער. די ביבליאָטעק האָט זיך געפונען ביים ח' א ר י ה ה אָ ל ע נ ד ע ר ס ק י. איך האָב דאַמאָלס נאָך געדאַוונט אין אַ חברה בחורים און האָב זיך געשטעלט פאַר אַן אויפגאַבע צו מאַכן די בחורים פאַר ציונים. צו דעם צוועק פלעג איך נעמען ביכער און זיי געבן צו לייענען די בחורים. ווען איך בין צום ערשטן מאָל געגאַנגען צום ח' אריה נאָך ביכער האָב איך זיך געפרעגט ביי זיינע שוועסטער צי אריה איז דאָ אין דער היים, האָבן זיי מיך כסדר אָנגעקוקט פאַרחידושט: אריה? ווער איז דאָס אַזאַ איינער? ביי זיי אין שטוב איז קיין „אריה" נישטאָ. ביז חבר אריה האָט מיך אַנומלטן געפרעגט פאַרוואָס איך קום נישט נאָך ביכער, האָב איך אים דערקלערט, אַז ער האָט מיר נישט געגעבן קיין ריכטיקן אַדרעס. ערשט איצט האָט זיך דאָס מיספאַרשטייעניש אויפגעקלערט, באַשר אין דער היים רופט מען אים לעאָן און ער האָט גערן דעם נאָמען א ר י ה.

מיר האָבן זיך באַקענט מיט דער אינטעליגענץ פון „קדימה" און באַשלאָסן זיך צונויפצוקומען 2—3 מאָל אין דער וואָך. די אינטעליגענטן זיי־

זענען געווען שמואל עדעלמאַן (היינט מולע), אריה האַלענדערסקי, היינטיקער ראַטמאַן, לייבל, אַ באַאַמטער אין דער ריגער קאָמערץ־באַנק (יאַקוב באָכינעק), שולמאַן שלמה—אַ דענטיסט, בנימין זאַק—אַ וועב־מייסטער, וועלכער האָט דאַמאָלס געלערנט דאָס פאַך, אברהם טענענבוים, אָדער ווי ער האָט שפּעטער געהייסן אברהם שלאָסער פון „צעירי מזרחי" — דער מחבר פון די סטאַטוטן, וועלכע האָבן געהאַט אַ פּונקט: „מתערבים אם שונים לא יקובלי לאגודתנו" דער טייטש דערפון: די וואָס מישן זיך אין פּאָליטיק, קאָנען ביי אונז קיין מיטגלידער נישט זיין. — דאַמאָלט האָט נאָך דער ציוניזם נישט געפירט קיין פּאָליטישע אַרבעט.

פון די אינטעליגענטן, וועלכע האָבן זיך באַטייליקט איין מאָל און באַלד צוקר געווען, ווייל אונזערע סאָציאַליסטישע אָנשויונגען האָבן זיי פאַריאָגט, געדענק איך בלויז דעם היינט באַקאַנטן אין לאָדזש דר. וואָלפזאָן, אַ ציוניסט. דאַמאָלס נאָך סטודענט.

פון די אַרבעטער האָבן זיך באַטייליקט פישל, אַ קאַמאַשן־שטעפּער, אַ ענטוזיאַסט, אַ ייִנגער בחור 16—17 יאָר אַלט, יושב ראש פון „ענפי ציון", איצט נאָך א"י. מרדכי ראַקאָווסקי, אַ שניצער, און דער שרייבער פון די זכרונות, אַ וועבער, מזרחיסטיש געשטימט.

מיר פלעגן זיך צוזאַמענגעקומען ס'רוב ביי דעם חבר „ייבעל, אַלעיאַ קאָשטשושקי 21, אָפּיצינע 4־טן שטאָק אין זיין קאַוואַלערסקע צימערל. יעדער פון אונז פלעגט זוכן צו דערקלערן, פאַרוואָס ער וויל צונויפבינדן דעם ציוניזם מיט דעם סאָציאַליזם. דאָס זענען געווען אייגענע פּערזענלעכע מיינונגען. מיר האָבן אויף די צוזאַמענקונפטן גאָר נישט געלעזן, נאָר גערעדט.

עס זענען אַריבער עטלעכע חדשים ביז אין אַ שיינעם זומער־טאָג איז געקומען צו אונז צופאָרן ח' שמעון (פייגעלע) און מיר האָבן זיך דערקלערט פאַר „פּועלי־ציון". די אינטעליגענץ האָט אָנגעהויבן אַריינצוקומען אין אונזערע קרייזן. מיר האָבן געגרינדעט אייניקע גרופּן, מיט דער העכסטער גרופּע האָט אָנגעפירט ח' שולמאַן. פון די בראָשורן, וואָס ער האָט מיט אונז געלעזן, געדענק איך בלויז די בראָשור „וואָס איז אַזוינס אַ נאַציאָן"? פון פיליפּ קראַנץ. דער ערשטער פרעמדער רעדנער, ריכטיקער געזאָגט אָרגאַניזאַטאָר (ווייל ער האָט נישט גערעדט פאַר קיין מאַסן, נאָר אין ענגע קרייזן) איז געווען דער חבר שמעון פרודשיצקי. זיינע פאָרלעזונגען זיינען געווען וועגן קאָנסטיטוציע, רעפּובליק און ד. גל. די פאָרלעזונגען פלעגן אין מיין גרופּע פאָרקומען שבת אין דער פרי. איך מיט נאָך אַ חבר, חיים מרדכי, אַ באַנאַבטער און באַוווסטזיניקער אַרבעטער (געפאַלן אין קריג), האָבן באַשלאָסן צו דאַוונען

השכמה און דערנאָך גיין צו דער פאַרלעזונג. איך האָב זיך געקלאָגט פאַר אַ חבר, הלמאי ח' שמעון שרייבט און רויכערט אום שבת אויף דער פאַרלעזונג און איז מחלל שבת בהפרסיה. דער חבר האָט מיר געענטפערט: אמת, דאָס יידישקייט קריגט אַ פגם דורך דעם פועלי־ציוניזם. דערפאַר קריגט אָבער דער ציוניזם אַן אַנדער פנים. ווען מיר קומען זיך צוזאַמען מיט די בונדיסטן, קאָנען מיר זיך אויסטענהן מיט זיי, זיי וועלן שוין גישט זיין אונזערע שטרייק־פירער, מיר וועלן זיך אַליין אויסקעמפן עקאָנאָמישע פאַרבעסערונג. און דאָס האָט געווירקט נישט נאָר אויף מיר, נאָר אויף די אַלע גרופן, וועלכע זיינען באַשטאַנען פון אמתע פראָלעטאַריער און האָבן דאָך נישט געפונען קיין אָרט און באַפרידיקונג אין די בונדישע, ווי אויך אין די ס״סישע רייען.

צוזאַמען מיט די „ענפי ציון״ האָבן מיר מיטגעריסן אויך דעם שוועסטער פאַריין „בת ציון״, וועלכער איז אויך באַשטאַנען פון לויטער אַרבעטערינס אונטער דער אָנפירונג פון דער משוגענער לייטשע (לייטשע וואָליגסקאַ), די ווייסע לאה (היינט טאָביאַש), דעם שרייבער פון די שורות און ח' פישל. דאַקעגן האָט זיך אונז נישט איינגעגעבן אַריינצוציען דעם פאַריין „בנות ציון״, וועלכער איז באַשטאַנען פון באַלעבאַטישע טעכטער, ער איז צוברָאָכן געוואָרן צוגלייך מיט זיין פראָטעקטאָר „קול ציון״ און די בעסערע חברים זענען אַריבערגעגאַנגען צו אונז.

די צייט איז דאַמאָלס געווען אַ שטורמישע. די בירזשעס זענען געווען יעדן אָוונט מאַסנהאַפט באַזוכט און די אַרבעט איז געווען אַ פרוכטבאַרע. אין אַ שיינעם העלן טאָג גיט מיר אָפּ דער ח' פישל — וועלכער איז שוין דאַמאָלט געווען אונזער פונקציאָנאַר — מזל־טוב! וואָס איז געשען? מיר האָבן היינט דעם ערשטן שטרייק געפירט ביי 10 שטאָפּערינס און בעזיגט. אויף מיין פראַגע: ווער האָט דעם שטרייק אָנגעפירט, ענטפערט מיר פישל: אָנגעפירט האָב איך, נאָר אַזוי ווי איניקע מיידלעך האָבן נישט געוואָלט פאַרלאָזן די אַרבעט, איז אַרויפגעגאַנגען דער ח' יאָסל קצב און ער האָט זיי געצוווּנגען צו שטרייקן. הייסט עס, אַז מיר האָבן שוין אַ „באַיאָוויעץ״ אויך. איז מיין פרייד געוואָרן נאָך גרעסער. אַ פאַרטיי אָן אַ באַיאָווקע האָט דאַמאָלס געהאַט אַ פנים, ווי אַ גביר אָן געלט.

אונזערע רייען האָבן זיך מיט יעדן טאָג פאַרגרעסערט; עס האָבן זיך אויך פאַרגרעסערט די רייען פון דער אינטעליגענץ. אַזוי האָבן אָנגעהויבן אַרבעטן די חברים שבח, היינט היינריך צימערמאַן, אַן אַסימילירטער דייטש, אַ מיטאַרבעטער פון דייטשע קונסט־צייטונגען — דאַן אַרויסגעגעבן אַ בראָשור „די טעאָריע און פראַקטיק פון דער יידישער ליטעראַטור״, שמואל מייזעל, אַ אָנגעשטעלטער (היינט אין אַרגענטינע) די חברטע

שולמית (שפּעטער די פרוי פון ח׳ מאַקרסקי) און שפּעטער, נאָך אַ לאַנגן ישוב הדעת חבר הלל מיימאָן, — געוועזענער סעקרעטאַר פון דער לאָדזשער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, וועלכער האָט אפשר מער ווי אַלע געברענגט נוצן דער פּאַרטיי מיט זיין אומדערמידלעכער פּאָפּולאַריזאַטאָרישער אַרבעט.

אונזערע ערשטע עפנטלעכע אַרויסטרעטונגען זענען פאָרגעקומען סוף 5-טן יאָר. די אָקטאָבער-טעג, ווי אויך די פּאָגראָמען נאָך דעם אָקטאָבער-מאַניפעסט, האָבן אויפגעטרייסלט די געזעלשאַפטלעכע כוחות פון אַלע שיכטן פון דער יידישער באַפעלקערונג. אויסער די גרויסע מאַסן-פאַרזאַמלונגען, וועלכע מיר האָבן איינגעאָרדנט, האָבן מיר אויך אָרגאַניזירט אַ זעלבסט־שוץ, וועלכע איז באַשטאַנען פון אייניקע הונדערט מיטגלידער. די געלט־מיטלען דערויף האָט די פּאַרטיי גענומען פון באַשטייערונגען אויף זאַמל־ליסטעס. דער עולם האָט געגעבן מיט אַן אָפענער האַנט. די זעלבסט־שוץ איז געווען איינגעטיילט אין גרופּן אין פאַרשידענע שטאָט־טיילן, פיל מאָל איז אונז אויסגעקומען אויף צו זיין אַ גאַנצע נאַכט אין וואַרטן אויף פּאָגראָמשטשיקעס. אָבער זיי זענען נישט געקומען, טיילמאָל האָט זיך אונז געדאַכט, אָט אָט גייען זיי און מיר זענען געווען גרייט זיי מקבל פּנים צו זיין מיט אונזער געווער, וואָס איז באַשטאַנען פון 2—3 רעוואָלווערן אין יעדער גרופּע — אייניקע מעסערס, לאַנגע מיט אַ האָלצערנעם שטיל, און שטעקנס לרוב. נאָך דעם מאַניפעסט פון 17-טן אָקטאָבער האָט זיך געדאַכט, אַז מען קען שוין פרייער אָטעמען און מען האָט גענומען טראַכטן וועגן שאַפן פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען. דער „בונד" האָט גערופן אַן אָרגאַניזאַציאָנס-פאַרזאַמלונג פון טעקסטיל-אַרבעטער אין דעם גרויסן זאַל פון יאַראָשינסקיס „תלמוד-תורה". דער „בונד" האָט שוין צו יענער צייט געפּרעדיקט פּאַרטייאישע פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען; מיר, פאַרקערט, זענען שוין דאַן געווען פאַר אומפּאַרטייאישע פּראָפ. פאַריינען. דער שרייבער פון די שורות איז אַרויסגעטרעטן אַלס אָפּאָנענט און פאַרטיידיקט אונזער שטאַנדפּונקט. דער סוף איז געווען, אַז דער פאַריין איז געגרינדעט געוואָרן, האָבן מיר אויך געגרינדעט אַ פאַריין פון טעקסטיל-אַרבעטער, מיט אַ פּאָר וואָכן שפּעטער, און שוין אומלעגאַל. די גרינדונגס-פאַרזאַמלונג איז פאָרגעקומען אין „עטרת-ציון". אין דער פאַרזאַמלונג האָבן אָנטיילגענומען ביז 100 פּערזאָן. עס איז געוויילט געוואָרן אַ פאַרוואַלטונג פון די חברים: פאָרזיצנדער — איטשע בער לעווקאָוויטש, אַ שערער, סעקרעטאַר — מאָגאַסטירסקי, אַ שערער, היינט אין נהלל, א״י, קאַסירער — דוד בלימבוים, אַ שערער, געשטאָרבן אין קריג. ח. א. טאָביאַש, אַ וועבער, חיים מרדכי, אַ וועבער. פייגע, אַ שטאָפּערין און באַלטשע, אַ שטאָפּערין.

דער פאַריין האָט געפירט אַ ברייטע אָרגאַניזיר-אַרבעט, נישט קוקנדיק אויף זיין אומלעגאַליטעט. די אָפּצאָלונגען זענען רעגולער איינגעפלאָסן. שטרייקן זענען געפירט געוואָרן, און — דער עיקר — געוווּנען געוואָרן. צו יענער צייט האָט דאָס געשפּילט די הויפּט־ראָלע: ווער עס האָט געוווּנען אַ שטרייק, האָבן זיך די אַרבעטער אין דעם פאַך באַלד פאַרשריבן אין דעם פאַריין און ממילא אין דער אָרגאַניזאַציע. דער פאַריין האָט געציילט ביז 400 מיטגלידער. פראָפ. פאַריינען זענען געווען פון אַלע ריכטונגען, און דאָס האָט געבראַנגט צו אָפטע סכסוכים. האָט איינער געהייסן שטרייקן, האָט דער צווייטער דעם שטרייק נישט אָנערקענט. מיר האָבן פאַר די אַרבעטער יעדן טאָג אָפּגעהאַלטן פאַרזאַמלונגען אין די גרעסערע פאַבריקן, און פון די קלענערע פלעגט מען פאַרזאַמלען איניקע אין איין לאָקאַל אַריין. די פאַבריקאַנטן האָבן אונז נישט געשטערט, ווייל אַלע האָבן געהאַסט די צאַרישע רעגירונג און געוואָלט זען איר מפּלה. אַ כאַראַקטעריסטישער קוריאָז, ביי עטינגאָנען האָבן געאַרבעט ביז 30 מיידלעך קניפּעריגס, וועלכע זענען געשטאַנען אונטער אונזער איינפלוס, פלעגט ער (עטינגאָן) אויף די פאַרזאַמלונגען דערגאַנצן אונזערע רעדעס...

מיר האָבן סוף כּל סוף געוווּנען עטלעכע בונדיסטן, וועלכע זענען מסכּים געווען מיט אונז וועגן דער שאַפונג פון אומפּאַרטייאישע פראָפּ. פאַריינען. מיר האָבן צוזאַמען מיט די בונדאָווצעס יאַנקעל פוקס, היינט דירעקטאָר פון אַ גרויסער טעקסטיל-פאַבריק אין כאַרקאָוו, חיימל שעדער, היינט אין אַמעריקע, משה וואַלעצקי, היינט אין לאָדוש, אָנגעהויבן צוגרייטן די אָרגאַניזירונג פון אַן אומפּאַרטייאישן פאַריין. זומער 1906 בערך אין יוני אָדער יולי האָט זיך אָרגאַניזירט דער טעקסטיל פאַריין פון פ. פ. ס. מיר האָבן באַקומען אַן איינלאַדונג צו דער גרינדונגס-פאַרזאַמלונג. עס זענען דעלעגירט געוואָרן די חברים פישל און בנימין זאב, די פאַרזאַמלונג איז פאָרגעקומען אין פאָזנאַנסקיס פאַבריק. באַלד נאָך דער גרינדונג האָבן מיר אָנגעקניפּט מיט זיי נענטערע באַציונגען און אָנגעהויבן אונטערהאַנדלונגען וועגן פאַרייניקן זיך מיט זייער פאַריין. די פאַרייניקונג האָט געזאָלט פאָרקומען גלייכצייטיק פון אונז מיט די ס. ס.

כּמעט אין דערזעלבער צייט זענען מיר אַלאַרמירט געוואָרן טעלעגראַפיש פון טאָמאַשאָוו, מיר זאָלן אַריבערשיקן אַ מענטש, אַ פאַכמאַן אין דער טעקסטיל־בראַנזשע, ווייל עס קומט דאָרט פאָר אַן אַלגעמיינער שטרייק פון האַנט-וועבער. איך בין גלייך אַרויסגעפאָרן און פאַרפאָרן צום ח׳ שוב, אַ העברעישער לערער, דער שפּעטער באַקאַנטער ח׳ כתריאל אָדער לעאָן כאַזאַנאָוויטש. געשטרייקט האָבן עטלעכע צענדליק וועבער, די לעצטע מאָהיקאַנער פון די האַנטוועבער אין טאָמאַשאָוו.

דער שטרייק איז געווען אַ האַרטנעקיגער פון ביידע צדדים. געהאנדלט האָט זיך ווי געוויינלעך: די אַרבעטער האָבן געפאָדערט אַ הוספה, און די פאַבריקאַנטן האָבן נישט געוואָלט געבן. אין טאָמאַשאָוו איז אָבער די לאַגע געווען אַ סך ערנסטער, ווייל די האַנט־וועבעריי האָט שוין געהאַלטן ביים אונטערגאַנג, און די פאַבריקאַנטן, ביי וועלכע מען האָט געשטרייקט האָבן בלויז געזוכט די געלעגנהייט פטור צו ווערן פון די פּאָר יידישע וועבער. אַזוי, אַז ס'איז געווען כמעט, ווי אויסזיכטלאָז צו פירן דעם שטרייק. ח' כתריאל און איך זענען באַפולמעכטיקט געוואָרן צו פירן די אונטערהאַנדלונגען מיט די פאַבריקאַנטן און גלייכצייטיק האָבן מיר אַ שמועס געטאָן מיט זיי וועגן אַריינגעמען יידישע וועבער אין די מעכאַנישע וועבערייען, ווי ס'האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, האָט אונזער אינטערווענץ גע־האַט דערפאָלג.

גלייכצייטיק האָבן מיר אויסגענוצט די געלעגנהייט און איינגעאָרדנט ערגיץ אין אַ שטוב אַן אומלעגאַלע פאַרזאַמלונג, וועלכע איז באַזוכט געוואָרן פון עטלעכע הונדערט חברים.

ווי געזאָגט האָב איך געוווינט אין דעם קליינעם דאַך־שטיבל ביים ח' כתריאל. איינמאָל שטיי איך אויף אינדערפרי און זוך מיין פּאַלטן — והילד איננו! אוועקגעקומען.

— וואָס איז געשען? אַ גנבה?

— ניין, ענטפערט ח' כתריאל און לאַכט.

— וואָס לאַכט איר? פרעג איך, איך בין דאָך געבליבן אָן אַ פּאַלטן.

נעמט מיך ח' כתריאל ביי דער האַנט און פירט מיך אַריין צו אַ שכן, אַ שניידער. דער פּאַלטן ליגט ברייטלעך אויף דעם טיש און איז אָנגעצייכנט מיט קרייד, ווי ווייט מען זאָל אים אַרומהאַקן... אַזוי האָט באַפוילן ח' כתריאל. קוים מיט מאַטערניש האָב איך דעם פּאַלטן מיינעם אַרויסגעראַטעוועט פון צו ווערן „פאַרגוּאישט".

לאָדזש האָט אָנגעפירט מיט דער אַרבעט אויך אויף דער פּראָווינץ. איינער פון די בעסטע פּראָווינץ־טוער איז געווען חבר מרדכי ראַקאָווסקי. אַ לענגערע צייט האָט ער געאַרבעט אין בענדין, פּאַביאַניץ, לאַסק, זאַווירטשע און פּרזשעדבאָרזש. דאָס לעצטע — אַ געוואַלטיק פאַנאַטיש שטעטל. ווי אין אַ סך אַנדערע שטעטלעך, איז אויך אין פּזשעדבאָרזש געקומען צו געשלעגן צווישן אונזערע חברים און די „שטערער פון דער אַרבעטער זאַך", ווי מען פלעגט זיי דעמאָלט רופן. כמעט דאָס גאַנצע שטעטל, אָנהויבנדיק פון די פּורמאַנעס ביז די חשובסטע סוחרים, אַריינגערעכנט אויך דעם איינציקן אינטעליגענט, דעם לערער, האָט אונז גערודפט. די טאַטעס האָבן געשלאָגן די קינדער אינדערהיים, און אין דער גאַס זענען

זיי געשלאָגן געוואָרן פון די ווילדע ייִנגען, פון פּורמאַנעס און גלאַס אַזוי פון ייִדן, ווען אונזערע חברים זענען נישט געפעלן.

די פּרושעדבאָרושער חברים האָבן זיך געווענדעט צו אונז וועגן הילף און מיר האָבן זיי די הילף צוגעשטעלט אויף צוויי אופנים: מיר האָבן אַריבערגעשיקט צוויי פון אונזערע באַיאָוועצעס קיין פּרושעדבאָרוש, די חברים יוסל קצב (היינט אין לאָדזש) און דעם שוואַרצן וואָלף (היינט אין אַמעריקע), און מיר אין לאָדזש, האָבן זיך גענומען טעראָריזירן די פּורמאַנעס. אויך ביי די סוחרים, וועלכע זענען געקומען קיין לאָדזש האָבן מיר קאָנפיסקירט זייערע סחורות. נאָך אַ באָיקאָט איבערן שטעטל און אַ לאַנגן קאַמף איז געקומען צו אַן אויסגלייך. יענער צד האָט באַצאָלט 400 רובל קנס און אָפּגעשטעלט קעגן אונז די רדיפות.

אונטער דער צייט איז דער שוואַרצער וואָלף אַרעסטירט געוואָרן אין נאָוואָ-ראַדאָמסק און דאָרטן אָפּגעזעסן אייניקע וואָכן. ווען דער שטורם האָט זיך אַביסל איינגעשטילט, בין איך און ח׳ מרדכי מיט נאָך צוויי פּרושעד-באָרושער אַריבערגעפאָרן ווייטער פירן די אָנגעהויבענע אַרבעט. מיר זענען אַוועקגעפאָרן פון לאָדזש ביינאַכט. פאַרטאָג זענען מיר געקומען, נאָך ראַ-דאָמסק, גענומען אַ דראָזשקע און ווייטער געפאָרן. מיר קומען אין אַ דאָרף, שטעלן זיך אָפּ ביי אַ קרעטשמע: ביטער! דריי קאָזאַקן זענען אונז מקבל-פנים, און מיר האָבן ביי זיך גראָד עטלעכע רעוואָלווערן. ווען אונז די קאָ-זאַקן באַזוכן, וועלן מיר גלייך ווערן פאַרשיט און גאָר מיאוס. ח׳ מרדכי פאַרלירט זיך אָבער נישט און באַגריסט זיך מיט די קאָזאַקן פריינטלעך. אין אַ רגע שפּעטער — ער איז שוין מיט זיי פאַן-בראַט און די באַגעגעניש גייט אַדורך בשלום. מיר קומען אַריין נאָך פּושעדבאָרוש — דאָס גאַנצע שטעטל קוקט אונז נאָך, און ח׳ מרדכי טריאומפירט, ווי אַ זיגער.

מיר זענען פאַרפאָרן אין אונזער קוואַרטיר, זיך אויסגערוט פון דער נסיעה, געגאַנגען עסן מיטאָג, זיך געבאָדן און צוריק-געקומען אין מרדכיס קוואַרטיר, וועלכע האָט זיך געפונען אין אַ פּראָנט-גאַס — פּראָנט אויפן 1-טן שטאָק. ווי מיר זיצן אַזוי און שמועסן, פאַלט אַרויס דער לופטשיק פון פענס-טער. אין 10 מינוט שפּעטער קומט אַרויף דער „סטאַרשי סטראַזשניק" מאַכן אַ פּראָטאָקאָל, פאַרוואָס דאָס פענסטער איז אַראָפּגעפאַלן און געקאָנט עמיצן לעכערן דעם קאָפּ. אויסגעגאַנגען איז עס צו אַ פּאָר גלעזלעך ביר מיט אַ שנאַפּס און — יוצא.

נאָכן אַוועקגיין פון דעם אומגעריכטן אורח זאָג איך צו מרדכין: עס וואָלט גלייך געווען, מיר זאָלן היינט דאָ נישט נעכטיקן, ווייל דער „גאַסט" האָט זיך עפּעס צופיל אַרומגעקוקט ביי דיר אין שטוב. מרדכי האָט זיך אויס-געלאַכט פון מיין פאָרזיכטיקייט און מיר דערקלערט, אַז דער „סטאַרשי

סטראַזשניק" קאָן אים שוין פון לאַנג און איז זײַנער אַ גוטער ברודער. ער האָט װײַטער פאַרזיכערט, אַז נישט בלויז דער „סטאַרשי סטראַזשניק", נאָר אויך דער אונטעראָפיציר, װעלכער געפינט זיך דאָרט מיט 15 זעלנער, איז אויך אַן „אײגענער" און יעדן פרײַטיק טוט ער אים צו װיסן, אין װעלכן װאַלד ער װעט דעם שבת „זוכן די בונטאָװשטשיקעס", כּדי מרדכי זאָל די פאַרזאַמלונג מאַכן אויף אַן אַנדער אָרט.

פרײַטאָק-צונאַכטס גאָלן עסן זענען מיר געװען אין גאָרטן. האָב איך זיך געבעטן בײַ מרדכין, ער זאָל נישט גײן אַהײם שלאָפן, נאָר מיר זאָלן שלאָפן אין גאָרטן אין דער בודע. מרדכי האָט זיך אָבער אײַגעשפּאַרט: דווקא אין דער קװאַרטיר. דער סוף איז געװען, אַז איך בין אַװעק מיט אַ חבר שלאָפן אויף אַ בוידעם אין הױ. זעקס אינדערפרי באַקום איך די בשורה, אַז מרדכי מיט נאָך עטלעכע אָרטיקע חברים זענען אַרעסטירט און מען שלאָגט זײ. זײ זאָלן אָנװײַזן דעם חבר, װעלכער איז נעכטן געקומען מיט זײ צו-פאָרן פון לאָדוש. בעת דער רעװיזיע האָט מען געפונען אַ פּאָר רעװאָלװערן און אַ פאָן.

אין שטאָט איז געװאָרן שמחת-תּורה: פּטור געװאָרן פון די סאָציאַליסטן אונזערע חברים זענען אַרומגעגאַנגען מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ. איך בין דעם גאַנצן טאָג נישט אַרויסגעגאַנגען אין גאַס. אויף דערנאַכט האָב איך באַ-שלאָסן גײן דורך די פעלדער אויפן נאָװאָראַדאָמסקער שאָסײ און אַװעקפאָרן. אַ זײגער 12 בין איך אַװעק נאָך װידאָמע. איך קום אויף דער בריק—שטײען זעלנער מיט פּאָליצײ. זײ פרעגן מיך גאָרנישט, נאָר מען איז מיך גלײך מכבד מיט נאַהײקעס. איך לויף צוריק און װער אַנטרונען פון זײערע הענט. איך זעץ זיך אויף אַ װאָגן און פאָר װידער, איך קום אויף דערזעלבער בריק, די זעלנער שטײען נאָך אַלץ, אָבער דער געטעטיקער סטראַזשניק פעלט אויך נישט. מען הײסט מיך אַראָפּגײן פונעם װאָגן און מען זוכט אין אים. נאַ-טירלעך געפינט מען גאָרנישט. הײסט מען דעם פורמאַן װײַטער פאָרן. איך בעט דעם פורמאַן, ער זאָל פאָרן פּאַמעלעך — טאָמער װער איך דאָך פרײ. מען נעמט מיך אויספרעגן װער אַ פּאַס, און פון װאַנען איך בין, און װי לאַנג האָב איך פאַרבראַכט אין שטעטל, און בײַ װעמען האָב איך זיך אויפ-געהאַלטן. כ'האָב אָנגערופן אַ נאָמען פון אַן אָרטיקן גביר, מײַנעם אַ קרוב. מען באַקוקט מיך פון אַלע זײַטן און אַ דאַנק מײַן לאַנגער קאַפּאָטע האָבן זײ געפּסקנט: „עטאָ כאַסיד, עטאָ ניע סאָציאַליסטאַ". מען האָט מיר װידער אָרײַנ-צימבלט אַ פּאָר נאַהײקעס, איך בין נאָכגעלאָפן נאָך דער פור און בין מיט מזל ניצול געװאָרן פון זײערע הענט.

חבר מרדכי איז אַרויסגעשיקט געװאָרן קײן קאָנסק (אין פּאָװיאַט) און דאָרט איז ער אָפּגעזעסן עטלעכע װאָכן. איך בין אויף אַ שבת געקומען קײן

קאָנסק און זיך געזען מיט מרדכין אין דער טורמע. ער איז געזעסן אין אַ קאַמער מיט נאָך צוויי פּ.פּ.ס., וועלכע זענען באַשולדיקט געוואָרן אין אַן אָנפאַל אויף אַ מאָנאָפּאָל און קאָנפיסקירן דאָס געלט פאַר דער פּאַרטיי. דער רעזשים אין דער טורמע איז געווען אַ גאַנץ לייכטער.

מיט צוויי וואָכן שפּעטער האָבן אונזערע קאָנסקער חברים צוזאַמען מיט אייניקע ס. פּ. ס.אָוצעס באַפרייט פון טורמע דעם חבר מרדכי צוזאַמען מיט די פּוילישע חברים. צוויי חברים זענען אַריין צום „קלוטשניק" אין שטוב און אים געבעטן אַריינגעבן עסן די חברים. זיי האָבן אים דערביי גוט באַ־פרידיקט. דער אויפזעער איז מרוצה געוואָרן און גענומען די שליסלען אין האַנט. האָבן חברה אונטער דער דראָונג פון רעוואָלווערן ביי אים די שליס־לען צוגענומען, אים מיט זיינע בני-בית פאַרשלאָסן אין אַ ליידיקער קאַמער און די באַפרייטע האָבן געמאַכט ויברח... ח' מרדכי האָט זיך דערנאָך מער נישט באַטייליקט אין דער באַוועגונג. אַוועק נאָך אַמעריקע און פאַרשוואונדן, ווי פיל הונדערטער אַנדערע, וואָס דער שטורם האָט זיי געהאַט מיטגעריסן...

* * *

דער ערשטער אַרעסט ביי אונזערע חברים אין לאָדזש איז פאָרגעקומען ענדע דעם 6-טן יאָר אין דער קוואַרטירע פון אונזער חבר ישראל טאַבאַקס־בלאַט, ווסכאָדניאַ 21. פּאָליציי האָט אַרומגערינגלט דאָס הויז און אַרעסטירט ביז 100 פּערזאָן, פּאָליציי האָט אויך געמאַכט אַ גרינטלעכע רעוויזיע אין דער פּריוואַטער וואוינונג פון ח' טאַבאַקסבלאַט. צום גליק האָט מען אין אַ פּאָר שעה פריער פון דאָרטן אַרויסגענומען אַ סאַך געווער, וואָס מיר האָבן דאָרט געהאַט ליגן. די אַרעסטירטע זענען נאָך אַ פּאָר טאָג זיצן באַפרייט געוואָרן. בלויז איין חבר איז געבליבן זיצן אַדמיניסטראַטיוו דריי חדשים; חבר אַברהם פינקלשטיין. אָפּגעזעסן איז ער די שטראָף אין לענטשיץ און איז אַרויס פון טורמע אַ קראַנקער, אַ צעבראָכענער.

אונזערע אונטערהאַנדלונגען מיט די פּ. פּ. ס. זענען געווען אויף אַ גוטן וועג און מיר האָבן זיך גענומען גרייטן צו דער ענדגילטיקער פאַראייני־קונג. מיר און די ס. ס. האָבן צונויפגערופן אַ געמיינזאַמע פאַרזאַמלונג און אויסגעוויילט דריי דעלעגירטע אין צ. ק. פון די פּראָפּ. פאַריינען, ווייל דער פאַריין איז געווען נישט אַ לאָקאַלער, נאָר אַרומגענומען גאַנץ פּוילן און די לאָדזשער פאַרוואַלטונג איז געווען גלייכצייטיק דער צ. ק. די וואַלן זענען געווען לויטן מערהייטס-סיסטעם און מיר האָבן מאַיאָריזירט די ס. ס. און אַדורכגעפירט דעם שרייבער פון די שורות, בנימין זאב און דעם בונדיסט יאַנקל פוקס. אונזער פאַרמעגן 300 רובל און 100 פון די ס. ס. האָבן מיר אַריינגעגעבן אין דער אַלגעמיינער קאַסע.

אי'ך בין נאָך געגאַנגען לאַנג געקליידט, און נאָך דער ערשטער זיצונג

פון דער פאַרוואַלטונג, האָט מען מיר געלאָזט זאָגן דורך דעם ח׳ בנימין זאב, אַז ס׳איז נישט געווונטשן, אַ לאַנג געקליידעטער זאָל זיך באַטייליקן אין די זיצונגען, וועלכע קומען פאָר ס׳רוב אין פאַבריקס-לאָקאַלן, אָדער אין פּאַמיליען-הייזער ביי די פאַבריקן אין אַ זונטיק-פאַרמיטאָג. האָב איך זיך אָנגעהויבן קליידן קורץ.

די אַרבעט אין דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג איז אַוועק לעבעדיק. אונזער פאַריין איז געוואַקסן און מיר זענען געוואָרן אַ שטאַרקער קאָנקורענט פאַרן בונד. די צאָל פון אונזערע מיטגלידער (יידישע) איז געשטיגן ביז 1500, דער בונד האָט אַראָפּגעבראַכט קיין לאָדזש זיינע בעסטע כחות אָפּצושלאָגן אונזערע אַטאַקעס. עס האָט זיך אים נישט איינגעגעבן. אונזער פאַריין איז אויסגעקומען צו פירן אַ פאַרטיידיקונגס-קאַמף קעגן דעם באַוווסטן לאָקאַוט, וועלכער האָט געדויערט אייניקע חדשים און אַרומגעכאַפּט העכער 20 טויזנט אַרבעטער. פון אונז דריי יידן האָט נאָר איינער, בנימין זאב, גערעדט פּויליש. איך און דער ח׳ יאַנקל פוקס האָבן גערעדט יידיש, וואָס אַ טייל האָט פאַרשטאַנען און א. רזשעווסקי, דער שפּעטערדיקער לאָדזשער פּרעזידענט, האָט זאָגאַר זיך געפלייסט אַליין צו רעדן מיט אונז יידיש. די גאַנצע פאַרוואַלטונג איז באַשטאַנען פון אַרבעטער און מייסטער. ציטנוויין פלעגט אויף די זיצונגען קומען אַן אינזשיניער (אַן שטים-רעכט) אַ פּ. פּ. ס., אַ ייד, זיך צוקוקן צו אונזער אַרבעט און מיטהעלפן מיט אָנווייזונגען. איינמאָל האָט ער אַריינגעטראָגן אַ פאָרשלאַג, מען זאָל אויסבאָרגן דער פאַרטיי 300 רובל. מיר, יידן, זענען געווען דערפאַר און די פּוילישע חברים קעגן; זיי האָבן עס מאָטיווירט דערמיט, וואָס אַזוי ווי מיר באַשטייען פון דריי פאַרטייען, און עס קאָן טרעפן, אַז אַ יידישע פאַרטיי וועט אויך וועלן באָרגן, און מיר ווייסן נישט אויב זי קאָן נישט אַמאָל דורכפאַלן, ווילן מיר אונזערע אויך נישט באָרגן, כדי נישט באַפאָרצוגן איינע פאַר דער צווייטע.

אין 7-טן יאָר איז דער פאַריין לעגאַליזירט געוואָרן און אָנגעהויבן פירן אַ ברייטע טעטיקייט, אַרויסגעגעבן אַ צייטונג אין פּויליש, און געשטיצט אַ יידישן פּראָפעסיאָנעלן אָרגאַן. אָבער דאָס האָט נישט לאַנג געדויערט און דער פאַריין איז פאַרמאַכט געוואָרן. די גאַנצע פאַרוואַלטונג, ווי אויך אַ גרויסע צאָל מיטגלידער, וועלכע זענען צופעליק געווען אין פאַריין, זענען אַרעסטירט געוואָרן, אַ גרויסער טייל איז פאַרשיקט געוואָרן קיין סיביר. אַזוי האָט זיך געענדיקט אַ בלעטל געשיכטע פונם יידיש-פּוילישן אַרבעטער-לעבן.

גענויער וועגן דעם, ווי דער פאַריין איז געווען געבויט, און ווי די יידישע אַרבעטער האָבן זיך דאָרט איינגעאָרדנט, האָב איך געשריבן אין דער „פּראָפעסיאָנעלע וועלט״ נומער 5, 1919.

פּנחס גראַובאַרד

אין יענע טעג

קליינע זאַכן, דראָבנע זאַכן. אָבער זיי שאַפֿן דעם טאָן פֿון אונזער לעבן, זיי זענען די לופֿט, מיט וועלכער מיר אָטעמען, און פֿון זיי וועל איך רעדן.

מיר האָבן געפֿירט אַ שטרייק פֿון די דינסט־מיידלעך אין אונזער קליינעם, ליבן שטעטל סאָכאַטשאָוו. אין די גרויסע שטעט האָט מען דעם גענוג אויפֿצוהייבן די פֿאַבריקן און זאַוואָדן, ווען אַרבעטער־פּראָלעטאַריער אין די טויזנטער וואַרפֿן אַוועק די אַרבעט און שטעלן אַרויס פּאָליטישע אָדער עקאָנאָמישע פֿאָדערונגען. וואָס פֿאַר פּראָלעטאַריער האָבן מיר געהאַט אין שטעטל? צו ביסלעך צו קאַפּעלעך שניידער, שוסטער, סטאָליאַרעס, קירזשנער. שינדל־מאַכערס. מיר האָבן זיי אַגיטירט מיט גרויס אימה און פּחד, זיי זאָלן זיך נישט אַרויסגליטשן פֿון אונזערע הענט...

בכלל האָבן מיר אין שטעטל אַגיטירט און סאָציאַליסטיש צוגעגרייט יעדן איינעם, וואָס האָט נאָר געהאַט די מינדסטע ענלעכקייט צו אַ פּראָלעטאַריער. מיר זענען טיילמאָל איבערגעגאַנגען די גרעניץ און אַריינגעשלעפּט אין דער פּועלי־ציוניסטישער אַרבעט יונגע באַלעבאַטישע קינדער, וואָס האָבן אינגאַנצן נישט געהאַט קיין שייכות צו פּראָלעטאַריער.

מיט די דינסטמיידלעך איז אַפֿילו צוגעגאַנגען אַביסל שווערלעך. ערשטנס האָט מען זיי געדאַרפֿט לאַנג אַריינקלאַפּן אין קאָפּ אַריין, אַז זיי זענען מענטשן גלייך מיט אַלעמען און דאַרפֿן זיך אומבאַדינגט אויסקעמפֿן אַ בעסער לעבן, וואָס דאָס איז פֿאַר זיי געווען נישט אינגאַנצן פֿאַרשטענדלעך. צווייטנס — האָבן די באַלעבאַטים געמאַכט קולות און גוואַלדן איבערן

גאַנצן שטעטל, אַרייַנגעטאָן די פינגער אין די לאַנגע בערד און געשריגן:
צו דינסטמיידלעך קריכט איר שוין, נישט געדאַכט זאָלט איר ווערן! דווקא פאַר סאָציאַליסטקעס ווילט איר זיי מאַכן! אַנדערש לוינט אייך נישט. מיר וועלן אייך ווייזן, יונגאַטשעס, ווער איר זענט. גאָט צו דאַנקען פאַראַן נאָך פּאָליציי אין שטעטל!
יאָ, אין שטעטל איז טאַקע געווען פּאָליציי, אָבער אונזער חוב איז געווען צו קעמפן מיט איר. דעריבער האָבן מיר זיך נישט איבערגעשראָקן און ווייטער געפירט דעם שטרייק. די שטעטלטישע באַלעבאַטים זענען גע־שפּרונגען פון דער הויט, איינער פון זיי האָט אַפילו געקראָגן אַ פּאָר פּיי־ערדיקע פּעטש. פאַר דעם געפּאַטשטן האָט זיך אַפילו איינגעשטעלט מיינער אַ קרוב — אַ בייז פרום יידל, וואָס האָט זיך אַמאָל געריסן די האָר פון קאָפּ, ווען ער האָט דערזען מיט זיינע שאַרפע אייגעלעך, ווי גדליה וואַר־שאַווסקי, דער פאָטער פונם שריפטשטעלער עוזר וואַרשאַווסקי, האָט דער־לאַנגט אַ מיידל די האַנט...
דער דאָזיקער קרוב האָט אונדז אָנגעהויבן שטאַרק צו דערקוטשען' קריכן אין די ביינער מיט כטראַשונקעס און מסירות...
האָבן מיר זיך פאַרזאַמלט און אים געמשפּט. כמעט איינשטימיק איז אַרויסגעטראָגן געוואָרן דער פּסק־דין, מען זאָל אים גוט אָנברעכן די ביינער.
דער פּירער פון אונזער קליינטשיקער „באָיוווקע" האָט געהייסן „אַמני־בוס" — מיט דעם דאָזיקן אויסטערלישן נאָמען איז ער געקרוינט געוואָרן דערפאַר, ווייל ער, אַ ברייטער, אַ געזונטער, האָט זיך תמיד שווער באַ־וועגט און בעת מעשה זיך געוויגט מיטן גאַנצן גוף אויף רעכטס און אויף לינקס, ווי אָן אמתער אַמניבוס. איצט האָט ער געדאַרפט אויספירן דעם פּסק־דין. אַ קאַלטער און אַ רויקער האָט ער שווער אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און אַרויסגעמורמלט:
— נו, איר קאָנט אייך שוין פאַרלאָזן, עס וועט שוין זיין גוט...
אין אַ פינסטערן פאַרנאַכט האָט ער מיט נאָך אַ פּאָר באָיוווקע־חברים אַרויסגענאַרט דעם קרוב פון שטוב, אַוועק מיט אים אינעם טויט־שטילן קאָ־זע־געסל און דאָרט אים טאַקי, ווי געהעריק, מקיים פּסק־געווען. דער קרוב האָט געמאַכט אַ גוואַלד און חברה איז זיך צעלאָפן.
מיר האָבן געמיינט, אַז איצט וועט נעמען אַ סוף צו די סטראַשונ־קעס און מסירות, און האָבן זיך טועה געווען. ווי נאָר דער קרוב איז גע־קומען צו זיך נאָך די קלעפּ אין קאָזע־געסל, האָט ער צונויפגענומען אַ חברה יידן און באַפאַלן אונזערע צוויי חברים און זיי געשלאָגן ביז חלשות. איינער פון די צוויי איז טאַקי שפּעטער פון די קלעפּ געשטאָרבן.
האָבן מיר זיך ווידער פאַרזאַמלט און ווידער געמאַכט אַ משפּט. אַזוי

ווי איינער פון די שלעגער, אהרן ב., האָט זיך באַזונדערס אויסגעצייכנט מיט זיין אַכזריות, האָבן מיר אים צוגעמשפּעט די העכסטע שטראָף: דערשיסן.

אונזער „טריבונאַל" האָט געפירט די זיצונג אין אָוונט אין אַ קליינעם בוידעם-שטיבל, ביי אַ חבר אַ זאָקנמאַכער, וואָס האָט פאַרמאָגט אַ קליינעם אייגענעם וואַרשטאַט און איז צען מאָל אין טאָג געשטאָרבן פאַר הונגער. אינעם בוידעם-שטיבל איז געווען שמוציק, ברודיק, צום טיש איז געווען צוגעטשעפּעט אַ זאָקן-מאַשין און נישט ווייט איז געשטאַנען אַ שפּיןראָד מיט אָנגעצויגענע פעדעם. אין די שמוציקע בעטן זענען געשלאָפן די קינדער: בלאַסע, שמוציקע פּנימלעך מיט צוגעמאַכטע אויגן, סאַפּענדיקע נעזלעך און צעשויבערטע האָר. זיי זענען געלעגן אין קופּקעלעך, האַלב צוגעדעקט מיט שמאַטעס, ווי ביי רייזענען אין ליד: „הענטלעך און פיסלעך געפלאָכטן צוזאַמען". קענטלעך, אַז אין איין בעט שלאָפט מיט די קינדער דער טאַטע, און אין דעם צווייטן בעט מיט זיי — די מאַמע...

די מאַמע האָט זיך איבעריקנס צוגעשפּאַרט אויף אַ קאַסטן און געדרעמלט... די פענסטער פון בוידעם-שטיבל זענען געווען פאַרשטעקט מיט קישנס און פּאַרקלעפּט מיט צייטונגס-פּאַפּיר. אויפן טיש האָט געברענט אַ קליין נאַפט-לעמפּל מיט צוויי רויכערדיקע שפּיצן אין קנויט, און צעשפּרייט אַ געל מוטנע ליכט, געמישט מיט רויך און טשאַד. מיר זענען געזעסן צוזאַמען ביים טיש מיטן זאָקנמאַכער און באַטראַכט די מיטלען, ווי אַזוי אויסצופירן דעם האַרבן פּסק-דין איבער דעם אהרן ב.

פּלוצלינג האָט זיך דעם זאָקנמאַכערס ווייב איבערגעוועקט. זי האָט אויפגעעפנט די אויגן און דערזעען אונזערע פּנימער פון פאַרשווערער ביים מוטנעם ליכט פון רויכערדיקן לעמפּל.

— וואָס איז דאָס? האָט זי זיך אויפגעהויבן און אַוועקגעשטעלט אין מיטן צימער, וואָס זענען דאָס פאַרא פאַרזאַמלונגען, פרעג איך אייך? זי איז צוגעלאָפן צום מאַן אים גענומען שאָקלען ביים אַקסל:

— שלימזל, אַ בראָך און אַ מכה דיר אין די ביינער אַריין, ווי קומען זיי אַהער? וואָס פאַרא געשעפטן האָסטו מיט זיי? ביזט דאָך כלומרשט אַ באַלעבאָס, אַ פאַבריקאַנט, אַ זאָקנמאַכער, וואָס אַרבעט פאַר זיך מ'שטיינס געזאָגט. און זיי זענען שטרייקערס, סיבירניקעס, סאָציאַליסטן, זיי וועלן פאַר דיר אַ פינגער אין קאַלטן וואַסער נישט אַריינטון, זיי וועלן פאַר דיר נישט שטרייקן, און וועלן דיר נישט העלפן, אַז דו זאַלסט אַפילו פּגרן פון הונגער זיי אין די אויגן".

